STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00714

POYLN

Yehiel Yeshaia Trunk

Permanent preservation of this book was made possible by
Dr. Jack & Helen Mandiberg
in memory of
Isreal & Gahyl Berkenblit

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

י. י. טרונק

פוילן

זכרונות און בילדער

י. י. טרונק

פוילן

זכרונות און בילדער

זעקסט בוך

לאָדזש צווישןביידע

וועלט־מלחמות.

פאַרלאַג „אונזער צייט"
ניו־יאָרק, 1951

J. I. TRUNK

POILN

BOOK SIX

Copyright 1951
by
FARLAG UNSER TSAIT

Published by
FARLAG UNSER TSAIT
175 E. Broadway, New York 2, N. Y.

Printed in U. S. A.

Printed by
GRENICH PRINTING CORP.
New York 1, New York
(166)

אינהאַלט:

זייט

קאַפּיטל איינס

איך בין אין דער שווייץ — 9

קאַפּיטל צוויי

שמועות פון פּוילן — — — 11

קאַפּיטל דריי

אין קיר"ה פּייפּט דער דלות — 15

קאַפּיטל פיר

איך האָב מיר פאַרשאַפט אַ שיינעם נאָמען אין ציריך — 23

קאַפּיטל פינף

דר. שטערנבערג אין לאַנגן טער־קישן טלית־קטן איז מיר מוסר אַ סוד — — — — — — — 27

קאַפּיטל זעקס

דאָראָשקעס פאָרן אין דער מיל אַריין — — — — — — — 31

קאַפּיטל זיבן

ווין — — — — — — — 37

קאַפּיטל אַכט

דער ווייסער פּוילישער אָדלער— 41

קאַפּיטל נײַן

לאָדזש און די רוסישע מרחקים — — — — — — 45

קאַפּיטל צען

חורבן בית־ווינער — — — 49

קאַפּיטל עלף

שיע שפּערלינסקי — — — 53

קאַפּיטל צוועלף

באַלוטער נויט — — — — 57

קאַפּיטל דרייצן

אַ נייער נאָמען פון אַ גביר קלינגט שאַליק איבער פּוילן— 61

זייט

קאַפּיטל פערצן

שלום ביאַלער איז די זיסע ראָזשינקע פון דעם הויז־געזינט ווינער — — — — — — 67

קאַפּיטל פופצן

אויפן שייד־וועג פון די תקופות — — — — — — 71

קאַפּיטל זעכצן

דיאַלעקטיש ווידערשפּיל — — 77

קאַפּיטל זיבעצן

דאָס מזל האָט פאָרט נישט פאַרגעסן אַן אַלטן וואַרשעווער גביר — — — — — — — 83

קאַפּיטל אַכצן

מלכותא דארעא כמלכותא דרקיעא — — — — — — 89

קאַפּיטל נײַנצן

די פּראָזע און די דיכטונג — 93

קאַפּיטל צוואַנציק

אויף אַלע געביטן רייסט זיך לאָדזש צו דער מזרח־וואַנט— 97

קאַפּיטל איין און צוואַנציק

קיינער ווייסט נישט וועמען די פייגעלעך אויף דיביימער ציען אַרוים דאָס גרויסע געווינס — 101

קאַפּיטל צוויי און צוואַנציק

די מוזעס זענען פאָרט ווייבער— 105

קאַפּיטל דריי און צוואַנציק

די געשיכטע איז אַ גוטער רעזשיסאָר — — — — — — 109

קאַפּיטל פיר און צוואַנציק

דיכטער און מאָלער — אַ סיאַמעזער צווילינג — — — — 115

זייט

קאַפּיטל פינף און צוואַנציק
פּעלאַ האָט ליב פּאָעזיע — — 123

קאַפּיטל זעקס און צוואַנציק
מאַקס שידלאָווסקי האַלט וואָרט — — — — — — — 129

קאַפּיטל זיבן און צוואַנציק
מיט גאָלדענע האַרפעס און מיט שטאָלענע שווערדן — — — 131

קאַפּיטל אַכט און צוואַנציק
די געשיכטע חזרט איבער אירע מאָטיוון — — — — — — — 135

קאַפּיטל ניין און צוואַנציק
יוסף אַפּאַטאָשו קומט קיין פּוילן — — — — — — — 143

קאַפּיטל דרייסיק
בית-קאַצענעלנסאָן אין לאָדזש— 145

קאַפּיטל איין און דרייסיק
אַ געשפּענצט פון משכילישן פּאַרצייטנס — — — — — 153

קאַפּיטל צוויי און דרייסיק
אַן אַלטער וואָלאָזשינער אַפּי-קורוס — — — — — — — 159

קאַפּיטל דריי און דרייסיק
ביי יצחק קאַצענעלנסאָן אין קאַ-בינעט טרעפן זיך די לאָדזשער יידישע אינטעליגענץ — — 165

קאַפּיטל פיר און דרייסיק
קינדער וואָס שטאַרבן יונג — 167

קאַפּיטל פינף און דרייסיק
ישראל ליכטנשטיין — — 171

קאַפּיטל זעקס און דרייסיק
אין די שויפענצטער פון וואַר-שעווער קראָמען — — — — 177

זייט

קאַפּיטל זיבן און דרייסיק
אַ בונדישער תלמיד חכם — 183

קאַפּיטל אַכט און דרייסיק
פּראָאים לאָזער — — — — 187

קאַפּיטל ניין און דרייסיק
אַן אַלטע לאָדזשער משפחה — 193

קאַפּיטל פערציק
דאָס בעסטע פון די עשר-מכות — — — — — — — — 199

קאַפּיטל איין און פערציק
ליטעראַרישע פּריוואַטיק צו-נאַכטסן — — — — — — — 205

קאַפּיטל צוויי און פערציק
באַבעקן דוכט זיך אויס אַז די זון שיינט אַפילו ביינאַכט — 209

קאַפּיטל דריי און פערציק
אַ באַלוטער שטיבעלע אין מיטן פּרוסאַקס באַלעבאַטישן הויף — 215

קאַפּיטל פיר און פערציק
וואָס איז די וועלט אויב נישט אַ שאַליק געזאַנג פון פרייד ?— 219

קאַפּיטל פינף און פערציק
אויך הינט האָבן זייערע בע-לעמער נאַראַנים — — — — 223

קאַפּיטל זעקס און פערציק
געבענטשט זאָלן זיין די שטערן אין הימל — — — — — 229

קאַפּיטל זיבן און פערציק
אין אַ ווינטער-נאַכט אויף דער פּוסטער ליפּאָווער גאַס — — 233

קאַפּיטל אַכט און פערציק
איך ציִ מיך אַריבער קיין וואַרשע — — — — — — — 243

קאַפּיטל איינס

איך בין אין דער שווייץ. אַ שטיל אינדזל אינ־
מיטן אַ בלוט־ים. מענטשלעכע קאָמעדיע. אויסגע־
שפּילטע העלדן קומען זיך אָפּרוען.

ווען די ערשטע וועלט־מלחמה איז אויסגעבראָכן בין איך געווען אין דער שווייץ. די גרענעצן קיין פּוילן האָבן זיך פאַרהאַקט און איך בין פאַרבליבן במשך די עטלעכע מלחמה־יאָר אין דעם דאָזיקן קליינעם אַלפּן־לאַנד. אַרום און אַרום דער שווייץ האָט אייראָפּע געברענט אין פייער פון בלוטיקע שלאַכטן, אין טויט און פאַרניכטונג. שווייץ איז געווען ווי אַ קליינער אַזיל פון שלום אינמיטן אַ צעיושעטער וועלט.

מיר, וואָס זענען געווען פון די דורות פון אַ פרידלעך אייראָפּע, האָבן, זיצנדיק אין דער שווייץ, זיך אייגנטלעך נישט געקאָנט גוט פאַר־שטעלן וואָס עס טוט זיך איבער די גרענעצן. מיר האָבן געלייענט אין די צייטונגען און טיילמאָל געזען געקומענע יחידים פון דעם צעבלוטיקטן אייראָפּע. יחידים וואָס עס איז זיי געראָטן זיך אַריבערצוכאַפּן אויף אַ צייט אינם קליינעם לאַנד און דאָרט אָפּצואָטעמען. זיי האָבן דערציילט פון די גרוילן און פון דעם הונגער. שפּעטער האָבן זיך אָנגעהויבן צו באַווייזן פאַרקריפּלטע סאָלדאַטן וועלכע די קעמפנדיקע מלוכות האָבן אַרויסגעלאָזט פון געפאַנגענשאַפט. מחמת דאָס דאָזיקע מענטשן־מאַ־טעריאַל האָט שוין צו גאָרנישט געטויגט. אין אָט די אויסגעשפּילטע קעמפער האָט מען געזען, אַז די ערגסטע קראַנקהייטן זענען נישט בכוח אַ מענטשלעכן גוף אַזוי צו פאַרקריפּלען ווי עס טוט דער מענטש גופא. מענטשלעכע „פאַרזעעניש" צעשניטענע און מכלומרשט צוזאַמענגעשטו־

קעווענטע אין די שפּיטעלער. גראָטעסקע און אויסטערלישע קאַליקעס אין די סאָלדאַטסקע מונדירן פון אַלע אייראָפּעאישע אַרמייען, קאַליקעס מיט מעדאַלן אויף דער ברוסט — אַ, זיי האָבן אויסגעקוקט ווי דער גרעסטער אָפּשפּעט פון מענטשן אויף זיך אַליין, אויף זיין מאַכט און אויף זיין רום.

אָבער די שווייץ איז נאָך אַלץ געווען דאָס שטילע אינזל אינמיטן דעם בלוט־ים. די בערג־שפּיצן אויף אירע לאַנדשאַפטן האָבן אַלע אָוונט געגליט אין די האָריזאָנטן אין אַ רויטלעך־גאָלדיקן אומעט.

אין דער שווייץ זענען געבוירן געוואָרן מיינע צוויי טעכטער. מיין עלטסטע טאָכטער איטע, און אַ צווייטע טאָכטער ברכה (בעאַטי) וועלכע איז שפּעטער געשטאָרבן אין פּוילן.

קאַפּיטל צוויי

שמועות פון פּוילן. די דייטשן פון דער ערשטער וועלט־מלחמה. דייטשע ראַבינערס. דער „בונד“. פון דעם אַלגעמיינעם חושך שיסט עס אַרויס מיט נייע גבירים ווי מיט גאָלדענע ראַקעטן.

אייראָפּע האָט געפלאַקערט אין פעלקער־שלאַכטן. פּוילן איז געלעגן ווייט הינטער די פייערן ווי הינטער אַ ברענענדיקן שלייער. פון דאָרט זענען כסדר אָנגעקומען ידיעות. טרויעריקע און טראַגישע ידיעות וועגן הונגער און נויט. עס איז אויך אָנגעקומען די טרויעריקע בשורה אַז פּרץ איז געשטאָרבן. אָבער אויך ידיעות וואָס האָבן געשלאָגן מיט טיפער האָפערדיקייט און גלויבן. ידיעות פון מוט און באַנייאונג. דער פרילינג וואָס האָט זיך מיט אַזוי פיל אימפּעט גענומען אַ דורכברעכן דורך די חורבות האָט דערגרייכט צו אונז קיין שווייץ ווי אַ פריידיקע בשורה. ווי מערקווירדיק זענען די וועגן פון שיקזאַל אויף די פּליינען פון דער געשיכטע! די דייטשן האָבן מיט צוואַנציק יאָר שפּעטער אויסגעראָטן אויפן אַכזריותדיקסטן אופן דאָס יידישע פאָלק אין פּוילן. די זעלביקע דייטשן האָבן דעמאָלט גאָר צוגעהאָלפן צו ברענגען די נייע האָפענונגספולע תקופה אין יידישן לעבן אין פּוילן. די רוסישע ממשלה איז במשך פון הונדערט און פופציק יאָר געלעגן איבער פּוילן ווי אַ שווערע און פינצטערע פויסט. זי איז אָפּגעווישט געוואָרן פון דער נעמלעכער דייטשער שווערד וואָס האָט מיט צוואַנציק יאָר שפּעטער געטראָגן אויף זיך די פינצטערסטע בלוטדורשטיקייט פון דער חיה וואָס איז נאָך פאַרבליבן אינעם מענטש. פּוילן האָט במשך דער רוסישער הערשאַפט אײַנ־

גאַנצן באַלאַנגט צום קולטור־קרייז פון מזרח. זי האָט אויפגעהאַלטן אין זיך די פאָרמען פון יידישקייט ווי אַזוי זיי האָבן זיך במשך אַ סך הונ־דערטער יאָרן אויסגעשטאַלטיקט אין דער מיליאָניקער געמיינשאַפט פון יידן אין די מזרח־סלאַווישע לענדער. דורך דער דייטשער אינוואַזיע האָט זיך פוילן מיטאַמאָל און מיט אימפעט איבערגעקערט צו מערב. אַלצדינג האָט זיך ראָש געביטן. אַפילו די אָרטאָדאָקסיע האָט זיך געביטן. די אָרטאָדאָקסיע אין פוילן האָט אויף דעם עקשנותדיקסטן אופן אויפגע־האַלטן איר לעבנס־שטייגער במשך לאַנגע, לאַנגע צייטן. זי האָט נישט געוואָלט איינגיין אויף קיין פשרות און אין אירע רייען מקפיד געווען אויפן קלענסטן קוצו של יוד און דעם מינדסטן בענדל פון אַ שוך. מיטאַמאָל האָט אויך די אָרטאָדאָקסיע זיך אַ וואַקל געטאָן און אויפגעפּראַלט אַ פענצטער צו מערב. די דייטשע רבנים זענען פון תמיד פון פרומע פוילישע יידן באַטראַכט געוואָרן סך־הכל ווי האַלב־פרומע יידן, און דאָס מחמת ווייל דייטשע רבנים רעדן גוייש, טראָגן קורצע מלבושים און שערן זיך אונטער די בערדלעך. אין פוילן האָט מען נישט געהאַט קיין אמונה אין דייטשער פרומקייט און אין דייטשער לומדות. פוילישע יידן האָבן נישט געוואוסט פון קיין קונצן. עס איז נאָר פאַראַן איין נוסח פון פרומער יידישקייט — און דאָס איז נוסח־פוילן. פוילישע יידן האָבן אַמאָל געטראָפן דייטשע רבנים אין די אויס־לענדישע וואַרים־בעדער און זיך נישט איינמאָל געחידושט צו הערן פון אַט די האַלבע גויים אַ גמרא־וואָרט צי גאָר אַן אָפּגעהיטנקייט אין יידישן דין. אין דער מלחמה־צייט זענען די דייטשע רבנים געקומען קיין פוילן צוזאַמען מיט די זיגרייכע דייטשע אַרמייען. זיי זענען געקומען ווי יידן מקורבים פון נייעם מלכות. מלכות איז פון תמיד אַן געווען אַן אַטראַקציע פאַר פוילישע פרומע יידן. די רבנים אין די קורצע רעקלעך פון אַשכנז האָבן גענומען באַלעבאַטעווען אין די „היכע פענצטער" פון פוילישע חסידים. די אַלטע פעסטע מויער האָט זיך געבראָכן. די יידישע אָרטאָדאָקסיע האָט זיך גענומען אָרגאַניזירן אין אַ מאָדערנער פּאַרטיי — „אַגודת שלומי אמוני ישראל". אַ פּאַרטיי לויט אַ מערב־אייראָפּעאישן מוסטער. אַ, ווען ר' יואל וועגמייסטער וואָלט אויפגעשטאַנען פון זיין קבר און געזען וואָס פוילישע חסידים האָבן געמאַכט פון די פּאַרצייטישע

חדרים וועלכע ער, ר׳ יואל, האָט מיט אַזוי פיל שתדלנות און קערבלעך אָפּגעשריגן ביים רוסישן מלכות. ר׳ יואל וואָלט זיכער נישט דערקענט די חסידים און דעם גערער „הויף״. חסידים אַליין האָבן אָנגעהויבן צו מאַכן פרומע „שקאָלעס״ און מאָדערניזירט די חדרים. אמת, דערפאַר וואַקסן נאָך די פיאות ביי אַ טייל פון דער חסידישער יוגנט,—אָבער אומעטום דערקענט מען די השפעות פון די צוויי דייטשע רבנים קאָהן און קאַרלבאַך. הגם זיי האָבן שפּעטער געמוזט פאַרלאָזן פוילן צוזאַמען מיט די געשלאָגענע דייטשע אַרמייען, אָבער זיי האָבן הינטער זיך איבערגעלאָזט אַלערליי אונטערגעשוירענע בערדלעך וואָס זענען גאָר געוואָרן גאַנצע פירער ביי דער אָרגאַניזירטער אַגודה.

די צייטן האָבן זיך שטאַרק געביטן פאַר די „אונטערגעשוירענע בערדלעך״ צווישן פוילישע חסידים, מע האָט זיי מער נישט אַרויסגעוואָרפן פון די שטיבלעך ווי אין די גוטע און פרומע יאָרן פאַר דער מלחמה. דאָס אַלץ האָבן מיר געהערט אין דער שווייץ.

ס׳איז אויך אָהערגעקומען די ידיעה, אַז דאָס ביז איצט גרויסע ראָמאַנטישע געהיימניש, דער „בונד״, האָט זיך אַנטפּלעקט ווי אַ מעכ־טיקער רעאַלער כוח אין דער יידישער עפנטלעכקייט אין פוילן. פאַר דער מלחמה איז דער „בונד״ ווי אַ העראָאישע בשורה געלעגן באַהאַלטן אין די אונטערערדישקייטן פון יידישן לעבן. פון דאָרט האָט ער געפירט אַן אומאויפהערלעכן קאַמף פאַר דער סאָציאַלער און נאַציאָנאַלער באַפרייאונג פון די יידישע מאַסן. דער בונדישער קאַמף פאַר יידישער רעכטלעכקייט איז געפירט געוואָרן פון פאַנטאַסטישע אַנאָנימען וועלכע קיינער האָט נישט געזען. מע האָט בלויז געפילט זייער רעוואָלוציאָנערע ווירקונג. אָט די פירנדיקע רעוואָלוציאָנערע אַנאָנימען פון יידישן סאָציאַליזם זענען אין נייעם פוילן אַרויסגעקומען אויף דער אויבערפלאַך. אַלע וויסן איצטער זייערע ריכטיקע רומפולע נעמען און זיי נעמען מיטן גרעסטן ברען אַן אָנטייל אין דעם נייעם זיך־אויפבויענדיקן יידישן לעבן. אויך אַנדערע פאַרטייען זענען אַנטשטאַנען. עס קאָכט אין יידישן לעבן מיט נייעקייטן.

עס זענען אויך אָהער געקומען נעמען פון נייע יידישע גבירים אין פוילן. נעמען וועלכע קיינער האָט קיינמאָל נישט געקאָנט און פון זיי

נישט געהערט. זיי זענען אַרויסגעשאָסן געוואָרן פון דער אומבאַקאַנט־קייט ווי גאָלדענע ראַקעטן. אינמיטן פון דער אָרעמקייט פון דער מלחמה פליסט די שפע פון די נייע גבירים פון טויזנט קוואַלן. אין דער נאַכט לייכט זייער מזל און פילט אָן זייערע קעשענעס מיט מיליאָנען. די פּאַר־מעגנס אויף וועלכע די אַלטע יידישע גבירים האָבן געהאָרעוועט יאָרן און יאָרן, — און דורות האָבן זיי געזאַמלט — קומט זיי, די נייע גבירים, אָן גרינג ווי די פייגעלעך. אין דער נייער שפע האָבן טאַקע די אַלטע יידישע גבירים אין פּוילן כמעט אַלע פאַרלוירן זייער פאַרמעגן און זייער אָנזען. די נייע גבירישע חשובים האָבן אַלצדינג געשטעלט אין שאָטן.

אויך נייע יידישע טוער און נייע יידישע שריפטשטעלער האָבן אויפ־געטויכט אין די פייערן פון דער מלחמה. אויף די חורבות פון פּוילן פאַרנעמט זיך פאַנאַנדערצובליען אַן אימפּעטפולער און זאַפטיקער יידי־שער פרילינג.

קאַפּיטל דריי

אין קיר״ה פּייפט דער דלות. טויט און לעבן ביי די טרעפּלעך פון די עסטרייכישע באַנען. מיין סוף וועט נישט זיין קיין גוטער. עס באַווייזט זיך אַ קירה־שער גלית און ער גייט מיך נעמען אונטער זיינע פליגל, דר. שטערנבערג קומט מיך „באַשויען״ און הייסט מיך טראָגן זיין גרינע וואַליזקע.

ס׳זיינען געוועזן שמועות נייע, אויסטערלישע, פריידיקע — אָבער אַבסטראַקטע. מיר, פּוילישע יידן אין דער שווייץ, האָבן אין אונזער בלוט נאָך געהאַט אַן אַנדער געשטאַלט פון פּוילן און פּוילישע יידן. מיר האָבן זיך דעריבער נישט רעכט גוט געקאָנט פאָרשטעלן דאָס נייע פּנים פון פּוילישער יידישקייט. די מלחמה־קאַנאָנען האָבן געדונערט. מיליאָנען מענטשן זענען אומגעקומען. אייראָפּע האָט געבלוטיקט פון אַלע וואונדן. אין דער שווייץ האָבן זיך כסדר געמערט די מאוימדיקע קאַריקאַטורן פון די אויסגעשפּילטע קעמפער. זיי האָבן שוין פאַר קיינעם נישט געטויגט, און מע האָט זיי פון באַרמהאַרציקייט־וועגן געלאָזט אַפּרוען אין דער שווייץ.

די מלחמה־יאָרן זענען פאַמעלעך געפלאָסן ווי אַ וויסטער קאָשמאַר. ענדלעך האָט דעם דייטשן צד אָנגעהויבן אויסצופעלן אָטעם. ס׳האָט זיך אָנגעהויבן דערנענטערן דער סוף. די קאַטאַסטראָפע פאַר דייטשלאַנד און אירע שותפים האָט זיך פאַנאַנדערגעקייקלט ווי אַ לאַווינע. דייטשלאַנד איז געפאַלן און מיט איר זענען מיטגעפאַלן אַלערליי קרוינען אין אייראָפּע.

די ידיעות פונם באַזיגטן דייטשלאַנד, איבערהויפּט פון דעם צע־פאַלענעם עסטרייך, זענען געווען מוראדיקע. הונגער, נויט, געפאַלנקייט און קראַנקייטן. עסטרייך האָט אויסגעקוקט ווי אַ חרובע שטוב. די באַנען גייען דאָרט זעלטן, און דאָס מיט אויסגעשלאָגענע פענצטער. די געמיטלעכע עסטרייכער גייען אַרום קרואה־ובלואה. אין דעם לאַנד וואָס האָט זיך אַמאָל געבאָדן אין געזאַנג, אין מילך און אין האָניק, גייען מענטשן אַרום פינצטערע און הונגעריקע. דאָך אָבער האָבן זיך געעפנט די גרענעצן קיין פוילן. פון דעם עסטרייכישן צוג וואָס גייט פון דער שווייצער גרענעץ קיין ווין, האָבן מענטשן דערציילט וויסטע חידושים.

מע האָט דערציילט, אַז באַלד ווי מען טרעט נאָר אַריבער די שווייצער גרענעץ זעט מען שוין דאָס פולע בילד פון חורבן אין דעם עסטרייכישן צוג וואָס באַווייזט זיך פאַר די אויגן. ער גייט נאָר איינמאָל אין וואָך. אויף מער קאָן זיך עסטרייך נישט דערלויבן. זי האָט נישט קיין קוילן. אַרום דעם דאָזיקן עלנטן צוג, אַ צוג מיט אויסגעהאַקטע טירן און שויבן, גייט אָן אַן אמתע און אַכזריותדיקע פעלקער־שלאַכט כדי זיך אַריינ־צובאַקומען אין די וואַגאָנעס. עס גייט אַ קאַמף אויף טויט און לעבן. זיך נישט אַריינצובאַקומען אין צוג, הייסט וואַרטן נאָך אַ וואָך אין אַן אויסגעהונגערטן עסטרייכישן גרענעץ־שטעטל. וואַרטן אָן אויסזיכט. וואָרעם ווען דער צוג וועט זיך אין אַ וואָך אַרום באַווייזן אויף די שינעס, וועט ווידער די סטאַציע פול זיין מיט אויפגערעגטע און אויף אַלצדינג אַנטשלאָסענע מענטשן. ס׳וועט זיך ווידער אָנהויבן די פעלקער־שלאַכט ווער עס וועט זיין דער שטאַרקערער. עס קאָן אַזוי גיין אָן אַן עק און אָן אַ סוף. די אָפּגעשטויסענע וועלן קיינמאָל נישט באַקומען די מעגלעכקייט זיך צו רירן פון אָרט. דעריבער ווערט געקעמפט ביי די טרעפּלעך פון די וואַגאָנעס. עס קומט היפּשלעך פאָר אַז קינדער און ווייבער ווערן אין גרויסן געראַנגל צעטרעטן אויף טויט.

יידן, און דווקא טיילמאָל גאָר שוואַכע יידן, האָבן זיך פון די דאָזיקע פּירכטלעכע ידיעות נישט געלאָזט אָפּשרעקן. די גרענעצן זענען אָפן. יידן ווילן פאָרן. טייל האָבן געוואָלט פאָרן קיין פוילן און טייל קיין עסטרייך. מע איז געפאָרן אַהיים אין די שטעט און שטעטלעך, און מ׳איז

געפאָרן קיין ווין מאַכן מסחר. פּיפּיקע מענטשן קאָנען אין די חשכותן פון עסטרייך טאָן דעם רעכטן שווים און מאַכן גאָלד.

איך בין אַלץ כסדר געבליבן אין דער שווייץ און געוואָרט טאָמער וועט עסטרייך ווי עס איז צוריקקומען צו די כוחות און ס׳וועלן אויפהערן די פעלקער־שלאַכטן ביי די באַנען. איך בין פון קיינמאָל נישט געווען קיין העלד צו קעמפן מיט דער פויסט, און בין ברוך־השם דעריבער געוועזן אַ גוטער קאַנדידאַט אויף צוצוטרעטן צו ווערן ביי די טרעפּלעך צוזאַמען מיט די ווייבער און קינדער. עסטרייך האָט אָבער נישט אַרויס־געוויזן די מינדסטע נטיה זיך צו פאַרבעסערן. די באַנען זענען געגאַנגען טראָפּנווייז. די שלאַכטן ביי די טרעפּלעך זענען גאָר געוואָרן וואָס אַמאָל מוראַדיקער.

פון פוילן האָט מען מיר געשריבן אַז איך זאָל דורכאויס אַהיים קו־מען. אָבער ווי אַזוי? ווי קאָן איך מיך גאָר אונטערשטעלן צו זיין אַ קעמפער און זיך אַדורכצוברעכן אַ וועג צווישן פאַרביטערטע און צע־יושעטע מענטשן?

מיר לעבן פאָרט אין אַ וועלט מיט ניסים. האָט זיך פּלוצים אויף אַ נאָווינע באַוויזן אַ „גלית״. אַן אויסגעפּראָוווטער קעמפער ביי די עסט־רייכישע טרעפּלעך. ער האָט זיך מיט גרויס האָפערדיקייט פאַרנומען מיך בשלום צו פירן דורך דער בראַנד.

אויפן אויסזען האָט אָט דער „גלית״ לגמרי נישט אויסגעקוקט קיין העלד. ער איז געווען אַ נידעריקער היפּש באַבייכלטער גאַליציאַנער ייד מיט אַ שוואַרצער צעיאַכמערטער באָרד און מיט געקרייזלטע קירהשע פּיאהלעך, — פּיאהלעך וואָס האָבן בשום אופן נישט געוואָלט ליגן במנוחה אונטער די אויערן וואו אַהין עס האָט זיי פאַרלייגט ד״ר שטערנ־בערג (אַזוי האָט געהייסן דער ייד פון גאַליציע) רק דוקא געוואָלט אים צוריק אַרויסקריכן איבער די באַקן. ד״ר שטערנבערג האָט זיי, די פּיאה־לעך, כסדר אַן אויפגערעגטער באַנעצט מיט שפּייעכץ. זיי האָבן אים גע־הערט ווי דעם פאַראַיאָריקן שניי און דווקא אַרונטערגעפאַלן וואו עס האָט זיך זיי פאַרגלוסט. דאָס רעקל איז ביים ד״ר שטערנבערג כסדר געווען צעקנעפּלט. דאָס לאַנגע, ברייטע און גלאַנציקע וועסטל האָט אים בשום

אופן נישט געוואַלט ליגן אויפן בויך און זיך כסדר געשטופּט אויף אַרויף. דעריבער האָט דער בויך פון ד״ר שטערנבערג אויסגעקוקט ווי דער בויך פון אַ מעוברתער יידענע. ווי אַ באַוויז פון זיין גרויסער אינטעליגענץ האָט ד״ר שטערנבערג געטראָגן אַ פּאָר בינאָקלעס, בינאָקלעס אָנגעטשע־פּעטע אין אַ שוואַרץ בענדל וואָס האָט זיך געצויגן פון די ברילן איבער די באַקן ביז צום גלאַנציקן וועסטל און דאָרט געווען צוגעשטאָכן מיט אַ כלומרשט גאָלדן שפּילקעלע.

פאַרוואָס האָט ד״ר שטערנבערג געהייסן דאָקטאָר? — ער האָט זיין נאָמען קיינמאָל חס ושלום נישט אַרויסגעזאָגט אָן דער באַגלייטונג פון דעם אַקאַדעמישן טיטל: „עך, — ד״ר שטערנבערג״, — דאָס האָט קיינער נישט געוואוסט. אַ ייד ווי אַלע קירהשע יידן. אין קיר״ה אונטערן מלכות של חסד פון קייסער פראַנץ יאָזעף האָבן זיך יידן גאָר צעבאַלעוועט. ס'איז ביי אַ סך פון זיי געווען אָנגענומען צו הייסן ד״ר. צי האָבן אַזעלכע דאָקטוירים אַמאָל אָנגעקוקט די טיר פון אַן אוניווערזיטעט, לאָזט זיך שטאַרק מסופק זיין. מע האָט מן־הסתם אויסגעמישט ראַבינער מיט ד״ר. און אין קירה האָבן נישט געפעלט קיין יידן וואָס האָבן זיך געפילט ביכולת צו זיין ראַבינערס. אַ בעקעשע טראָגט מען, באָרד און פּיאות האָט מען, מע קאָן אויך היפשלעך אין די קליינע אותיות. אַ יעקישער ראַבינער וואָס טראָגט אַ בערדל ווי אַ גוי, רעדט דייטש ווי אַ גוי, און קאָן קוים בשלום אַדורכקומען אַ שייטל גמרא — אויב אַזאַ יעקע קאָן זיין אַ ראַבינער, איז וואָס שייך אַ ייד פון יידנלאַנד.

איך וויל נישט טרייבן קיין רכילות, — איך בין אָבער שטאַרק חושד אַז ד״ר שטערנבערג האָט באַלאַנגט צו יענע קירהשע „דאָקטוי־רים״. ער איז געקומען קיין שווייץ ווען דער מלך של חסד פראַנץ יאָזעף האָט צום סוף אַרויסגעוויזן אַז אַ גוי בלייבט פאָרט אַ גוי. מיט עשוס אימפּעט האָט ער זיך פּלוצעם אַ וואָרף געטאָן אויף זיינע געליבטע קירה־שע יידן. ער האָט זיי בגוואַלד אָפּגעשוירן באָרד און פּיאות, אָנגעטאָן יונישע מלבושים און געמאַכט פאַר סאָלדאַטן. עס האָט נישט געפועלט קיין אויסבאַהאַלטן זיך, קיין תהלים און קיין אַפּשרייענישן. פראַנץ יאָזעף האָט זיך צעיאַכמערט און געשלעפּט יידן אין זיינע חיילותן אַריין און

געשיקט אויף מלחמה. קליגערע יידן וואָס האָבן זיך נישט געוואָלט צופיל פאַרלאָזן אויף פראַנץ יאָזעפס חסדים האָבן באַצייטנס זיך אָפּגע־טראָגן פון זיינע גרענעצן. זיי זיינען געפאָרן קיין האָלאַנד און קיין שווייץ איבערצוואַרטן די בייזע טעג. דאָרט האָבן זיי געפּרואווט הצלחה מיט אַלערליי מסחרים. ווי דער שטייגער איז ביי יידן האָבן טייל גראָד שטאַרק מצליח געווען. ביי טייל איז עס געגאַנגען מיט דער פּוטער אַראָפּ.

ד״ר שטערנבערג איז אויך געווען פון די יידן וואָס האָבן זיך אַרי־בערגעכאַפּט איבער דער גרענעץ בעת דעם עסטרייכישן מלכות האָט נאָר אָנגעהויבן צו קומען אויפן זינען אים צו געבן אַ ביקס אין דער האַנט אַריין און מלחמה צו האַלטן מיטן רוס. ער איז געקומען קיין ציריך און גערעדט מער גאַליציאַנער דייטשמעריש ווי אַנדערע קירהשע יידן. פאַרט ד״ר שטערנבערג. אָבער אַזוי זיך, איז ער געווען אַ בעלזער חסיד, אַ מרה־שחורהדיקער פרומאַק, געטראָגן שבת אין ציריך אַ בעקעשע און אַ קירהש שטריימל מיט שפּיצן. מע האָט אים אָפט אין אַ שיינער לבנה־נאַכט געקאָנט טרעפן אויף אַ ציריכער גאַס און צוזאַמען מיט נאָך קירה־שע יידן מחדש זיין די לבנה. שווייצער גוים האָבן מיט בייזער נייגע־ריקייט געקוקט ווי יידן דאַווענען הויך אינמיטן די שטילע ציריכער גאַסן און שפּרינגען אַקעגן דער לבנה. די שווייצער זענען נישט געווען ווי די גוים אין די יידישע שטעטלעך אין פּוילן וואָס זענען פון דורות־לאַנג געוואוינט געווען צום יידישן שטייגער און יידישע מנהגים. נאָר ווער האָט זיי געהערט! קירהשע יידן, צעבאַלעוועטע פון קייסער פראַנץ יאָזעף, האָבן קנאַפּ מורא געהאַט פאַרן למה יאמרו הגויים.

במשך די מלחמה־יאָרן האָט ד״ר שטערנבערג נישט געמאַכט קיין גרויסע גליקן. צו וואָס ער האָט זיך גענומען איז עפּעס נישט געגאַנגען. ערשט ווען די מלחמה האָט זיך פאַרענדיקט און עסטרייך איז פאַרבליבן ווי אַ נאַקעטע אָרעמע אַלמנה, און ס׳האָט זיך געטאָן חושך ביי די טרעפּלעך פון אירע באַנגען — ערשט דעמאָלט האָט מען פּלוצים געהערט אַז דעם ד״ר שטערנבערג האָט דאָס מזל אָנגעהויבן צוצושפּילן מיטן פולן שעפל. ער פאָרט יעדע פאָר וואָכן קיין ווין און קומט בשלום אַדורך אַלע שלאַכטן. דאָרט אינם פינצטערן ווין מאַכט ער גאָלדענע געשעפטן.

וואָסערע געשעפטן האָט קיינער נישט געוואוסט. אַלע האָבן זיך דער עיקר געוואונדערט; אַזאַ שטילער גאַליציאַנער ייד וואָס איז דווקא נישט קיין פיזישע בריה און האָט גראָד קורצע, פעטלעכע און וואַרעמע הענט־לעך, — ווי אַזוי שטופּט ער זיך אַדורך דורך דעם גרעאַנגלעניש? ד״ר שטערנבערג האָט דערויף זייער ערנסט געענטפערט; ער באַ־נוצט נישט זיינע הענט, ער קעמפט נייערט מיט שכל. בלויז מיטן שכל איז ער תמיד דער ערשטער אין וואַגאָן און פאָרט אַריין קיין ווין ווי אַ פריץ. וואָס קאָן פועלן שכל ווען מענטשן האַלטן זיך ביי דער גרגרת? גיי פרעג אַ קשיה אויף יידישן שכל.

מיינע פריינט אין ציריך זענען געפאַלן אויפן גליקלעכן געדאַנק היות איך מוז פאָרן קיין פוילן. נומער איינס. נומער צוויי: היות עס איז ביי קיינעם נישט פאַראַן דער מינדסטער ספק אַז ביי מיין בריהשאַפט וועל איך צעטרעטן ווערן ביי די ערשטע וואַגאָן־טרעפּלעך, דערימאַך וואָלט געווען דאָס גלייכסטע אַז איך זאָל פאָרן קיין ווין צוזאַמען מיטן ד״ר שטערנבערג. ער וועט מיך נעמען אונטער זיין שוץ. אויב שכל — קאָן ד״ר שטערנבערגס שכל קלעקן פאַר צוויי יידן. מע האָט געפרעגט דעם ד״ר שטערנבערג צי ער וויל מיך מיטנעמען אונטערן שוץ פון זיינע פליגל. תחילת האָט ער זיך כלומרשט פינצטער פאַרטראַכט און ענדלעך געזאָגט אַז צום ערשטן מוז ער אָנקוקן די „סחורה״. מע האָט אונז צו־זאַמענגעפירט אין אַ קאַפע. איך האָב מיר אָנגעטאָן מיינע שענסטע מלבושים כדי אויסצונעמען ביי ד״ר שטערנבערגן. ד״ר שטערנבערג האָט געלאָזט אויף זיך וואַרטן אַ שעה צייט, דאָן איז ער אַריינגעקומען אַ צע־יאַכמערטער און דערשוויצטער, זיך אַוועקגעזעצט ביי אונזער טישל, זיך אויסגעטאָן דעם האַרטן קאַפּעליוש און זיך אָנגעטאָן אַ זיידענע יאַרמל־קע. ער האָט זיך געווישט דעם שטערן מיט אַ טאַשנטיכל און געזאָגט:

— מע מוז זיך גוט מכין זיין אויף אַ נסיעה קיין ווין.

איך האָב באַשטעלט קאַווע פאַרן ד״ר שטערנבערג. ער האָט געזאָגט אַז עס זאָל זיין רק שוואַרצע קאַווע, מחמת ער טרינקט נישט קיין נישט־כשרה מילך. דאָן האָט ער אויפגעהויבן די אויגן און מיך שאַרף אָנגע־קוקט דורך זיינע בינאָקלעס.

— איך קאָן אים מיטנעמען, — האָט ער ענדלעך געזאָגט צו איינעם פון מיינע פריינט, — אָבער נישט בחנם.

איך האָב געמיינט אַז ד״ר שטערנבערג וויל איך זאָל אים באַצאָלן פאַר זיין שכל. איך בין קאַפּאַבל געווען עס צו טאָן. — מחמת אַליין מיטן אייגענעם שכל און ווער שמועסט מיט אייגענע כוחות וועל איך קיינמאָל נישט אַריבערקומען קיין פוילן.

ד״ר שטערנבערג האָט שטיל געשמייכלט. ער האָט מיך לאַנג גע־לאָזט אין מיין טעות. ער האָט מיך ווידער נאָך אַמאָל שאַרף אַ מעסט־אָפּ־געגעבן מיט זיינע בינאָקלעס:

— איך מיין חלילה נישט קיין געלט. ד״ר שטערנבערג נעמט נישט קיין געלט פאַר אַריבערנעמען אַ ייד קיין ווין. נאָר בחנם — דאָ האָט ד״ר שטערנבערג געזאָגט אַ באַקאַנטן מאמר־חז״ל וועגן אַן אומזיסטן דאָקטער — טו איך עס נישט. הערט־זשע אויס מיט קאָפּ מיין ליבער הער טרונק. ווען איך פאַר איצט קיין ווין נעם איך מיט דריי וואַליזקעס, איינע אַ געלע, איינע אַ רויטע און איינע אַ גרינע. אייער עובדה במשך דער גאַנצער נסיעה וועט רק זיין אָפּצוהיטן די גרינע וואַליזקע. איך וועל האָבן צו טאָן וויכטיקערע זאַכן, נעמלעך, צו פירן דאָס שכלדיקע סטראַ־טעגישע שפיל אייך און מיך בשלום אַדורכצופירן דורך די הריגות וואָס טוען זיך אָוועק ביי די טרעפּלעך פון דער קירהשער באַן. איר האָט מן־הסתם געהערט דערפון. מענטשן ווערן דאָרט צעטרעטן ווי די הערינג. אַלע וועלן דאָרט געהרגעט ווערן — נאָר נישט ד״ר שטערנבערג און דאָס פּאַרשוינדל וועלכן ער נעמט אַרונטער אונטער זיינע פליגל. איך ברענג אייך קיין ווין אַ פרישן ווי אַן אָקערשט אָפּגעריסן עפּעלע.

— איך וועל אייך היטן אַלע דריי וואַליזקעס, האָב איך געזאָגט מיט וואַרעמקייט כדי וואָס מער געפעלן צו ווערן ד״ר שטערנבערגן.

— ניין, נאָר די גרינע, — האָט ער אַנטשלאָסן געענטפערט. — ד״ר שטערנבערג איז נישט קיין עקספּלואַטאַטאָר.

קאַפּיטל פיר

אין ציריך האָב איך מיר פאַרשאַפט אַ „שיינעם" נאָמען און מיינע פריינט קומען זיך געזעגענען. גע־מישטע געפילן. דר. שטערנבערג לייגט פאַנאַנדער סטראַטעגישע פּלענער. אַ שאָד אַ יינג לעבן! גויים ווייזן די פויסטן.

ד"ר שטערנבערג האָט מיר מודיע געווען אַז אם ירצה השם די נייע וואָך דינסטיק וועלן מיר מיטן פאַרנאַכט־צוג אָפּפאָרן פון ציריך צו דער עסטרייכישער גרענעץ. איך זאָל מיך גרייטן. ס'איז געווען נאָך סוכות־צייט און ס'האָט ס'רוב גערעגנט. די שווייצער־אַלפּן האָבן זיך פאַרהילט אין געדיכטע טריבע נעפּלען. ס'האָבן געבלאָזן שאַרפע פייכטע ווינטן. די בלעטער זענען געפאַלן פון די ביימער. די בלויע וואַסערן פון דער ציריכער אָזערע האָבן אומהיימלעך געשטורעמט אונטער די גראָע מיט שווערע וואָלקנס פאַרדעקטע הימלען. אין דער דאָזיקער רעגנדיקער האַרבסטיקער מרה־שחורה האָבן די ידיעות פון דער עסטרייי־כישער גרענעץ געקלונגען נאָך מוראדיקער. עס טוט זיך דאָרט חושך ביי דער עלנטער אָפּפאָרנדיקער באַן. ס'זענען פאַראַן וואָס אַמאָל מער קרבנות. אַהין מוז איך מיך איצט לאָזן. אַ נס וואָס עס האָט זיך געיאַ־ וועט ד"ר שטערנבערג.

אויפן באַנהויף האָבן זיך געזאַמלט אַלע מיינע ציריכער פריינט זיך מיט מיר צו געזעגענען. במשך די עטלעכע מלחמה־יאָרן וואָס איך האָב געוואוינט אין ציריך האָב איך באַוויזן צווישן מיינע פריינט זיך

צו פאַרשאַפן אַ נאָמען פון גאָר אַ היפּשלעכן שלימזל — און זיי זענען געקומען דעריבער מיט אַלערליי געמיטער. טייל זענען געווען רואיקע און זיך פאַרלאָזט אויפן שכל פון ד״ר שטערנבערג. ער וועט מיך שוין אַזוי אַדורכפירן אַז קיין האָר זאָל מיר נישט געקרומט ווערן אויפן קאָפּ. טייל האָבן נישט געהאַט קיין רואיק געמיט. עס האָט זיך זיי אויסגעדוכט, אַז אַפילו אונטער די זיכערע פליגל פון ד״ר שטערנבערג, וועל איך פאָרט נישט בייקומען די ביטערע שוועריקייטן. און ווער ווייס צי זיי זעען מיך נישט צום לעצטן מאָל. די מרה־שחורה פון די סקעפּטיקער האָט זיך נאָך פאַרשטאַרקט דערמיט, וואָס אין דעם זעלביקן וואַגאָן זענען אויך געפאָרן קיין ווין עטלעכע געזונטע בלוט־רויטע שווייצאַרישע גויים. די גויים האָבן מגושמדיק געלאַכט און געוויזן איינער דעם אַנדערן די פויסטן מיט וועלכע זיי וועלן זיך אַדורכשלאָגן אַ וועג ביי דער עסטרייכישער באַן. דאָס האָט ביי קיינעם פון אונז נישט געקאָנט הויבן דעם מוט. אינצווישן איז אָנגעקומען ד״ר שטערנבערג. ער איז געווען אַ צעיאָכמערטער און באַגאָסן מיט שווייס. פון גרויס צעטראָגנקייט איז אים דער האַרטער קאָפּעלוש געזעסן משופּע אויפן קאָפּ. דאָס שוואַרצע בענדל וואָס האָט געפירט פון זיינע בינאָקלעס ביז צום וועסטל, האָט אים אַרויסגעשטעקט פונם קאָלנער. ער איז כמעט ווי געלאָפן און געמאַכט מיט זיינע קליינע פעטלעכע הענטלעך. ער האָט מיך געזוכט.

הינטער אים איז נאָכגעגאַנגען אַ פאַק־טרעגער מיט דריי וואַליזקעס, אַ רויטע, אַ געלע, און אַ גרינע.

קיינער האָט נישט געוואוסט פאַרוואָס ד״ר שטערנבערג איז אַזוי צעיאָכמערט און שוויצט ווי אַ ביבער, בעת די גויים וואָס מאַכן אויך די זעלביקע נסיעה עסן איצט געשמאַק שטיקער פעטן קאָלבאַס און ווייזן איינער דעם אַנדערן די פויסטן. ס'האָט געהייסן, דער שכל אַרבעט שוין איצט ביי אים, ד״ר שטערנבערגן, אויף דער גאַנצער פאַרע און ער לייגט פאַנאַנדער די סטראַטעגישע פּלענער. די סקעפּטישע פריינט מיינע האָבן אַ קוק געטאָן דאָ אויף די פריילעכע עסנדיקע גויישע פּאָרער און דאָ אויפן ווינציקן שוויצנדיקן ד״ר שטערנבערג — און זיי האָבן זיך אומעטיק איבערגעקוקט און געטאָן אַ שטילן זיפץ. אַ שאָד אַ יינג לעבן, האָבן

זיי געטראַכט ביי זיך; די אָפּטימיסטישע פריינט האָבן געטראַכט: אויב ד״ר שטערנבערג איז אַזוי צעטראָגן און אַזוי פאַרשוויצט מן־הסתם ווייסט ער פאַרוואָס. פאָרט פאָרט ער דאָך יעדע פאָר וואָכן קיין ווין און מאַכט דאָרט גאָלדענע געשעפטן. נישקשה, ער וועט טרונקן בשלום אַריבער־ברענגען קיין ווין.

ד״ר שטערנבערג איז מיט גרויס געפּילדער אַריינגעקומען אין וואַגאָן. איך האָב שוין געהאַט פאַרנומען פאַר אים אַן אָרט. דער פּאַקטרעגער איז אים נאָכגעקומען מיט די דריי וואַליזקעס. ד״ר שטערנבערג האָט מיר געוויזן אויף דער גרינער וואַליזקע און שטרענג געזאָגט:

— דאָס, הער טרונק, בלייבט אונטער אייער השגחה במשך דער גאַנצער נסיעה.

דערווייל האָט אָנגערוקט די צייט פון אָפּפאָרן. אַלע האָבן זיך מיט מיר צעקושט און האַרציק געזעגנט. ווען דער קאָנדוקטאָר אינדרויסן האָט אויסגערופן, אַז באַגלייטער זאָלן אַרויס פון די וואַגאָנעס, האָבן אַלע מיינע פריינט מיר נאָך אַמאָל אויף אין דער געשווינד געדריקט די האַנט. אַראָפּגייענדיק האָבן זיי זיך אַלע געזאַמלט פאַרן פענצטער פון מיין וואַגאָן. איך האָב אַ גערירטער אַרויסגעשטעקט דעם קאָפּ. הינטער מיר האָט אַרויסגעקוקט ד״ר שטיינבערגס קאָפּ אין אַ זיידענע יאַרמלקע און מיט די שוואַרצע בינאָקלעס. דער צוג האָט אָנגעהויבן צו רירן. אַלע האָבן מיר נאָכגעפּאָכעט מיט די הענט און נאָכגעשריען די האַרציקסטע ווינשאָוואַניעס.

קאַפּיטל פינף

דר. שטערנבערג אין לאַנגן טערקישן טלית־קטן
איז מיר מוסר אַ סוד. מיר וועלן פאָרן ווי גענעראַלן
און ווייזן דער וועלט ווער עס איז עלטער. שאַ, שטיל,
מאַך נישט קיין געררודער מחמת די וואנט האָבן אויערן.
בלוט וועט זיך גיסן און מיר וועלן לאַכן.

ווען מיר זענען אַרויסגעפאָרן פון דער האַלע פון ציריכער וואָקזאַל און אַריינגעפאָרן אין דער אַלפּן־לאַנדשאַפט האָט די זון געהאַלטן ביים פאַרגיין. די בערג־שפּיצן האָבן געגליט אין אָוונט־רויט. די לאַנקעס אויף די בערג־רוקנס זענען געווען טונקל־גאַלדיק פון האַרבסט. די ביימער אויפן וועג זענען געשטאַנען האַלב נאַקעטע.

ד״ר שטערנבערג אין וואַגאָן האָט זיך געמאַכט באַקוועם. ער האָט אָפּגעדאַווענט מנחה מיטן פּנים צום פענצטער. ביי שמונה־עשרה האָט ער זיך אַפילו היפּשלעך צעשאָקלט. נאָכן דאַווענען האָט ער פון ערגעץ אַרויסגענומען אַ קליין עפּעלע, עס פּאַמעלעכל אָפּגעשיילט און געגעסן דערפון פּיצלעך־ווייז. עס האָט געדויערט אַ היפּשע צייט ביז ד״ר שטערנבערג איז פאַרטיק געוואָרן מיטן עפּעלע. זעט זיך אויס, אַז ער איז געווען אַ קנאַפּער עסער. אין דרויסן איז געוואָרן פינצטער. אינם וואַגאָן האָט מען אָנגעצונדן די לאָמפּן. דער צוג איז געלאָפן. ד״ר שטערנבערג איז פּאַמעלעכל אַנדרימלט געוואָרן.

ער איז ערשט וואַך געוואָרן ווען מיר זענען אָנגעקומען נאָענט צו דער גרענעץ־סטאַציע. ד״ר שטערנבערג האָט זיך מיטאַמאָל האַסטיק אויפ־

געכאַפּט ווי עס וואָלט געברענט. ער האָט פונדאַסניי אָנגעהויבן שטאַרק צו שוויצן און זיך שטאַרק געאײַלט — הגם דער צוג איז ווייטער נישט געגאַנגען. ער האָט געכאַפּט אין בײַדע הענט אַרײַן די רויטע און די געלע וואַליזקעס. מיר האָט ער אַ וויַיז געטאָן אויף דער גרינער:

— דאָס איז אײַער וואַליזקע, הער טרונק. נעמט זי זײַט מוחל, און מיר וועלן גיין.

איך האָב גענומען די גרינע וואַליזקע. זי איז געווען היפּש שווער־לעך. מחמת זי איז געווען דער גרויסער תנאי צוליב וועלכן ד״ר שטערנ־בערג האָט מיך אַרונטערגענומען אונטער זײַן העלדישן שוץ — האָט זי מיך, די וואַליזקע, אָנגעהויבן צו אינטריגירן ווי עפּעס אַ געהיימניספול חפץ. וואָס האָט ד״ר שטערנבערג אין אָט דער וואַליזקע?

אין שווייצאַרישן גרענעץ־שטעטל בוקס זענען אָפּן געווען די פּריד־לעכע קאַפעס. דער שווייצאַרישער עולם האָט דאָרט געמיטלעך פאַר־ברענגט. דער אָוונט איז פּלוצעם געוואָרן אַ רעגנדיקער. ס׳האָבן אַ בלאָז געטאָן קאַלטע נאַסע ווינטן. מיר זענען אַרײַנגעגאַנגען אין אַ האָטעל לעבן וואָקזאַל. מען האָט דאָרט, זעט זיך אויס, ד״ר שטערנבערגן געקאָנט ווי אַן אָפטן גאַסט. דאָס האָט מיך עפּעס ווי פאַרזיכערט אין ד״ר שטערנבערגס שכל, מאָרגן בעת מיר וועלן מוזן זיך אַרײַנבאַקומען אין עסטרײַכישן צוג. מען האָט אונז בײַדן געגעבן איין צימער. איך האָב מיך באַלד געלייגט שלאָפן. ד״ר שטערנבערג האָט געדאַוונט מעריב, געלייענט קריאת־שמע און אויסגעלאָשן די לאָמפּ. אין דער פינצטער האָב איך געהערט ווי ער זאָגט אין בעט „המפיל״.

איך האָב אַוודאי געמוזט אײַנשלאָפן זייער געשמאַק — מחמת איך האָב מיך שטאַרק דערשראָקן ווען אינמיטן דער נאַכט האָב איך דערפילט ווי עמעצער וועקט מיך. אַ צעטומלטער האָב איך אויפגעריסן די אויגן. אין צימער האָט געברענט די לאָמפּ. לעבן מיר איז געשטאַנען ד״ר שטערנבערג אין בלויזן העמד און אין אַ לאַנגן אַרבע־כנפות. אויפן קאָפּ האָט ער געטראָגן אַ ברייטע סאַמעטענע רבישע יאַרמלקע.

— איך איז גוט. איר שלאָפט, — האָט ער געזאָגט האַלב מיט פאַרוואורף און האַלב מיט איבערלעגנקייט, — אַוודאי וואָס האָט איר מער

צו טאָן סיידן צו שלאָפן. ביי מיר אָבער קלעפּן זיך נישט די אויגן. דער קאָפּ אַרבעט. דער שכל מאַכט פּלענער. מאָרגן אויף דער עסטרייכישער גרענעץ האָבן מיר דעם יום־הדין.

אַ פאַרשלאָפענער האָב איך געגלאָצט אויף אים. עס האָט געדויערט אַ ווײַלע ביז איך האָב מיך ענדלעך באַזינען וואו מיר זענען.

— אָבער ד״ר שטערנבערג האָט שוין איינמאָל אַ קעפּעלע, — האָט ער צוגעגעבן מיט אַ טריומפירנדיקן שמייכל — בעת איר האָט קיין עין־הרע אַזוי הויך געכראָפּעט האָב איך דערווייל אויסגעטראַכט אויף מאָרגן אַ פּלאַנדעלע, אַגיל ואשמח. איר וועט עפּעס האָבן צו דערציילן אין פוילן ווער עס איז ד״ר שטערנבערג.

איך האָב מיך אויפגעזעצט אין בעט. ד״ר שטערנבערג האָט זיך לעבן מיר אַנידערגעזעצט. ער האָט זיך אָנגעטאָן די בינאָקלעס. אין דעם לאַנגן טערקישן אַרבע־כנפות און אין דער רבישער יאַרמלקע האָט ער איצטער אינמיטן דער נאַכט גאָר באַטעמט אויסגעקוקט.

— הערט־זשע אויס מיט קאָפּ — האָט ער געשמייכלט, — ווי איר ווייסט האָבן מיר אין די בייטעלעך שווייצאַרישע פראַנקן. פאַר אײן פראַנק קאָן מען היינט אָפּקויפן גאַנץ קירה. דאָס קירהשע געלט איז געגליכן צו דער בלאָטע אין דרויסן. מיר וועלן אויסבייטן אַ פראַנק אויף עסטרייכישע געלט מישטיינס געזאָגט, און מיר וועלן פאָרן קיין ווין 1־טע קלאַס ווי פּאַרצייטישע גענעראַלן. נישקשה. אַלע פאָרן היינט 1־טע קלאַס. דאָס איז גאָרנישט. איצט וועל איך אייך דערציילן דעם גאונישן פּלאַן וואָס מיר איז אײַנגעפאַלן בעת איר האָט אַזוי געכראָפּעט. נאָר שאַט — ד״ר שטערנבערג האָט זיך אַרומגעקוקט איבער די ווענט פון אונזער האָטעל־צימער — ווענט האָבן אויערן. אומעטום אין די צימערן אין אונזער שכנות ליגן מענטשן און טראַכטן ווי אַזוי מאָרגן זיך אַריינצו־באַקומען אין דער באַן. מען מוז זיין געהיט מיט אַ הויך וואָרט כדי עמיצער זאָל נישט הערן און מיר אויסכאַפּן די ראָזשינקע. — דאָ האָט ד״ר שטערנבערג געטאָן אַ קוויטשיק געלעכטערל און זיך אַריבער־געבויגן צו מיר ווי ער וואָלט מיר געוואָלט אָנפאַרטרויען אַ סוד: — מאָרגן באַגינען, וועלן מיר נישט וואַרטן אויף דער באַן וואָס וועט אונז אַריי־

בערפירן צום עסטרייכישן פעלדקירך. צו וואָס זאָלן מיר זיך שטופן אין וואַגאָן אַריין צוזאַמען מיט כל הקהל? ניין, מיר וועלן אי״ה מאָרגן אויפשטיין כלחוך השור — ווען גאָט און מענטשן שלאָפן נאָך — וועלן מיר פּאַמעלעכל אַרויסגיין פון האָטעל. מיר וועלן נעמען אַ דראָשקע און אויף אַ פּאַרצייטישן אופן אַריבערפאָרן די עסטרייכישע גרענעץ און אַריינפאָרן קיין פעלדקירך. ס׳נעמט סך־הכל אַ שעה צייט. וועלן מיר אָנקומען קיין פעלדקירך ווען קיין פליג איז נאָך דאָרט נישטאָ. דער עסטרייכישער צוג וועלכער גייט קיין ווין קומט אָן מיט צוויי שעה פריער איידער עס קומט דער שווייצאַרישער צוג אָן אָנגעפּאַקטער מיט צעיושעטע מחנות וואָס גייען אויף טויט און אויף לעבן. מיר וועלן זען דעם עסטרייכישן צוג אַ ליידיקן. פּאַמעלעכל און סטאַטעטשנע ווי קלוגע פּיפּיקע יידן וואָס ווייזן דער וועלט אַ פייג וועלן מיר פאַרנעמען אונזערע פלעצער קופּע ערשטע קלאַס. און דווקא ביים פענצטער. שפּעטער — אָך, און ווי — קומט אָן די באַן פון דער שווייץ. פאַר די טרעפּלעך פון אונזער ווינער צוג וועט זיך אָפּטאָן דער ריכטיקער חושך. מיר וועלן צופרידענע און גאָר האָפּערדיקע שטיין ביים פענצטער און צוקוקן ווי עס גיסט זיך בלוט. מענטשן וועלן געהרגעט ווערן — און מיר וועלן לאַכן.

איך האָב אָנגעקוקט אָט אַ דעם קירהשן גזלן אין העמד, אין טערקישן אַרבע־כנפות און אין דער ברייטער רבישער יאַרמלקע. עס האָט זיך עפּעס נישט געגלויבט, אַז ד״ר שטערנבערג האָט אַזאַ סאַדיסטיש פאַר־געניגן צוצוקוקן ווי מענטשן ווערן געהרגעט און צו לאַכן.

נאָכדעם ווי ד״ר שטערנבערג האָט מיר אויסגעזאָגט דעם סוד, האָט ער מיר פריינטלעך געטאָן אַ פּעטשל אויפן בויך, נאָך אַמאָל מיר געזאָגט אַ גוטע נאַכט, צוריקגעגאַנגען צו זיך אין בעט אַריין און אויסגעלאָשן די לאָמפּ.

קאַפּיטל זעקס

דאַראַשקעס פאָרן אין דער מיל אַריין. אַ ייד
מיט שכל וויזט אַלעמען אַ פייג. טאַטע דו לאַכסט?
אָך און ווי צום געלעכטער. וויאַ, וויאַ פערדעלע!
וואו איז דר. שטערנבערג? מסתמא איז ער שוין
נעבעך אַ נפטר.

צומאָרגנס באַגינען זענען מיר ביידע אין גרויסן בסוד אַרויס פון האָטעל. די זון האָט וואַרעם געשיינט. די הימלען האָבן זיך אויסגע־לייטערט. די וואָלקנס האָבן זיך — באַלויכטענע פון דער זון — פאַנאַנ־דער געשוועבט איבער די בערג־שפּיצן. דאָס גרענעץ־שטעטל איז געלעגן אינמיטן אַ צעטורעמטער אַלפּן־לאַנדשאַפט. אויף די העכסטע בערג־שפּיצן פון דער לאַנדשאַפט האָט זיך געוויזן פריש־געפאַלענער שניי.

מיר האָבן געדונגען אַ דראָשקע און אַרויסגעפאָרן פון שטעטל. דער וועג אויף וועלכן מיר האָבן אָנגעהויבן צו פאָרן האָט זיך ווי אַ שלאַנג געדרייט צווישן בערג און טאָלן און אַלע מאָל פאַר אונז אויפגעעפנט נייע לאַנדשאַפט־פּאַנאָראַמעס. די זון האָט אָנגעהויבן מחיהדיקער צו וואַרעמען. מיר האָבן געהערט דאָס רוישן פון וואַסער־פאַלן און דאָס מעקען פון קי און לעמער. די וועלט האָט אויסגעקוקט ווי אַן אידילישע פון רו און שלום. עס איז מיר געווען אַזוינס ווי גוט אויפן האַרצן. אָבער איין זאַך האָט מיך געוואונדערט אין דער דאָזיקער פרימאָרגנדיקער בערגי־קער וועלט: — מיר, אויף אונזער דראָשקע זענען נישט געווען די איינ־ציקע אויפן וועג. וואָס ווייטער און טיפער אונזער וועג האָט זיך אַריינ־געשלענגלט אין די בערג האָבן מיר כסדר געטראָפן וואָס אַמאָל מער דראָשקעס.

— וואָס עפּעס אַזוי פיל דראָשקעס פאָרן מיט אונז צוזאַמען ? — האָב איך פּאָרזיכטיק אַ פרעג געטאָן ד״ר שטערנבערגן. מיר איז תחילת גאָר נישט איינגעפאַלן אַז נאָך עמעצער האָט געקאָנט פאַלן אויף ד״ר שטערנבערגס געניאַלע סטראַטעגישע פּלענער, צי חלילה שטיין הינטער דער וואַנט פון אונזער האָטעל־צימער און הערן ווי ד״ר שטערנבערג האָט מיר אין מיטן דער נאַכט אָנפאַרטרויט די געהיימענישן פון זיין שכל.

— עט, האָט ד״ר שטערנבערג אַ מאַך געטאָן מיטן קליינעם פעט־לעכן הענטל אין דער לופטן. דאָ נישט ווייט איז פאַראַן אַ מיל. זיי פאָרן אַלע אין דער מיל אריין.

ס'איז מיר אַפילו שטאַרק קשה געווען וואָס עפּעס אַזוי פיל דראָש־קעס פאָרן אין אַן איינציקער מיל אריין, — נאָר מן־הסתם ווייסט ד״ר שטערנבערג וואָס ער זאָגט.

וואָס ווייטער אָבער מיר זענען געפאָרן איז דער וועג פולער גע־וואָרן מיט דראָשקעס. דער וועג האָט זיך פּאַמעלעך פאַרוואַנדלט אין אַ געדיכטער פּראָצעסיע פון דראָשקעס.

— אַלצדינג אין דער מיל אריין ? — האָב איך נאָך אַמאָל געפרעגט ד״ר שטערנבערגן.

ער האָט געטאָן צו מיר אַ בייזלעכן און נערוועזן ברום. איך האָב געזען ווי אין מיטן קילבלעכן פרישן אַלפּן־פרימאָרגן הייבט ביי אים דער שטערן אָן צו שוויצן. וואָס נענטער מיר זענען צוגעקומען קיין פעלדקירך אַלץ שטאַרקער האָבן זיך כסדר געמערט און געמערט די פרעמדע דראָשקעס וואָס זענען געפאָרן, צוזאַמען, פאַראויס און הינטער אונז. ווען מיר זענען אַריינגעקומען אין שטעטל און צוגעפאָרן צום עסטרייכישן וואָקזאַל זענען שוין די רעלסן און דער וואָקזאַל געווען שוואַרץ פון מענטשן.

איך האָב אַ קוק געטאָן אויפן ד״ר שטערנבערג און מיך דערמאָנט ווי אינמיטן דער נאַכט איז ער אין דער רבישער יאַרמלקע און אין לאַנגן טערקישן אַרבע־כּנפות געזעסן ביי מיר אויפן בעט און מיר געמאָלן דאָס גזלנישע בילד ווי אַזוי מיר וועלן שטיין ביים פענצטער פון קופּע פון ערשטן קלאַס, צוזען ווי מענטשן ווערן געממיתט — און מיר וועלן דערביי

לאַכן. איך האָב איצטער שטאַרק אָנגעהויבן חושד צו זיין; מעגלעך, אַז עמעצער וועט שטיין ביים וואַגאָן־פענצטער און זיך צוקוקן צו דער מענטשן־שלאַכט ביי די טרעפלעך, און לאַכן. — נאָר איך און ד״ר שטערנבערג וועלן זיכער נישט זיין פון די לאַכער. איך ווייס נישט ווי עס וועט אויסקוקן ד״ר שטערנבערג. איך אָבער, וועל בלי־ספק זיין דער ערשטער קרבן. איך האָב מיך שוין געזען ווי אַ צעטראָטענעם הערינג אונטער הונדערטער אַכזריותדיקע פיס.

ד״ר שטערנבערג איז אַרומגעלאָפן אַ פאַרסאַפּעטער צווישן די מענ־געס מיט וואַרטנדיקע מענטשן. אַלע מאָל האָט ער מיך געפרעגט צי איך האָב די גרינע וואַליזקע וועלכע איך האָב געמוזט טראָגן לויטן אָפּמאַך. געוויס האָב איך זי געטראָגן. הגם זי איז געווען היפשלעך שווער. ד״ר שטערנבערג האָט געשוויצט ווי אַ ביבער. אַפילו די באָרד און די גלעז־לעך פון זיינע בינאָקלעס זענען געווען פאַרלאָפּענע מיט שווייס. דאָס שוואַרצע בענדל פון די בינאָקלעס איז אים אַרויסגעקראָכן פון אונטערן קאָלנער ווי עס וואָלט אויך געוואָלט אַ קוק טאָן אויף די מענגעס פון פּאַסאַזשירן וואָס שטופּן און שטויסן זיך שוין — הגם די באַן איז נאָך גאָר נישטאָ. ד״ר שטערנבערג האָט זיך פּלוצים אַ שאַרפן קלאַפּ געטאָן אין שטערן:

— אַז מען האָט שכל לאָזט מען דאָ כל־הקהל זיך מיטאַנאַנדער ממיתן, און ווייזט אַלעמען אַ פייג. אָט גייען מיר אַריין אין דעם פּאַר־שטאַנד פון דער סטאַציע. געלט איז בלאָטע. פאַר אַ שווייצאַרישן פראַנק קאָן מען איצט אָפּקויפן גאַנץ קיר״ה מיט אַלע אירע באַנען צוזאַמען. מיר וועלן דינגען אַ לאָקאָמאָטיוו צו פאָרן מיט איר צו אַ פריערדיקער סטאַ־ציע וואו די באַן שטעלט זיך אָפּ איידער זי קומט קיין פעלדקירך. ביד רחבה וועלן מיר אַריינגיין קופּע ערשטע קלאַס און זיך שטעלן ביים פענצטער. מיר וועלן ווי די פּריצים קומען צו פאָרן קיין פעלדקירך. איר וועט אויף טשעקאָוועסט זען ווי בלוט גיסט זיך דאָ ווי וואַסער. היט נאָר, הער טרונק, די גרינע וואַליזע און פאַרלאָזט זיך אויף ד״ר שטערנ־בערגן.

אַלע ספקות וועגן ד״ר שטערנבערגס בריהשאַפט זענען מיר מיטאַמאָל אַראָפּגעפאַלן פונם האַרצן ווי די שטיינער.

ווען מיר זענען גאָר האָפערדיקע אַריינגעקומען צום פאָרשטאַנד האָט זיך אויסגעלאָזט, אַז עס איז אַפילו דאָרט נישטאָ קיין לאָקאָמאָטיוו אויף אַ רפואה. וואו עס איז נאָר געווען אין פעלדקירך אַ רעדל איז עס שוין מיט אַנדערע פּאַסאַזשירן אַוועקגעפאָרן צו די פריערדיקע סטאַציעס — פּאַסאַזשירן וואָס זענען אויך געווען אַזוי קלוג ווי ד״ר שטערנבערג און אויך געוואָלט זיין די ערשטע ביים צוג.

איך האָב אַ טיפן זיפץ געטאָן און געקוקט אויפן ד״ר שטערנבערג. ער האָט ווידער אָנגעהויבן צו שוויצן ווי אַ ביבער.

ענדלעך נאָך גרויס מי און מאַטערניש האָבן מיר באַקומען אַן אָרים פורל מיט אַ האַלב־געפּגרט פערדל. משמעות, נישט בלויז מענטשן נאָר אויך די בהמות אין עסטרייך האָבן געשפּירט דעם טעם פון אַ פאַרשפּיל־טער מלחמה און זענען נעבעך געווען אויף געהאַקטע צרות. ס׳האָט זיך מיר עפּעס נישט צוגעגלויבט אַז אָט דאָס פּגירהדיקע פערדל וועט אונז ברענגען צו אַ באַן־סטאַציע. נאָר פאַרפאַלן. מיר האָבן זיך געהאַצקעט מיט דער דאָזיקער פּגירה. ד״ר שטערנבערג האָט מיך כסדר געפרעגט צי איך היט די גרינע וואַליזקע און האָט צוגעזאָגט דעם בעל־עגלה אַ קיילעכדיקן שווייצאַרישן פראַנק אויב ער וועט אויסמיידן אַלע לאָקאָמאָ־טיוון און אונז ברענגען אויף דער סטאַציע צופריער פון אַלע פאָרנדיקע פּאַסאַזשירן. דער טיראָלער גוי, זשעדנע אויף דער שווייצאַרישער וואַ־לוטע, האָט געשריגן צום פערדל און עס געשונדן מיט דער בייטש. דאָס פערדל האָט געהאַצקעט און געוואָרפן מיט די אַרויסגעשטאַרצטע ריפּן. אַזוי זענען מיר ענדלעך, ענדלעך קוים דערפאָרן צו דער ערשטער סטאַציע. דאָרט איז שוין דער פּלאַץ פאַרן וואָקזאַל און די באַן־רעלסן געווען שוואַרץ פון מענטשן־מאַסן. דאָס געשטופעניש און געשטויסעניש איז שוין פאַר־גאַנגען אין אַ העפטיק געשלעג. ס׳זיינען שוין געווען קרבנות. מחמת דאָ איז דער צוג געשטאַנען נישט מער ווי עטלעכע מינוטן, דעריבער האָט זיך דער קאַמף אויף טויט און לעבן אָנגעהויבן נאָך איידער מיר האָבן אַפילו געזען אַ סימן פון אַ צוג.

מען האָט דערהערט פונדערווייטנס אַ פּיף פון דעם אָנקומענדיקן צוג. ס׳האָבן זיך אָנגעהויבן מוראדיקע סצענעס. מענטשן האָבן זיך טאַקע געכאַפּט פאַר דער גרגרת און געקראָכן איינער אויפן אַנדערן ווי ווילדע

חיות. ס׳איז געווען אַ קאַמף אָן רחמנות. ד״ר שטערנבערגן האָב איך באַלד פאַרלוירן פון די אויגן און בין געבליבן אַליין אין דער קעמפנדיקער מענטשישער מהומה — אַליין מיט ד״ר שטערנבערגס גרינע וואַליזקע אין דער האַנט.

עס ווייזט זיך אַרויס: טיילמאָל איז גראָד דער שלימזל דער אמתער העלד. ווייל איך בין געשטאַנען אין אַ פּאַסיווער פאַרלוירנקייט אינמיטן פון דער בראַנד און נישט געפּרואווט צו טאָן דעם מינדסטן אַגרעסיוון זשעסט — דעריבער בין איך נישט געווען קיין שום ווידערשטאַנד און בין עפּעס ווי געטראָגן געוואָרן פון דער קעמפנדיקער מאַסע. איך בין געטראָגן געוואָרן ווי אַ פלעווע און ווי אַ גאָרנישט. ס׳איז ענדלעך אָנגעקומען דער נעבעכדיקער עסטרייכישער צוג. דער קאַמף ביי די וואַגאָן־טרעפּלעך האָט דערגרייכט זיין העכסטע מדרגה. ס׳האָבן צעיושעטע גע־שריגן די זיגער. ס׳האָבן זיך געהערט די יללות פון די געטרעטענע. איך ווייס אַליין נישט ווי אַזוי איך האָב מיך געפונען איבער אַלעמענס קעפּ מיט ד״ר שטערנבערגס גרינער וואַליזקע אין דער האַנט. כ׳האָב גאָרנישט געטאָן, און אַ פּאַסיווער געוואָרט ווי עס וועט מיר שפּילן דאָס מזל. פּלוצעם האָב איך געפילט ווי איך ווער אַריינגעשטופּט אין וואַגאָן. שפּע־טער — אינם קלאָזעט פונם וואַגאָן, וואו איך האָב מיר געפונען צוזאַמען מיט דער גרינער וואַליזקע איינגעפּרעסט צווישן מענטשישע גופים ווי אין אַ פאַס מיט הערינג. אינמיטן די געוואַלטיקע יללות וואָס טוען זיך אָפּ אין וואַגאָן און אין דרויסן, טוט פּלוצעם דער צוג אַ פייף. מיר הויבן אָן צו פאָרן.

וואו עס איז ד״ר שטערנבערג האָב איך נישט געוואוסט. מן־הסתם איז ער איבערגעבליבן צווישן די צעטרעטענע.

קאַפּיטל זיבן

וויִן, דו אָפּגעקומענע יורדת! דר. שטערנבערג אין אַ פינצטערן הולך. ניסים ונפלאות אונטער דער באַנק. ער שפּרייט אויס די הענט און שווימט אין די ווינער טונקלענישן.

ווען איך דערמאָן מיך מיין דעמאָלטיקע נסיעה קיין פּוילן, אַ נסיעה נאָך דער לאַנגער הפסקה פון דער ערשטער וועלט־מלחמה — בעסער געזאָגט, מיין נסיעה פון דער שווייצאַרישער גרענעץ קיין וויִן — שטעלן זיך מיר נאָך היינט די האָר קאַפּויער אויפן קאָפּ. פיר און צוואַנציק שעה בין איך געשטאַנען אין אַ ריינגעפּרעסטער צווישן מידע שוויצנדיקע מענטשי־שע גופים. איך בין געשטאַנען ווי אַ געליימטער. די שווערע גרינע וואַ־ליזקע האָט אויף מיר פיר און צוואַנציק שעה געדריקט ווי אַ שטיינערנע משא. זיהי ערב ויהי בוקר — עס איז געוואָרן טאָג, און עס איז געוואָרן נאַכט. איך בין איינגעשלאָפן שטייענדיקערהייט און נאָר געפילט אונטער מיר דאָס קלאַפּן פון די רעדער פון דעם פאַרנדיקן צוג. ווען דער צוג האָט זיך אָפּגעשטעלט — מן־הסתם איז עס געווען אויף אַ סטאַציע — האָבן מיר געהערט פון דרויסן יאָמערלעכע יללות און ווילדע געשרייען. עס איז געווען דער געוויינטלעכער בלוטיקער קאַמף ביי די וואַגאָן־טרעפּלעך.

ווען דער צוג האָט זיך ענדלעך דערנענטערט קיין וויִן זענען מיר אַלע אין קלאָזעט געווען הוילע געשפּענסטער. ביי יעדן זענען אויסגע־גאַנגען די כוחות. יעדער איז באַהערשט געוואָרן פון אַן אַפּאַטיע וואָס האָט שוין געגליכן צום גאָר נישט. מען האָט זיך אויפגעהערט צו שטופּן

און האָבן איינער צום אַנדערן פּרעטענציעס. די איברים האָבן פּאַמע־לעכל אויפגעהערט ווי צו טאָן. קיינער האָט מער נישט געפילט זיינע אייגענע פיס. די אויגן האָבן געברענט ווי פאַרשרפהטע. אינם אויס־געטריקנטן מויל איז די צונג געלעגן ווי אַ ביטער שטיק לעדער. אונטער אונז האָבן כסדר געקלאַפּט די רעדער. מיר זענען געפאָרן. פּאַמעלעכל האָבן מיר געפילט ווי דער צוג פאַרלאַנגזאַמט זיין גאַנג. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט. צום ערשטן מאָל אין דער נסיעה וואָס האָט זיך געצויגן נישט פיר און צוואַנציק שעה נאָר פיר און צוואַנציק אייביקייטן, — האָבן מיר געשפּירט דעם קאַלטן הויך פון פרישער לופט. מען האָט גערופן:

— ווין!

ס׳האָט זיך אָנגעהויבן אַ מהומה אויך ביים אַרויסגיין פון צוג. איעדער האָט שוין געוואָלט זיין אינדרויסן אויף דער פרישער לופט און אָנהויבן פונדאַסניי צו פילן דעם אייגענעם גוף. נאָר די מהומה איז שוין געווען אַ שוואַכע. ביי אַלעמען זענען שוין געהאַט אויסגעגאַנגען די כוחות. איך בין געווען דער לעצטער ביים אַרויסגיין. איך האָב קוים געשלעפּט ד״ר שטערנבערגס גרינע וואַליזקע און האָב נישט אָנגעהויבן צו וויסן וואָס מיט איר צו טאָן.

פלוצעם הער איך ווי עמעצער שרייט הינטער מיר:

— הער טרונק, הער טרונק! —

ס׳איז באַשיימפּערלעך געווען ד״ר שטערנבערגס קול און איך האָב מיך אומגעקוקט. צו מיר איז צוגעלאָפן עמעצער וואָס האָט בשום אופן נישט געהאַט די מינדסטע ענלעכקייט מיט ד״ר שטערנבערגן. עפּעס אַ נפש האַלב געשפּענסט און האַלב צירק־קלאָון. עס איז ממש ד״ר שטערנ־בערגן נישט געווען צו דערקענען. די באָרד האָט זיך אים צעקלעפּט אויפן גאַנצן פּנים ווי ביי אַ שימפּאַנזע. פונם שיינעם האַרטן קאַפּעליוש זיינעם איז נישט מער פאַרבליבן ווי דער בלויזער ראַנד וואָס האָט אים ווי אַ לציש קריינדל אַרומגענומען דעם קאָפּ. די גלעזלעך פון די בינאָקלעס זענען געווען אויסגעהאַקט, און אויף דער נאָז איז געזעסן נישט מער ווי עפּעס אַ געשטעל פון צעבויגענע דרעטלעך. בלויז דאָס שוואַרצע בענדל האָט אים האָפּערדיק אָפּער געקוקט פון דעם צעקנוידערטן קאָלנער.

— איר האָט די גרינע וואַליזקע, הער טרונק? — האָט דער אומ־גליקלעכער שאָטן פון ד״ר שטערנבערגן קוים געהעשעט.

— איר זעט דאָך אַז איך טראָג זי, — האָב איך געענטפערט. — און אייך ווי איז צוגעגאַנגען די נסיעה?

דאָ האָט ד״ר שטערנבערג דערציילט ווי אַזוי ער איז אויך אַריינ־געפאַלן ווי אַ פילקע אין אַ קנויל פון בלוטיק־קעמפנדיקע מענטשן. אויך ער איז געטראָגן געוואָרן פון דעם זיך־שטויסנדיקן שטראָם און אריינגע־טראָגן געוואָרן אין וואַגאָן. דאָרט איז ער מיט נאָך אַ היפּשע צאָל מענטשן אַרונטערגעשטופּט געוואָרן אונטער אַ באַנק. וואָס עס האָט זיך געטאָן אונטער דער באַנק — באַדאַרף ער מיר נישט צו דערציילן. עס איז גענוג צו קוקן אויף זיין שיינעם האַרטן קאַפּעליוש און אויף זיינע בינאָקלעס און אויף דעם איבעריקן הולך פון ד״ר שטערנבערג. נאָר גאָר נישט. או־מעטום און תמיד געשען חסדים מיט ד״ר שטערנבערגן. ער איז ווידער אין ווין מיט זיינע דריי וואַליזקעס און ער וועט דאָ צעשפּרייטן די הענט אין די טונקלענישן און שעפּן גאָלד.

קאַפּיטל אַכט

פּוילן! דער ווייסער פּוילישער אָדלער. אַלטע רעמיניסצענצן. כ׳זע ווידער פּוילישע יידן נאָר אַלצ־דינג האָט זיך פאַרענדערט. יעקב און עשו אין נייעם פּוילן.

נאָך פינף יאָר לעבן אין אַ נייטראַל לאַנד בין איך ווידער אַדורכ־געפאָרן פּוילנס גרענעץ. פינף לאַנגע בלוטיקע יאָר זענען געלעגן ווי אַ טיפער תהום פון צייט צווישן דער אַלטער און נייער תקופה. איך האָב פּוילן כמעט ווי נישט דערקענט. דאָס בילד פון פּוילנס ווירקלעכקייט ווי עס איז געווען איינגעשניטן אין מיין זכרון און אין מיין געמיט האָט אויסגעזען ווי פאַרשוואומען אין אַ נעפּל פון פאַרגאַנגענהייט. דאָס נייע, זעלבשטענדיקע, נאָך־מלחמהדיקע פּוילן האָט געהאַט אין זיך אַ סך פון דער ראָמאַנטיק פון אַ היסטאָרישן חלום, אַ חלום וואָס האָט זיך כסדר געקליבן צו ווערן ווירקלעכקייט.

פון מיינע קינדער־יאָרן און ביז צו דער צייט פון דער מלחמה האָט דאָס געשטאַלט פון ווייסן פּוילישן אָדלער באַלאַנגט צו די מעשיות וואָס סיי גויים און סיי פּוילישע יידן האָבן דערציילט פון העט גאָר ווייטן, וויטן פּוילישן פאַרצייטנס. מען האָט עס דערציילט בסוד און גאָר פאָרזיכטיק כדי עס זאָל נישט דערגרייכן צו די אויערן פון דער רוסישער מאַכט אין פּוילן. קיינער האָט שוין נישט געדענקט ווען דער דאָזיקער איידעלער ווייסער פויגל־קיניג האָט פריי געקאָנט פלאַטערן איבער פּוילנס ערד. מען האָט בלויז דערציילט וועגן אים. אין די מעשיות פון אַלטע יידן האָט ער געהאַט דאָס פּנים פון מלכות של חסד, פון וועד־אַרבע־אַרצות,

פון קרעטשמעס און פריצים, פון גאַר־גאַר פּאַרצייטישער יידישער שפע, יידישער פרומקייט און יידישער לומדות. אויך פון אַלטע גויים האָב איך געהערט דערציילן פון ווייסן פּוילישן אָדלער וואָס די רוסן שרעקן זיך פאַר אים און ער שמעקט מיט פּאָווסטאַניע. אין פעלד, אין אָסמאַלין און אין דלוטאָוו, ביי אַ גלעזל מעד צי אונטער די וואַרעמע אויבסט־ביי־מער אין אונזער סאַד — ווען דער זשאַנדצע גאַנשעראָווסקי איז געזעסן צוזאַמען מיטן פעטער לייזער יוסף — איז אין זייערע פאַנטאַזיעפולע מעשיות אַרומגעפלויגן דער ווייסער אָדלער פון פּוילן. גאַנשעראָווסקי האָט דערציילט פון דער פּאָווסטאַניע, פון די פּוילישע רייטער וואָס האָבן אויף פייערדיקע פערד אַטאַקירט די רוסן און אין שפּיץ פון די פּוילישע מחנות האָט געפלאַטערט די פּוילישע פאָן מיטן ווייסן אָדלער.

דער דאָזיקער וואונדערלעכער ווייסער קיניג פון די פייגל האָט צו מיר אַראָפּגעקוקט פון דער פּוילישער גרענעץ־סטאַציע אין וועלכער דער צוג איז מיט מיר אַריינגעפאָרן. ער האָט צו מיר אַראָפּגעקוקט פון די היטלען פון די גרענעץ־זשאַנדאַרן וואָס זענען אַריינגעקומען אין וואַגאָן צו קאָנטראָלירן די פּעסער. איך בין געוואוינט געווען אַז מלכות זאָל רעדן רוסיש. איצט רעדט מלכות פּויליש. איך בין אין פרייען זעלבשטענדיקן פּוילן.

דאָס האַרץ האָט מיר געציטערט פון צווייערליי געפילן: כ׳בין ווי־דער אין פּוילן! נאָך דעם לאַנגן זיין צווישן די שווייצאַרישע אַלפּן־בערג האָב איך ווידער געזען דאָס היימישע פּוילישע פלאַכלאַנד, די מילדע אויסגעגאָסענע הימלען וואָס פאַרלויפן אין רחבות. ס׳איז פונקט געווען האַרבסט־צייט און דאָס איידעלע אומעטיקע גאָלד פון פּוילישן האַרבסט איז געלעגן אין דער לופטן און אויף די פעלדער. אויף די פעלדער האָט מען אויסגעגראָבן די קאַרטאָפל און בוראַקעס. פון דיביימער האָבן אָנגעהויבן אַראָפּצופאַלן די בלעטער. די בזשאָזעס זענען געשטאַנען אין זייער ווייסער צניעות. די ערד איז געווען אַ פּייכטע, אַ שמעקנדיקע און אַ לייכטנדיקע. פּוילן! כ׳האָב נאָך אַ לאַנגער צייט ווידער געזען פּוילישע יידן אין יידישע היטעלעך און אין לאַנגע קאַפּאָטעס. אָבער מען האָט זיי מער נישט געזען אין אַזאַ שפּעדיקער צאָל ווי אין די אַמאָ־

ליקע צייטן. יידן אין יידישע מלבושים זענען שוין איצט געווען כמעט ווי דער מיעוט צווישן די פוילישע יידן וואָס כ׳האָב באַגעגנט נאָך דער לאַנגער מלחמה־צייט. יענע אַלטע פוילישע יידן אויף וועלכע עס איז געלעגן אויסגעגאָסן דער שטייגער פון לאַנגע דורות. אַט די דאָזיקע יידן זעט מען איצט וואָס אַ מאָל שיטערער. דער אַלטער יידישער בוים אויף דער פוילישער ערד האָט ראַש אָנגעהויבן צו בייטן זיינע בלעטער. ער איז געשטאַנען עפּעס ווי אינמיטן צווישן אַ האַרבסט און אַ פרילינג.

אויך די גויים אין פוילן זענען מיר אויסגעקומען פרעמדלעכער. דער ווייסער פוילישער אָדלער איז נישט געקומען צו פליען פון די האַרציק־העראָאישע מעשיות וואָס עס האָבן דערציילט סיי דער פּעטער לייזער יוסף, סיי דער רזשאָנדצע גאָנשעראָווסקי. ס׳זענען נישט געווען די פוילישע גויים וואָס איך האָב געדענקט פון אָסמאָלין און פון דלוטאָוו; די גויים וואָס זענען געווען עפּעס ווי אַ טייל פון די פוילישע יידן און האָבן צוזאַמען געשאַפן די כישופפולע ליבהאַרציקע אידיליע פון דעם דאָזיקן לאַנד. אין די אויגן פון די פוילישע גויים וואָס כ׳האָב איצטער באַגעגנט נאָך די מלחמה־יאָרן האָב איך געטראָפן אַ קאַלטע פיינטלעכע פרעמדקייט. יעקב און עשו זענען מער נישט געזעסן צוזאַמען אין דער וואַרעמער שויס פון דער מוטער. יעקב אין פוילן האָט אָנגעהויבן צו ווערן האַפּערדיקער — און עשו האָט אַרויסגעצויגן קעגן אים די שווערד. עשו האָט ביי יעקבן געוואָלט צונעמען די פּרנסות און אַרויסיאָגן פון לאַנד. ער האָט געריסן די שיינע יידישע בערד פון פוילישע יידן און טיילמאָל — מעשה עשו־שפּיל — געוואָרפן יידן פון די פאַרנדיקע באַנען.

קאַפּיטל ניין

לאָדזש און די רוסישע מרחקים. די אַלטע גבירים זענען געפֿאַלן ווי זומער־פֿליגן אין חודש אלול. נייע גבירים צעשפּרייטן די פּאַלעס און כאַפּן גאָלדענע שניי־גאָמעלקעס. דער דייטש שטעלט בדלות. ליכט און שאָטן איבער פּוילן. דאָס מזל שפּילט קאָפּ־שלאָג און מאַכט עולים ויורדים.

צווישן פּוילישע יידן האָט לאָדזש תמיד געשפּילט די ראָל פֿון דעם געשטאַלט פֿון זייער פֿאַנטאַסטישן טעמפּעראַמענט. אינמיטן דער אַלט־פּאַטערישער אידיליע פֿון די יידישע שטעטלעך אויף דער פּוילישער ערד איז לאָדזש געווען דער האַזאַרד וואָס יידן האָבן געשפּילט מיט דער וועלט און מיט אירע מרחקים. די מלחמה האָט פֿון לאָדזש געמאַכט אַ תל, און זי אָפּגעשניטן פֿון די גרויסע רוסישע ווייטקייטן וואוהין לאָדזשער יידן האָבן געקוקט מיט אַ היימישקייט. די רוסישע מרחקים — וואו וועדליק אַלע מלוכהשע געזעצן האָבן יידן נישט געטאָרט אַריינשטעלן קיין פֿוס — זענען פֿונדעסטוועגן געלעגן ביי לאָדזשער יידן אין די קעשענעס, און לאָדזשער יידן האָבן דאָרט געמאַכט זומער און ווינטער. איצט זענען די רוסישע מרחקים מיט אַמאָל פֿאַרהאַקט געוואָרן מיט פֿעסטע גרענעצן. די צאַרישע מלוכה איז אונטערגעגאַנגען. פֿון די שיינע פֿעסטע רוסישע קערבלעך איז געוואָרן קאַשע. אונטער די דאָזיקע געוואַל־טיקע וועלט־איבערטרייסלענישן זענען די אַלטע לאָדזשער גבירים געפֿאַלן ווי די זומער־פֿליגן אין חודש אלול. אַמאָל זענען זיי געווען די גרויסע

שפּילער אויף דער דאָזיקער רחבות און איצט זענען זיי איינגעשרומפּן געוואָרן, פּונקט ווי עס זענען איינגעשרומפּן געוואָרן די ווייטקייטן אַרום זייער לאָדזש.

די לאָדזשער סמעטענע איז קאַטאַסטראָפאַל אויסגערונען פון זייערע טעפּ און זיי זענען געבליבן מיט ליידיקע הענט. די אַלטע גבירישע קאַרפּן־קעפּ אין לאָדזש האָבן גאָר גאָר עניוותדיק אַראָפּגעלאָזט די קעפּ כמעט ווי אָרעמעלייט און ווי יורדים.

נייע יידן האָבן אָנגעהויבן אַרויסצושטעקן די קעפּ פון די פּינצטערנישן. אַרום זיי האָט אָנגעהויבן צו לייכטן אַ נייע פאַנטאַסטישע עשרות. אמת, זי איז נישט געווען אַזוי יוסט און איינגעפונדעוועט ווי די פאַרמלחמהדיקע עשרות פון לאָדזשער יידישע גבירים; אַן עשרות פון פאַבריקן, פולע מאַגאַזינען מיט סחורות און אָנגעשטאָפּטע טאַשן מיט די קוראַנטסטע וועקסלען און קנאַקעדיקע רוסישע קערבלעך. די היינטצייטיקע לאָדזשער עשרות איז געווען נישט מער ווי גריילעך אַ ווילדער לופטיקער האָקוס־פּאָקוס. אַ גלאַנץ אין דער לופטן. גאָמעלקעס פון פריש־געפּאַלענעם שניי. זי איז צעשוואומען אין די הענט ווי אַ גאָר נישט. אָבער נישקשה, די נייע לאָדזשער גבירים האָבן מיט דער האָקוס־פּאָקוסדיקער עשרות געטריבן דורך ווילדסטן האַזאַרד. מען האָט צעשפּרייט די פּאַלעס און געטאַנצט אויף אַ שוואַרץ־שבת.

די דאָזיקע עשרות איז קודם־כל געקומען פון די מלחמה־יאָרן. אַלצדינג האָט אָנגעהויבן אויסצופּעלן. די שפע פון פּוילן האָט זיך מיטאַמאָל אָפּגעשטעלט. מיט דער גרינדלעכסטער געניקייט האָבן די דייטשן נאָכגעזוכט און נאָכגענישטערט נאָך דעם לעצטן שטיקל סחורה, נאָך דעם לעצטן פּעקל בוימוואָל, נאָכן לעצטן שטיקל קופּער וואָס האָט זיך געפונען ביי לאָדזשער יידן. די דייטשן זענען אַריינגעקומען צו די אַמאָליקע נגידים אין די שטיבער — נאָכדעם ווי מען האָט אויסגעליידיקט ביז צום לעצטן פאָדעם זייערע פאַבריקן און זייערע קראָמען — און צענומען די אויוונס און געזוכט. געזוכט אויף די ביידעמער און אונטער די דילן. געקלאַפּט אין די ווענט און גענישטערט טאָמער איז נאָך עפּעס באַהאַלטן געוואָרן פאַרן דייטשן אויג. די אַלטע לאָדזשער גבירים זענען

נישט געוואוינט געוועזן צו באַהאַלטן. זיי זענען געוואוינט געווען צו דער אָפנקייט, צו דער שפע און צו דער רחבות. און, — מען האָט זיי, די אַלטע תושבים פון לאָדזשער עשרות אויף דער פּיעטרקאָווער גאַס, געשטעלט בדלות.

דער נייער קלאַס פון לאָדזשער גבירים זענען געווען יידן וואָס ביז צו דער מלחמה זענען זיי גאָר געזעסן אין די טונקלענישן פון דער אומ־באַקאַנטקייט. יידן גראָד פון באַלוט און פון דער אַלט־שטאָט. זיי האָבן זיך לייכט צוגעפּאַסט צו דעם נייעם משוגענעם סדר פון דער וועלט. אָט די אַמאָליקע באַלוטער אביונים זענען איצט מיט אַמאָל אויסגעוואַקסן ביים לאָדזשער שפּיל־טיש. זיי האָבן אויסגעשטרעקט די הענט צו דעם ווירטשאַפטלעכן תוהו ובוהו פון דער מלחמה־צייט און געצויגן פון דאָרט סטענגעס. ס׳האָט זיך אָנגעהויבן דער שמוגל און דער פּאַסעק. די נויט האָט פּלוצעם זיך איבערגעדרייט די קאַפּאָטע און געוויזן אַז זי האָט אויך שפע. דאָס גאָר־נישט האָט אָנגעהויבן צו שטייגן אין גוואַלדיקסטן פּרייז. די איבערבלייבענישן אין לאַנד וואָס זיי איז פאַרט געראָטן זיך אויסצו־באַהאַלטן פאַרן וואַכן אויג פון די דייטשן, האָבן אָנגעהויבן צו פליען אין די הויכענישן ווי וואונדערלעכע אָדלערס. אויף יעדן פּיצל סחורה האָבן זיך געוואָרפן טויזנט בעלנים. די ספּעקולאַציע איז געוואָקסן און גבירים און אָרעמעלייט האָבן זיך ראָש געביטן אין די ראָלן ווי אין אַ פּורים־שפּיל. איבער פּוילן איז געלעגן דאָס העלסטע ליכט און דער טונקלסטער שאָטן. אַלע מאָל האָבן אַנדערע יידן אַרויסגעשטעקט זייערע קעפּ דאָ פונם ליכט און דאָ פונם שאָטן. איבערנאַכט האָט מען געהערט די נעמען פון נייע גבירים און גראָד פון באַלוט און פון דער אַלטשטאָט. און איבער־נאַכט זענען זיי פאַרשוואונדן געוואָרן אין דעם נאָמענלאָזן. ווידער און פונ־דאָסניי האָבן אַנדערע נעמען אַרויסגעקלונגען איבער לאָדזש. די חשובע גבירים פון אַמאָל האָבן פאַרלוירן זייערע פּעדערן, געבליבן ווי אָפּ־געצופּטע עופות און געפּילט זיך שפּל. די מאַסע אָרעמעלייט האָבן גע־דאַרט און געקוואַרט. די נייע, די אויפגעקומענע, — די וואָס האָבן אַליין עפּעס נישט געוואוסט ווי אַזוי עס קומט צו זיי די מזל־ברכה — האָבן אויפגעהויבן די פּאַלעס, האָבן זיך צעיאַכמערטע און צעהיצטע געיאָגט

נאָך שאָטענעס און נעכטיקע טעג — און אויף זיך גענומען גאָלדענע פע־דערן. דאָס פאַראָרעמטע פוילן אונטער די שטיוול פון די דייטשן, האָט זיך פאַר טייל גאַר פאַרוואַנדלט אין אַ כישוף־קעסטעלע. שטאָטישע יידן האָבן געדונגען גרויסע וועגענער און געפאָרן איבער פוילן און גע־נישטערט. יידן האָבן זיך פאַרשטעלט פאַר גויים, זיך אויסבאַהאַלטן אין די טיפע וועלדער, אין פאַרלאָזענע הייזער, ביי פויערים אין די כאַטעס, און אין שייערן. אָדער מען האָט גאַר אונטערגעקויפט די דייטשע וואַכן און געטריבן צוזאַמען מיט די דייטשן דעם שמוגל. די יידן וואָס האָבן זיך אַרויסגעלאָזט אויף דעם נייעם האַזאַרד־שפּיל מיטן מזל, האָבן מיטאַמאָל באַקומען בייכלעך. געוועזענע ביטערע אָרעמעלייט האָבן אינמיטן דער אַלגעמיינער נויט געלעבט אין כל־טוב און אין וואוילטאָג. געוועזענע גבירים האָבן עס צוגעקוקט און געוואָרן ביי זיך שפּלער און שפּלער. ביי די יידן וואָס האָבן אַרויסגעשטעקט די קעפּ פון די נייע ליכטיקייטן האָט זיך דאָס דעוואַלואירטע געלט, די פּוסטע פּאַפּירלעך פון די געוועזענע רוסישע קערבלעך און פון די נייע פּוילישע מאַרקן, געמערט און געמערט, ווי מיסט און ווי די אָפּפאַלעכצן פון אַ ווילדער רוישיקער חתונקע. דאָס געלט האָט טאַקע פאַרלוירן די אַמאָליקע ווירדע — אָבער פאַר די וואָס האָבן עס געהאַט אין פולע זעק, זענען די טעג געווען ליכטיקע. אויף מאָרגן האָט זיך קיינער נישט געזאָרגט. דאָס מזל האָט מיט אַלעמען געשפּילט קאָפּ־שלאָג. איז מען אַרויסגעפאַלן מיטן פּיטום אַרויף האָט מען נישט געוואָלט באַלאַמוטשען, און געטרונקען פון דער שפע ביז צום צעפּלאַצט צו ווערן.

קאַפּיטל צען

חורבן בית־ווינער. ס'איז נישט די אייגענע זון וואָס שיינט איבער די דעכער פון לאָדזש. דאָס רעדעלע האָט זיך איבערגעדרייט און אַמאָליקע באַלוטער אָרע־מעלייט לעבן אין גרויס ראַסקאָש.

דאָס הויז־געזינט פון ר' משה אהרן ווינער איז אַראָפּגעקומען דורך דער מלחמה גאָר צו אַ טראַגיש געשטאַלט. די טראַגעדיע איז געווען גרעסער דערמיט, וואָס די ווינערס זענען גאָר נישט געוואוינט געווען צו קיין שום מעגלעכקייט פון אַ טראַגעדיע און האָבן זי גאָר נישט באַנומען. זיי זענען געווען די רייכסטע חסידישע משפּחה אין לאָדזש און כמעט אין פּוילן — און האָבן שוין געהאַלטן אָט אָט צו ווערן ווי די פּריוועסעס. דאָס גוטס און די שפע האָט וואָס אַמאָל מעכטיקער געשפּאַרט דורך זייערע פענצטער. זייערע פאַבריקן אין זדונסקע־וואָליע האָבן געאַרבעט אויף דער פּולער פּאַרע. זייערע סחורות האָבן פּאַרפלייצט די רוסישע מרחקים. די קוראַנטסטע וועקסלען און די רוסישע הונדערט־רובלדיקע און פינף־הונדערט־רובלדיקע באַנקנאָטן האָבן פול געמאַכט זייערע קאַסעס. די ווינערס האָבן געגלויבט, אַז זייער עשרות באַלאַנגט צו די אייביקסטע געזעצן פון דער וועלט. זיי זענען די אויסדער־וויילטע און דאַרפן נישט צו טאָן די האַנט אין קאַלטן וואַסער. זייער מזל וועט אייביק לייכטן אין די הימלען. זיי, די ווינערס, וועלן סוף־כל־סוף דעריאָגן די פּריוועסעס סיי אין דעם גרויסן נאָמען, סיי אין די שענ־סטע שידוכים אין פּוילן.

די ווינערס זענען נישט געווען צוגעגרייט צו קיין שום קאַטאַסטראָפע.

און די קאַטאַסטראָפע איז געקומען. זי איז געקומען איבער דער שיינער וועלט אין וועלכער דאָס מזל פון די ווינערס האָט געגלאַנצט ווי אַ גינ־גאָלדענער שטערן. די וועלט וואָס שלינגט זייערע סחורות און באַצאָלט זיי דערפאַר מיט געלט און מיט שפע — זי האָט גאָר אויסגעצויגן די קאַפּיטעס ווי אַ געפּגרטע קו. ווינערס פאַרמעגן איז מיטאַמאָל אויסגע־רונען ווי עמיצער וואָלט געעפנט די צאַפּנס פון פולע פעסער מיט וויין און גיסט זיי אַרויס אויף דער גאַס. די רוסישע מרחקים זענען פאַר־שטומט געוואָרן און האָבן אַלצדינג פאַרשלונגען וואָס די ווינערס האָבן געהאַט דאָרט שטיין אין מיליאָניקע חובות. אַלצדינג איז אַוועקגעפלויגן אויפן ווינט. די סחורות אינדערהיים האָט דער דייטש צוגענומען. די ווינערס זענען געווען תמעוואַטע און האָבן נישט געוואוסט זיך אַרויס־צודרייען פון רעקוויזיציעס און צו באַהאַלטן ווי אַנדערע פּיפּיקע יידן. ביי זיי איז אַלץ געווען אָפן און רחבותדיק ווי ביי האָפערדיקע גבירים. דער דייטש האָט געהאַט די לייכטסטע זאַך די ווינערס אויסצושטעלן בדלות. די גרויסע געלט־סומעס וואָס די ווינערס האָבן געהאַט אין די באַנקן זענען דעוואַלוירט געוואָרן אויף קאַשע. עס האָט ביי די ווינערס געבושעוועט אַ שריפה און זיי האָבן זי גאַרנישט באַנומען און געבליבן שטיין ווי די אָפּגעשמיסענע לעמעשקעס. זיי האָבן נאָך געהאַט די פאַ־בריקן אין זדונסקע־וואָליע — אָבער דער דייטש האָט דאָרט צוגענומען די בעסטע מאַשינען און יעדעס פּיצל קופּער און מעש. אויף דעם אי־בערגעבליבענעם האָבן זיך געיאַוועט בעלי־חובות. אויף די היפּאָטעקן פון די לאָדזשער הייזער אויף פּיעטרקאָווער גאַס האָבן זיך אויך אַרויפ־געשטעלט בעלי־חובות. עס איז געווען אַ לאַקאַטאַרן־שוץ. דאָס דירה־געלט איז געווען גראָשנס, און דערצו גראָשנס וואָס זענען פון מינוט צו מינוט געפאַלן אין ווערט. אין די הייזער פון די ווינערס האָט פּשוט אָנגעהויבן אַריינצוקוקן די נויט — אַ געשטאַלט וועלכע איז פאַר זיי געווען מוראדיק. זיי האָבן אַפילו נישט פאַרשטאַנען דעם באַגריף נויט. די ווינערס זענען ביי זיך געוואָרן שפּלער און שפּלער, געקוקט אויף דער נייער וועלט מיט אויגן פון געקוילעטע שעפּעלעך. זיי זענען געגאַנגען איבער די לאָדזשער גאַסן מיט עניוותדיק אַראָפּגעלאָזענע קעפּ און אין אַלטע פאַרמלחמהדיקע קאַפּאָטעס, קאַפּאָטעס וואָס האָבן שוין אָנגעהויבן

אָפּגעבלאַקעוועט און צעדריפּעט צו ווערן. די ווינערס האָט זיך אויס־געדוכט, אַז ס׳איז נישט די אייגענע זון וואָס שיינט איבער די דעכער פון לאָדזש.

דערצו האָבן זיך פון זיי פאַמעלעכל אָפּגעטשעפּעט אַלע מקורבים און טעלער־לעקער. אַמאָל אין די גוטע צייטן ווען רוסלאַנד איז נאָך געשטאַנען אין די פעדערן און אַ קערבל איז געווען אַ קערבל, האָבן אָט יענע יידן געקוקט די ווינערס אין די אויגן אַריין, געהאַט פאַר זיי דעם גרויסן אָפּשיי און געשלונגען יעדעס וואָרט זייערס. איצט — טאָמער האָט זיך יאָ אַמאָל אין אַ ווינערישער שטוב געוויזן אַן אַמאָליקער מקורב, איז ער געקומען גאָר מיט אַ ברייטער האָפערדיקייט, האָט געהאַט ווייניק דרך־ארץ און אַפילו אַמאָל זיך דערלויבט צו זאָגן אַ גלייכווערטל אויפן חשבון פון אַ ווינער. דער עיקר האָט דער גאַסט דערציילט פון די נייע גבירים וואָס וואַקסן איבער נאַכט אין באַלוט און אויף דער אַלט־שטאָט, פון דעם ראַסקאַש אין וועלכן עס לעבן די נייע גבירים אינמיטן דער אַלגע־מיינער נויט אין פוילן, פון די שיינע נדבות וואָס זיי גיבן, פון די זאַטע און טייערע עסנס וואָס מען דערלאַנגט אויף די טישן פון נעבעכיקע אָרע־מעלייט, — בעת ביי זיי, ביי משה אהרן ווינערס קינדער, קוקט דער הונגער אַריין דורך די פענצטער.

קאַפּיטל עלף

שיע שפּערלינסקי. מיט די בונדישע פּראָקלאַ־
מאַציעס אין בוזעם פּילט ער נישט די חרפּה פון זיין
אָרעמקייט. אַן אומלעגאַלע אַרבעטער־פאַרזאַמלונג
צווישן באַלוטער פּלויטן. דער „קליינער בונד״.

שיע שפּערלינסקי — אַ נייער באַלוטער גביר מיט וועלכן לאָדזש האָט פּלוצעם אָנגעהויבן צו קלינגען ווי מיט אַ שאַליקן גלאָק — האָט גע־שטאַמט פון דער טיפסטער באַלוטער אָרעמקייט. ער איז געווען אַ קינד פון די אָרעמסטע וועבער אין די באַלוטער הייזלעך. זיין טאַטע האָט גע־אַרבעט אַכצן שעה אין מעת־לעת אויף דער וועב־שטול און קוים געהאַט וואַסער אויף קאַשע. קינדוויַיז איז שיע תמיד אַרומגעגאַנגען אַ הונגערי־קער, אַ באָרוועסער, און אַן אָפּגעריסענער. ווי אַלע פּראָלעטאַרישע קינ־דער אין יענע צייטן איז ער געווען נאָר אַ לאַסט אין דער אָרעמקייט פון זיינע עלטערן. ווען ער איז געווען אַ קליין יינגל איז ער געגאַנגען אין אַ באַלוטער תלמוד־תורה. געלערנט האָט ער ווייניק. דעם קאַנטשיק אויפן נאַקעטן לייב האָט ער דאָרט טועם־געווען גאָר היפּש. שיע האָט נישט געוויינט אַז מען האָט אים געשלאָגן. ער איז געוואוינט געווען צו קלעפּ.

אַ ביסל שפּעטער האָט אים דער טאַטע אָוועקגעגעבן אויף דער לער צו אַ קבצנישן בעל־מלאכה. כמעט גאָר אַ קינד האָט שיע געמוזט אַרבעטן זייער שווער. ער האָט ווייטער געהונגערט, ווידער באַקומען געשלאָגן, און אַדורכגעגאַנגען די אַלע ביטערע ענויים פון אַן אַמאָליק אַרבעט־קינד. ווען אין באַלוט זענען אויפגעקומען די „אחדות״ — באַלוטער יידישע אַרבעטער

האָבן אָנגעהויבן אויפֿצוהויבן די קעפּ, איז שיע אַריינגעטרעטן אין „קליי־נעם בונד״. פֿאַרוואָס ער טוט עס, האָט ער נישט געטראַכט. צום ערשטן מאָל אין זיין לעבן האָט ער געפּילט חשיבות, און אַז ער איז עפּעס ווערט. קיין גרויסע ראָל אין „קליינעם בונד״ האָט ער נישט געשפּילט. מען האָט אים בלויז געגעבן צו פֿאַרטיילן פּראָקלאַמאַציעס אויף דער פּיעטרי־קאָווער גאַס.

פֿריער האָט ער די פּיעטרקאָווער גאַס קיינמאָל נישט געהאַט אָנ־געקוקט אויף די אויגן. ער איז נישט אַרויס פֿון באַלוט. ער האָט געוואוסט, אויף דער פּיעטרקאָווער גאַס קאָן מען זיך נישט ווייזן אַ האַלב־נאַקעטער און אַ באָרוועסער ווי אין באַלוט.

מיט די בונדישע פּראָקלאַמאַציעס אין בוזעם פֿון זיינע אָפּגעריסענע בגדים האָט שיע נישט געפּילט די חרפּה פֿון זיין אָרעמקייט. ער איז געשטאַנען אויף אַ ראָג פֿון די גרויסע שטאָקיקע הייזער צו וועלכע מען מוז אַזש אויפֿהויבן דעם קאָפּ. ער האָט געזען דאָס געטומל פֿון די זאַטע און אָנשטענדיק־אָנגעטועטע מענטשן אויפֿן גאַס. ער האָט געזען די קאַטשן וואָס פֿאָרן דאָ אַדורך און די אויסגעפּוצטע דאַמען וועלכע זענען פֿאַר אים פֿאַרבייגעגאַנגען. צום ערשטן מאָל האָט שיע געזען אַן אַנדער לעבן ווי אין באַלוט. אַ לעבן וואָס האָט איבערגעשטיגן זיינע השגות וועגן לעבן. ביי זיין טאַטע אין באַלוט האָט ער געהערט דערציילן פֿון די יידן אויף דער פּיעטרקאָווער גאַס און פֿון זייערע גבירים. זיין דער־שלאָגענער שווער־האָרעפּאַשנער טאַטע האָט גערעדט וועגן יענע גבירים מיט דער הכנעהדיקסטער ערפּורכטיקייט. שיע האָט באמת גע־גלויבט אַז די רייכע יידן אויף דער פּיעטרקאָווער גאַס באַלאַנגען צו אַן אַנדערער מענטשהייט. צו אַ העכערער מדרגה פֿון מענטשן ווי די יידן אין באַלוט. סע קומט זיי טאַקע אַלדאָס גוטס.

שיע קאָן זיך שוין היינט נישט דערמאָנען ווען עס איז געווען — נאָר ער געדענקט; אַן אַנדער באַלוטער לערן־ייִנגל וואָס איז מיט אים צו־זאַמען פֿאַרשוואַרצט געוואָרן ביים מייסטער, האָט אַמאָל אין אַ שבת געזאָגט אַז ער וועט אים, שיען, מיטנעמען ערגעץ אויף אַ וויטן פּוסטן פּלאַץ אין באַלוט און ער וועט עפּעס הערן. נאָר עס מוז זיין אין גרויסן בסוד. פּאָליציע קאָן נאָך דערפֿון געוואויר ווערן און שיקן קאָזאַקן און צעממיתן

דעם עולם. שיִע איז געווען אַ ביסל אַ טעמפּער קאָפּ און ער האָט נישט באַנומען וואוהין דאָס ייִנגל וויל אים פירן און פאַרוואָס ווערט פּאָליציי דאָרט אַהין שיקן קאָזאַקן און ממיתן. נאָר ער איז געגאַנגען.

אויף אַ ליידיקן פּלאַץ צווישן באַלוטער פלויטן האָט ער געטראָפן אַ פאַרזאַמלונג פון אַרבעטער און אַרבעטערינס. אַ הויכער יונגערמאַן אַ שוואַרצער, מיט ברענענדיקע אויגן און מיט אַ צעפּלאָשעטע טשופּרינע אויפן קאָפּ איז געשטאַנען אויף אַן איבערגעדרייט פאַס און גערעדט צום עולם. שיִע האָט ס׳ערשטע מאָל געהערט אַ רעוואָלוציאָנערע רעדע. דער יונגערמאַן האָט גערעדט פון די גבירים און פאַבריקאַנטן אויף דער פּיעטרקאָווער גאַס מיט אַן אַנדער לשון ווי שיִע איז געוואוינט געווען צו הערן פון זיין פאַרחושכטן טאַטן. ער האָט זיי געשילדערט און פאַרגליכן צו די וואַמפּירן פון אַ וועלט־גיהנם. די גבירישע זאַטקייט פון וועלכער שיִעס טאַטע האָט דערציילט מיט אַזוי פיל גלוסטיקער אונטערטעניקייט האָט ער, דער בונדישער רעדנער, באַשריבן ווי דעם אומווירדיקסטן רויב, און ער האָט אויסגעמאָלן באַלוט און די באַלוטער נויט מיט פיל געררירטקייט און ליבשאַפט. שיִען האָבן זיך אַזש געשטעלט טרערן אין די אויגן. די בילדער פון באַלוטער אָרעמקייט זענען אים, שיִען געווען באַקאַנטער ווי דאָס האַס־בילד וועגן די גבירים. דער רעדנער האָט גערעדט קורץ און פּלאַמיק און האָט גערופן צום קאַמף קעגן דער רשעות פון דער וועלט. שפּעטער האָט מען געזונגען די „שבועה״. ס׳איז געווען זייער אַ פייערלעכער מאָמענט.

שיִע איז אַריינגעטרעטן אין „קליינעם בונד״. מען האָט אים געגעבן פּאַנאַנדערצוטיילן פּראָקלאַמאַציעס. ער איז אָפטער געקומען אויף דער פּיעטרקאָווער גאַס. די אומלעגאַלע פּאַפּירלעך אין די טאַשן פון זיין אָפּגעריסן מלבוש האָבן עפּעס ווי אַרויסגעשריגן אינמיטן פון די גרויסע הייזער אויף דער פּיעטרקאָווער גאַס און געפאָדערט נקמה פאַר דעם דערנידעריקטן און געקריוודעטן באַלוט.

קאַפּיטל צוועלף

באַלוטער נויט. יענטל. אַרבעטלאָז. צרות פאַר־
וואַנדלען זיך אין מיליאָנען. שיע שפּערלינסקי ווערט
באַשיימפּערלעך אַ באַלוטער גביר.

לאַנג איז שיע שפּערלינסקי נישט געווען אין דער פּאַרטיי. דאָס לעבן איז פאַר אים געוואָרן וואָס אַמאָל שווערער און שווערער. ער איז געווען אַ ביסל טעמפּעוואַטע, אַן פליגל און פאַנטאַזיע און מיט קנאַפּ באַ־גייסטערונג. ער איז ווי פאַרגעסן געוואָרן אין דער באַוועגונג אַן וועלכער ער האָט זיך אַנגעשלאָסן — און ער האָט אויך די באַוועגונג פאַמעלעך פאַרגעסן. די שווערע טאָג־טעגלעכע נויטן פון זיין לעבן האָבן אים איינ־גאַנצן פאַרנומען. פּונקט ווי זיין טאַטע האָט ער שווער געהאָרעוועט און אויך אָנגעהויבן פאַרחושכט צו ווערן אונטער דער לאַסט פון דער נויט — פאַרחושכט צו ווערן אַן דער מינדסטער האָפענונג אַז עס קאָן אים אַמאָל זיין בעסער. פון „בונד“ איז אים נאָר פאַרבליבן אַ טיפער טעמפּער האַס צו די גבירים.

נאָר איין מאָל האָט אין זיין שווער לעבן אויפגעשטראַלט אויף אַ מאָמענט אַ געפיל פון האַרציקייט. דאָס איז געווען ווען ער האָט זיך אין דער פאַבריק דערנענטערט צו אַ מיידל אַ שטאָפּערקע מיטן נאָמען יענטל.

יענטל איז אויך געווען פון אַן אָרעמער באַלוטער שטוב פּונקט ווי שיע שפּערלינסקי — און זיי זענען זיך נאָענט געווען אין כאַראַקטער און אין די באַדינגונגען פון לעבן אין וועלכע זיי זענען אויפגעוואַקסן. יענטל איז נישט געווען קיין שיינע און דערצו תמיד אַן אויסגעמאַטערטע.

זי איז געווען דער ערשטער מענטש וואָס האָט צו שיען געהאַט אַן אָפן און וואַרעם געפיל. שבת פלעגן זיי גיין שפּאַצירן איבער באַלוטער געסלעך און אַמאָל אַמאָל האָט זי שיע גענומען אויף דער גאַליאָרקע אין יידישן טעאַטער. ס׳האָט נישט לאַנג געדויערט און זיי האָבן חתונה געהאַט און געגאַנגען אויף אייגענער באַלעבאַטישקייט. ביידע האָבן ווייטער געאַר־בעט אין דער פאַבריק. ס׳זענען געקומען קינדער. שיעס שטוב האָט זיך פאַמעלעך פאַרוואַנדלט אין דער אייגענער ליבלאָזער פאַרחושכטקייט ווי די שטוב פון זיין טאַטע.

ס׳איז געקומען די ערשטע וועלט־מלחמה. שיע מיט זיין ווייב זענען געבליבן אַרבעטלאָז. ער און זיין משפחה האָבן שווער געליטן פון הונגער און קעלט. ער האָט אַ פאַרצווייפלטער געזוכט עפּעס צו פאַרדינען.

אין פוילן האָט אָנגעהויבן צו ברענען דער שמוגל. אין באַלוט האָבן זיך אָנגעהויבן צו באַווייזן די ערשטע גבירים. שיע שפּערלינסקי האָט גע־הערט דערציילן, אַז ביי מענטשן וואָס ער קאָן זיי זינט לאַנגע יאָרן פאַר באַלוטער אָרעמעלייט, עסט מען גראָד איצטער וואַרעמע בולקעס און מען באָדט זיך אין כל־טוב. שיע האָט נישט געהאַט קיין פאַנטאַזיע און אים איז צומאָל נישט געקומען אויפן זינען אויך צו פּרואוון דאָס מזל. אפשר איז גראָד אים אויך באַשערט צו ווערן אַ גביר? שיע שפּערלינסקי אַ גביר, יענטל אַ גבירטע, און די קינדער זאַטע? ניין. דאָס האָט זיך גאָרנישט געפּאַרט אין זיינע פאַרשטעלונגען וועגן דער וועלט. ער איז כסדר אַרומגעגאַנגען איבער באַלוט, געזוכט דאָס קלענסטע פאַרדינסטל און געשלונגען שפּייעכץ.

ער ווייסט אַליין נישט ווי אַזוי ער איז אַריינגעפאַלן צו אַ חברה שמוגלערס. מען האָט זיך אויף אים נישט אומגעקוקט. די שמוגלערס זענען געווען האַרטע און פיפיקע באַלוטער יידן וואָס האָבן געקאָנט קוקן דעם טויט אין די אויגן אַריין און האָבן געזוכט גאָלד אינם ווילדסטן הפקר. אָט די יידן האָבן זיך אָנגעטאָן ווי גוים, און איינגעשפּאַנט ערגעץ אין באַהאַלטענע באַלוטער הייף גרויסע וועגענער. אין טיף־פינצטערע רעגנדיקע נעכט, צי אין נעכט פון מוראדיקע שניי־זאַווערוכעס האָבן זיי זיך אַרויסגעלאָזט פון לאָדזש און אַוועק אויף די ווייטע פליינען פון פוילן. אין לאַנגע וואָכן אַרום זענען זיי צוריקגעקומען. אויפן וועג האָבן

זיי געהאַט אויסצושטיין די גרעסטע צרות און סכנות. יעדע מינוט זענען זיי געשטאַנען אויפן ראַנד בדלות צו ווערן אָדער גאַר דערשאָסן צו ווערן פון וואַכנדיקע דייטשע זשאַנדאַרן. זיי זענען מיט דער גרעסטער עקשנות אַלצדינג בייגעקומען, — און ווען זיי זענען צוריקגעקומען קיין לאָדזש מיט זייערע אָנגעלאָדענע וועגענער האָבן זיך די אַלע צרות פאַרוואַנדלט אין שווערע מיליאָנען.

אויף דער צווייטער נסיעה מיט די שמוגלערס האָט שיע שפערלינסקי געפּרואווט אַ האַנדל צו טאָן אויף אייגענעם חשבון. ער האָט עס צום ערשטן געטאָן מיט גרויס פאַרזיכטיקייט און אָן דעם מינדסטן גלויבן אַז אויך אים וועט געלינגען צו כאַפּן גאָלד צווישן די האַרטע און פּיפּיקע באַלוטער שמוגלערס. אָבער — ביי דעם געפערלעכן שפּיל־טיש — ווי עס איז דעמאָלט געווען דער שמוגל אין פוילן — קאָן מען קיינמאָל נישט פאַראויסזאָגן אויף וועמענס חלק עס וועט אויספאַלן דאָס גרויסע געווינס. ביי שיע שפערלינסקין אין די קעשענעס האָט מיטאָמאָל אויפגעשיינט דאָס מזל ווי אַ שאַרפער און ליכטיקער שטערן. אים איז אַלצדינג אָפּ־געגאַלטן. וואָס נאָר ער האָט גענומען אין דער האַנט אַריין איז איבער נאַכט געוואָלטיק געשטיגן אין די פּרייזן.

ווען שיע שפערלינסקי איז ס׳ערשטע מאָל מיט יענטלען זיין ווייב און מיט די קינדער געזעסן ביים טיש — אין שטוב איז געווען אַ מחיה־וואַרעם — אויפן טיש, בעת דרויסן אין באַלוט האָט געבושעוועט די נויט, זענען געשטאַנען ווייסע שמעקנדיקע בולקעס, געפּרעגלטע גענז, אַ פעטע יויך מיט לאָקשן, און אַ פלעשל מיט משקה — דעמאָלט האָט שיע שפערלינסקי, פאַרט אָנגעהויבן צו גלויבן אַז באַשיימפּערלעך וואַקסט ער אַ באַלוטער גביר.

קאַפּיטל דרייצן

אַ שפּאָגל־נייער נאָמען פון אַ גביר קלינגט שאַ־ליק איבער פּוילן. עס איז טאַקע מלחמה־צייט אָבער ר׳ יאַנטשע שמעקט פּאָרט אַ שופּרא דשופּראדיקן טאַבאַק. פאַרגעסט וואָס עס איז געווען, ר׳ שיע. איך וועל אייך משדך זיין מיט די ווינערס. צי איז עס חלום? צי איז עס וואָר?

עס האָט נישט לאַנג געדויערט און דער נאָמען שיע שפּערלינסקי האָט שאַליק אָנגעהויבן צו קלינגען נישט בלויז אין באַלוט, נאָר אויך אויף דער פּיעטרקאָווער גאַס. מען האָט פון אים אָנגעהויבן צו הערן אַפילו אין אַנדערע שטעט פון פּוילן. ווי אַמאָל פון די גרויסע פאַרמעגנס פון די פּריוועסעס און די ווינערס האָט מען איצטער אָנגעהויבן צו דערציילן פון די עשירותן פון שיע שפּערלינסקי און פון זיינע שמוגל־געשעפטן וואָס גייען אין די געוואַלדיקסטע סכומים. עס האָבן שוין נישט געסטאַיעט קיין ציפערן, כדי צו באַשרייבן שיע שפּערלינסקיס עשרותן אין פּוילישער וואַליוטע — האָבן אים יידן אָנגעהויבן צו שאַצן אויף אַמעריקאַנער דאָלאַרן.

נישט געקוקט דערויף וואָס זיין רייכטום איז געוואַקסן און זיין נאָמען האָט געקלונגען איבער לאָדזש — האָט שיע שפּערלינסקי ווייטער גע־וואוינט אין זיין אַלטער דירה אין באַלוט. הגם ביז אַהער האָט אים קיינער נישט געקאַנט, האָבן זיך פּלוצעם אָנגעהויבן צוצושאַרן צו אים שיינע יידן־מקורבים, יידן אין חסידישע קאַשקעטן. מען האָט ביי אים געבעטן די שיינע נדבה. שיע האָט לייכט געעפנט דעם בייטל און געגעבן. אין

שולעכל וואו ער האָט געדאַוונט האָבן אים די גבאים פּאַמעלעכל אַרויפֿ־געדרוקט אויף דער מזרח־וואַנט, און אים אָנגעהויבן מכבד צו זיין מיט „ששי״. עלטערע יידן האָבן אים אָנגעהויבן צו רופן ר׳ שיע און ייִנגערע — הער שפּערלינסקי. מען האָט אים פּאַמעלעכל אָנגעהויבן אונטערצו־חנפנען. שיע שפּערלינסקי האָט שווער געקאָנט צוגעוואוינען זיינע אויערן צו די זיסע ווערטער פון חניפה. דער שאָטן פון זיין פריערדיק לעבן, זיין פּאָטער־הויז און דאָס שווערע ביטערע און הכנעהדיקע לעבן, איז געלעגן אין זיין בלוט. וויפל זיין נייער מצב זאָל נישט האָבן געהייצט זיינע אַמביציעס, האָט ער פאָרט נישט געקאָנט אויפהערן צו זיין דער באַ־לוטער ייד.

מקורבים האָבן אים אָנגעהויבן צוצורעדן אַז ער זאָל זיך אַוועק־ציען אויף דער פּיעטרקאָווער גאַס, זיך קויפן דאָרט אַ הויז און זיך איינ־אָרדענען כאחד הגבירים. וואָס וועט אַ שיע שפּערלינסקי אויסזיצן אין באַלוט? האָבן געטענהט זיינע נייע גוטע פריינט, און ווי שיקט זיך באַלוט צו אַזאַ מאַגנאַט? שיע שפּערלינסקי האָט געשמייכלט. יענטל האָט דער־פאַר אַריינגעבערענגט דאָס גוטע גלעזל טיי מיט לעקעך און מיט איינגע־מאַכטס, — זאָכן וועלכע די אַלטע לאָדזשער גבירים אויף דער פּיעטרקאָ־ווער גאַס האָבן געקאָנט זען בלויז אין זייערע חלומות. פאָרט האָט עפּעס שיע שפּערלינסקי ביי זיך נישט געקאָנט פועלן זיך אַוועקצוציען אויף דער פּיעטרקאָווער גאַס. ביי זיין גאַנץ עשרות איז די פּיעטרקאָווער גאַס געשטאַנען פאַר אים ווי אַ גרענעץ וואָס ער קאָן נישט אַריבער־טרעטן. זיין קינדהייט איז געשטאַנען ווי אַ מויער צווישן אים און דער פּיעטרקאָווער גאַס, — און ער געדענקט ווי ער איז געשטאַנען אַן אָפּגע־ריסענער און באָרוועסער אין אירע ראָגן, אַרויפגעקוקט צו די פענצטער פון אירע הייזער און פאַנאַנדערגעטיילט בונדישע פּראָקלאַמאַציעס.

ניין. שיע שפּערלינסקי האָט דערווייל ביי זיך נישט געקאָנט פועלן צו פאַרלאָזן באַלוט. ער האָט נאָך געוואָלט אַ ביסל צו־וואַרטן.

איינמאָל אין אַ נאָכמיטאָג איז צו אים אַריינגעקומען דער גבאי פון זיין שולעכל. ער האָט געהייסן ר׳ יאַנטשע. מען האָט געזאָגט אַז ר׳ יאַנטשע פאַרנעמט זיך אויך מיט שדכנות און אַז פאַר דער מלחמה האָט ער אָנגעשפּאַרט אַפילו אין די טירן ביי די לאָדזשער נגידים. דער ייד

האָט אין זיך געהאַט דאָס האָפּערדיקע ברייטקייט אי פון אַ גבאי און אי פון אַ שדכן. אומעטום האָט ער ליב געהאַט אַריינצושטעקן די נאָז. ר׳ יאַנטשע האָט שטענדיק אַרומגעטראָגן מיט זיך אַ קאָרענע שקעטעלע פול מיט שמעק־טאַבאַק און אַ רויטע פאַטשיילע אין קעשענע. ער האָט זיך אָנגעשטאָפּט די נאָז־לעכער מיט טאַבאַק און דערנאָך — גאָר אויפן פאַרצייטישן דרך — געטאָן דעם גרויסן שנייץ אין דער רויטער פאַ־טשיילע אַריין. פונוואַנען האָט ר׳ יאַנטשע איצטער אין דער מלחמה־צייט גענומען שמעק־טאַבאַק ווען אויף אַלצדינג איז אַזאַ ביטערער דוחק? פרעג די פייגל אויף די באַלוטער דעכער! אין שולעכל האָט מען גע־שמועסט: דאָס גיבן אים, ר׳ יאַנטשען, אַלטע באַלוטער דייטשן, גויים וואָס זאָגן תהילים אויף דייטש, האַלטן אַז יידן זענען אַן עם־נבחר און זוכן מהנה צו זיין אַ ייד. זיי האָבן נאָך שמעק־טאַבאַק און פאַרזאָרגן אַ פרומען ייד מיט דעם דאָזיקן זעלטענעם תענוג.

איז, ווי איך האָב אויבן דערציילט, אין אַ געוויסן נאָכמיטאָג דער גבאי ר׳ יאַנטשע אַריינגעקומען צו שיע שפּערלינסקין. עס האָט געהייסן אַז ער קומט מכלומרשט אויף אַ גלעזל טיי מיט איינגעמאַכטס.

ר׳ יאַנטשע האָט ברייטלעך אַ קוש געטאָן די מזוזה און געזאָגט דעם ברייטן גוטן אָוונט. שיע שפּערלינסקי איז גראָד געווען אינדערהיים. ער האָט נאָך געהאַט פון אַלטע צייטן גרויס אָפּשיי פאַר אַ גבאי און גע־הייסן ר׳ יאַנטשען זיצן.

ר׳ יאַנטשע האָט זיך אָנגעשטאָפּט ביידע נאָז־לעכער מיט טאַבאַק, געטאָן דעם גרויסן שנייץ אין דער רויטער פאַטשיילע אַריין און גע־פרעגט:

— ווי גייען עפּעס געשעפטן, ר׳ שיע?

— נישט צו פאַרזינדיקן, — האָט שיע געענטפערט נישט דרייסט, — איר וועט טרינקען אַ גלעזעלע טיי, ר׳ יאַנטשע?

— וואָס שייך טרינקען. אַוודאי, וואו־דען. איר האָט שוין געזען אַמאָל אַ ייד וואָס זאָל זיך אָפּזאָגן פון אַ גלעזעלע טיי? — ר׳ יאַנטשע האָט בנעימות אַוועקגעלייגט דאָס קאָרענע טאַבאַק־שקעטעלע לעבן זיך אויפן טיש.

— גיב אַריין אַ גלעזל טיי פאַר ר׳ יאַנטשען, — האָט שיע שפּער־

לינסקי אַ זאָג־געטאָן אין דער קיך אַריין. נישט געקוקט אויף דער גרוי־סער שפּע האָט יענטל נישט געהאַלטן קיין דינסטן. זי האָט אַלץ גע־וואָרט. זי האָט זיך נישט געקאָנט צוגעוואוינען צו די פולע טעפּ וואָס האָבן זיך געקאָכט אויף אירע פייערקעס, און זי האָט אַליין געוואָלט זען ווי די טעפּ קאָכן זיך. דערווייל האָט יענטל מיט די קינדער אַליין געקאָכט, גערוימט, געוואַשן און געטאָן די שטוביקע זאַכן. אַחוץ דעם האָבן זיך אירע אויסגעפּראַצעוועטע הענט נישט געקאָנט צוגעוואוינען צו פּוסט און פּאַסטעווען.

גיטל, די עלטסטע טאָכטער פון שיע שפּערלינסקי, האָט אַריינגע־בראַנגט צוויי גלעזער טיי מיט אַ טעלער פלוימען־איינגעמאַכטס. גיטל איז געווען אַ מיידל פון אַ יאָר אַכצן, אַהויכע און אַ שלאַנקע און גע־כאַפּט דעם אָנבליק פון שיע שפּערלינסקין. אין דער שפּע האָט זי אויפ־געבליט ווי אַ רויז נאָך דער טרוקעניש און אָנגעהויבן צו ווערן אַ שיין מיידל. בלויז די הענט אירע מיט וועלכע זי האָט געטראָגן די טאַץ מיט כּיבוד זענען נאָך געווען אָנגעשוואָלענע, רויטע און אויסגעפּראַ־צעוועטע ווי די הענט פון אַ פּראָלעטאַריש מיידל. גיטל האָט שוין גע־האָט געאַרבעט צוזאַמען מיט איר מוטער אין אַ פאַבריק. ר׳ יאַנטשע האָט גיטלען אָנגעקוקט מיט די אויגן פון אַ שדכן און פון אַ מבין. ער האָט ווידער געטאָן אַ שמעק־טאַבאַק.

— וואָס באַלאַמוטשעט איר, ר׳ שיע? — האָט ר׳ יאַנטשע גע־זאָגט כּלומרשט מיט אַן איבערגעלעגענעם פּאַטערלעכן פאַרוואורף. איר זעט דען נישט אַז גיטל איז קיין עין־הרע אַ שיינקייט? טוט למען־השם מיט איר אַ שידוך. פאַרגעסט וואָס עס איז געווען פאַר דער מלחמה. היינט זענען אַנדערע צייטן און די וועלט האָט זיך איבערגעדרייט אויף קאַפּויער. גאַנץ פּוילן ווייסט, אַז איר זענט קיין עין־הרע פון די גרעסטע גבירים, נישט געקוקט דערויף וואָס איר וואוינט נאָך אין באַלוט.

שיע שפּערלינסקי האָט נישט־דרייסט געשמייכלט. ער האָט זיך געקראַצט אין קאָפּ מיט דעם זשעסט פון אַן אַרבעטער:

— איר זענט גערעכט, ר׳ יאַנטשע, נאָר איך ווייס נישט ווי אַזוי מען טוט אַ שידוך.

ישראל ליכטענשטיין

בעטי פאַרן טויט

— וואָס הייסט איר ווייסט נישט? — האָט ר׳ יאַנטשע מיט צוויי פינגער געטאָן אַ קלאַפּ אין טאַבאַק־שקעטעלע, — דערויף איז מיין נאָמען יאַנטשע און איך האָב מיך געדרייט מיט שידוכים נאָך ביי די אַלטע גבירים. — ר׳ יאַנטשע האָט אַ ווילע געשוויגן און געקוקט מיט אַ כיטרע אייגל אויף שיע שפּערלינסקין — און האָט גענומען אַ שמעק־טאַבאַק. ווען ער האָט נאָך געהאַלטן דעם טאַבאַק צווישן די גרויסע פאַרגעלטע פינגער און זיך געגרייט אים אַריינצושטופּן אין די זשעדנע נאָז־לעכער — האָט ער פּלוצעם אַ זאָג געטאָן:

— איך וואָלט איך גערן משדך געווען מיט די ווינערס. איר האָט געהערט מן־הסתם פון ר׳ משה אהרן ווינער? האַ ר׳ שיע?

שיע שפּערלינסקי האָט אַ פינטל געטאָן מיט די אויגן. עס האָט אים ווי אַ זעץ געטאָן אין קאָפּ און ער האָט געגלויבט, אַז ער הערט נישט ריכטיק. וויפל ער זאָל נישט האָבן געהערט, אַז די ווינערס זענען היינט נישט דאָס אייגענע וואָס אַמאָל און אַז ער, שיע שפּערלינסקי, האָט מער איצט אין וועסטל־טעשל וויפיל זיי האָבן אין די אייזערנע קאַ־סעס — פאָרט איז דער נאָמען פון משה אהרן ווינער און זיין הויז־געזינד אים געלעגן אין קאָפּ ווי אַ ווייטע נישט דערגרייכבאַרע זאַך. ווייניק האָט ער זיך אָנגעהערט פון זיי אין זיין יוגנט! מען האָט אים געוויזן אויף פּיעטרקאָווער גאַס דאָס רחבותדיקע הויז וואו זיי וואוינען און די גרויסע קראָם זייערע וועלכע האָט אַרויסגעקוקט מיט אַ לאַנגער שורה פון פענצטער. די ווינערס? אַזאַ זאַך האָט זיך אים אַפילו נישט געחלומט. אָבער אויב אַזאַ ייד און אַ גבאי ווי ר׳ יאַנטשע דערמאָנט זייער נאָמען אין שייכות מיט גיטלען, מן־הסתם איז ער, שיע שפּערלינסקי, שוין דער אמתער אָנערקענטער גביר, און דאָס רעדל האָט זיך איבערגעדרייט. ער איז רויט געוואָרן ווי אַ שעמעוודיק בחורל, ער האָט זיך שטיל אויס־געשמייכלט און געפרעגט ביי ר׳ יאַנטשען צי ער וועט אויסטרינקען נאָך אַ גלעזעלע טיי און אויפעסן נאָך אַ טעלערל איינגעמאַכטס מיט לעקעך.

— מהיכי תיתי, האָט ר׳ יאַנטשע געזאָגט ווי ער וואָלט דערמיט געטאָן שיע שפּערלינסקין די גרעסטע טובה — נאָר אַ הייס גלעזעלע טיי און גוט־אויסגעבאַקענעם לעקעך. נישקשה, ר׳ שיע, מיר וועלן

בקרוב פראָוועןְ גיטעלעס תנאים און טאַקע מיט אַ חתן פון די ווינערשע קפריסין.

ר׳ יאַנטשע האָט אויפגעגעסן דעם נייעם כיבוד וואָס גיטל האָט פאַר אים אַריינגעבּרענגט פון קיך, געטאָן דעם גרויסן שמעק טאַבאַק, זיך אויפגעהויבן, געגעבן אַ ברייטלעכן קוש די מזוזה און אַוועקגעגאַנגען.

קאַפּיטל פערצן

שלום ביאַלער איז די זיסטע ראַזשינקע פון דעם הויז־געזינט ווינער. וואַרשעווער נוסח. גבירים דאַרפן גאָר זיין קליינגעווייקסיקע. ביי די ווינערס איז חושך נאָר שלום ביאַלער האַלט ווייטער גבירישן דיסטאַנץ.

שלום ביאַלער האָט זיך געהאַלטן פאַר דער ראַזשינקע פון דעם הויזגעזינד ווינער, פאַר דעם שענסטן ברילִיאַנט וואָס האָט ערשט אָט די לאָדזשער חסידיש־גבירישע קרוין געלאָזט פאַנאַנדערלייכטן אין איר פולן גלאַנץ. קודם איז ער, שלום ביאַלער, געווען אַ וואַרשעווער. נישט סתם קיין וואַרשעווער, נייערט אַ זון פון ר׳ זיסקינד ביאַלער, אַזוי צו זאָגן פון דער וואַרשעווער חסידיש־נגידישער סמעטענע. די ביאַלערס זענען נישט געווען די רייכסטע פון די וואַרשעווער „פּני״, אין זייער טאָן אָבער, אין זייער שטעל און הילוך האָט מען געקאָנט מיינען, אַז זיי זענען כמעט דאָס אייגענע וואָס די פּריוועסעס.

וויפיל די ביאַלערס האָבן נישט אין זיך געהאַט אַלע וואַלאָרן פון אַלטע וואַרשעווער גבירים, האָט שלום ביאַלער דערפון פאַר זיך אַראָפּ־גענומען דאָס פולע שעפל. די ביאַלערס זענען נישט געווען קיין גע־וויקסיקע. זיי זענען געווען נידריקע אין זייער פּאַראַדע, נאָר זיי האָבן געוואוסט צו מאַכן פון דער נויט אַ טוגנט, און אין זייער קליין־געוויקסיקייט האָבן זיי זיך געהאַלטן אין אַזאַ גביריש־וואַרשעווער נוסח אַז עס האָט אויסגעקוקט: אמתע גבירים דאַרפן גאָר צו זיין קליין־געוויקסיקע.

אויך אין לאָדזש, ווי אַן איידעם ביי די ווינערס, האָט שלום ביאַלער

געוואוסט ווי אַזוי אויסצונעמען און צו ווערן, נאָך בנימין ווינערן, כמעט ווי דער אויבערשטער פון שטייסל פון דער משפחה. ער האָט געוואוסט ווי אַזוי דאָס קיילעכדיקע בייכל זיינע צוצופּאַסן צו דער קליין־געוויק־סיקייט פון זיין געשטאַלט. שלום ביאַלער איז געווען בלאָס אויפן פּנים און געהאַט זייער אַ שיין שוואַרץ בערדל. ער האָט עס געקעכלט ווי אַן אבן־טוב. די שטיוועלעך זענען ביי אים תמיד געווען ווייכע און אויסגע־פּוצטע. דאָס שוואַרצע גבירישע קאַפּאָטקעלע איז אויף אים געלעגן סיי נגידיש און סיי ממזריש. ער האָט זיך קיינמאָל נישט געאיילט — די וועלט איז נישט קליין צו וואַרטן ביז שלום ביאַלער וועט איר אָנטאָן דעם כבוד און צו איר קומען. ער איז געגאַנגען מיט קליינע און פּעטע טריטעלעך און האָט געקאָנט געבן דאָס הוסטעלע וואָס אַלע ווינערס צוזאַמען האָבן עס נישט געקאָנט אים נאָכטאָן.

אין דעם גרויסן כבוד וואָס האָט אין לאָדזש אַרומגענומען די משפּחה ווינער האָט מען געזען ווי שלום ביאַלער הויבט זיך אָן אַרויס־צורוקן אויף אַן אייגענעם דרך און ער איז עפּעס אַזוינס ווי דער אַריס־טאָקראַט צווישן די ווינערס. ער האָט אַפילו אויפגעהערט צו דאַוונען אין ר׳ משה אהרן ווינערס שטיבל צוזאַמען מיט דער גאַנצער משפּחה, און איז גאָר געגאַנגען דאַוונען אין דעם שאַרפסטן און חסידישסטן שטיבל פון די גערער חסידים אין לאָדזש, נעמלעך אין שטיבל אויף דער קרוט־קער גאַס.

דאָס אַזוי גערופענע „קרוטקער שטיבל" האָט געהאַט אַ שם איבער פּוילן. פאַר דער מלחמה האָט מען דאָרט מיטן שרעקלעכסטן גרימצאָרן גערודפט בחורים וואָס האָבן אַרויסגעוויזן די מינדסטע נטיה צו היינט־וועלטיקייט. כמעט ביז צום שוועל פון דער מלחמה האָט מען פון דאָרט אַרויסגעוואָרפן יידן וואָס האָבן געטראָגן אַ שטייף קעלנערל. די צייטן האָבן זיך געביטן אָבער אין קרוטקער שטיבל האָט מען נישט געוואָלט דערפון וויסן, און געהאַלטן מיט דער גרעסטער עקשנות די אַלטע וועלט ביי דער פאָלע און זי נישט געלאָזט נאָכגעבן אויף אַ האָר. אין קרוטקער שטיבל האָט מען מקפּיד געווען אויפן אַלטן נוסח פון יידישקייט כמעט מער ווי אין גער גופא. גראָד אָט אַ דאָס שטיבל האָט זיך שלום ביאַלער אויסגעקליבן צום דאַוונען. צוזאַמענפּאָרן די ווינערישע גבירותשאַפט

מיט דער חסידות פון קרוטקער שטיבל — דאָס האָט נאָר געקאָנט טאָן אַ וואַרשעווער און אַ ביאַלער.

די מלחמה האָט אויסגעבראָכן. דער דאַך איבער דער משפחה ווינער האָט פּלוצעם געטאָן אַ פאַל איין. די ווינערס האָבן מיט אַמאָל אַראָפּ־געלאָזט די פליגלען און געבליבן שטיין ווי אין אויסגעטועני קאַ־פּאָטעס. שלום ביאַלער האָט ביי זיך נישט געפּועלט אַראָפּצולאָזן די פעדערן. אמת, ער האָט אויפגעהערט זיך צו יחסנען ווי אַן איידעם פון **ר' משה אהרן ווינער — דערפאַר האָט ער אַרויסגענומען די אַנדערע טויז־**טרומף וואָס ער האָט געהאַט ליגן אין דער קעשענע, נעמלעך, דעם אַלטן גבירישן וואַרשעווער יחוס פון די ביאַלערס, אַ יחוס וואָס קאָן באַשטיין אַלע מלחמות און דערשיטערונגען און בלייבן קוראַנט ביי אַלע באַדינ־גונגען. פּאָרט איז וואַרשע נישט לאָדזש און פּאָרט זענען די ביאַלערס נישט די ווינערס וואָס גילטן נאָר ביי פולע קאַסעס און דרייען זיך אַוועק אויפן ווינט צוזאַמען מיטן רעדל. שלום ביאַלער האָט איצטער נאָך מער אַכט געלייגט דערויף, אַז דאָס שוואַרצע קאַפּאָטקעלע זאָל אויף אים ליגן ממזריש און די ווייכע שטיוועלעך זאָלן בליצן און בלאַנקען. די ווינערס האָבן שוין איצטער מיט אַלעמען גערעדט, און געשמייכלט ווען אַמאָליקע מקורבים האָבן אויף זיי געזאָגט גלייכווערטלעך. די ווינערס האָבן זיך געהאַלטן נידעריקער ווי זאַמד. שלום ביאַלער האָט ווייטער אָנגעהאַלטן די דיסטאַנץ. אַחוץ צו די גרויסע גבירים פון די אויפגעקומענע שמוגלערס — צו וועלכע ער האָט ליב־האַרציק געשמייכלט — האָט ער אין שייכות צו סתם אָרעמע יידן זיך געהאַלטן ווי אַמאָל בעת ער איז נאָך געשטאַנען אויפן העכסטן שטאַפּל פון לאָדזש.

אויך אין זיין שטוב האָט ער אין די שווערסטע מלחמה־יאָרן אָנ־געהאַלטן גבירישן נוסח. עס זענען געקומען די צייטן וואָס בעת ביי די גבירים אין באַלוט איז אַלצדינג גערונען איבערן מויל, האָט מען ביי די ווינערס און ביאַלערס נישט געגעסן צו דער זעט. דער דאָזיקער חורבן איז געלעגן די ווינערס אויף די פּנימער. ווער עס האָט נאָר געעפנט ביי זיי די טיר האָט געקאָנט זען דאָס חשכות. ביי שלום ביאַלערן איז אַלץ געלעגן באַהאַלטן אונטערן שטערצל, אַז קיין אויג זאָל עס נישט דערזען.

קאַפּיטל פֿופֿצן

אויפֿן שייד־וועג פֿון תּקופֿות. די ווינטן וואָס בלאָזן אויף הפקר. מאַך צו די פֿענצטער, יעסיקאַ מיין טאָכטער! אַלצדינג וואָס איז יידיש איז שטיל און אָרעמאַנסקע. גוייעס אין שלום ביאַלערס שטוב. יאָד־וויגע וויל ווערן אַ פּוילישע שוישפּילערין און סטאַשע פֿליט אַוועק אין די לענדער פֿון „טוריזנט און איין נאַכט״.

אין שלום ביאַלערס שטוב איז אַלצדינג געלעגן אויף דער גרענעץ צווישן דער אַלטער און נייער צייט. נישט געקוקט דערויף וואָס די נייע צייט האָט אָן רחמנות פֿאַרווישט דאָס געוועזענע און איבערגעביטן די יוצרות — פֿונדעסטוועגן האָט זיך שלום ביאַלער, ווי איך האָב אויבן דערציילט, מיט אַלע כּוחות באַמיט צו האַלטן אויף דער אייגענער מדרגה וואָס אַמאָל.

שלום ביאַלער האָט געהאַט זין און טעכטער. צווישן די זין און די טעכטער האָט זיך פֿאַנאַנדערגעשפּילט דער פֿולער ריס פֿון די תּקופֿות.

ווי אַלע חסידישע טאַטעס האָט זיך שלום ביאַלער ווייניק אינטע־רעסירט מיט דער דערציאונג פֿון זיינע טעכטער. זיי זענען געווען פֿאַר אים נייערט ווי די שאַך־פֿיגורן פֿון זיין שטאַנד. ווען עס קומען צו שידוכים — וועט ער מיט זיי אויסשפּילן די טייז־טרומף פֿון זיין יחוס. ער האָט געגלויבט, אַז היינט, אַפֿילו אין אַזעלכע אויפֿברויזנדיקע צייטן ווי די מלחמה־יאָרן, זענען טעכטער די אייגענע וואָס אַמאָל.

די טעכטער ביי די ביאַלערס זענען דערצויגן געוואָרן פֿון זיך

אַליין. פייגעלע, די מאַמע, ר׳ משה אהרן ווינערס טאָכטער, שלום ביאַ־לערס ווייב, האָט אויך געהאַט ווייניק איבער זיי צו זאָגן. דורך דער צייט וואָס זי, פייגעלע, איז געווען שלום ביאַלערס ווייב, האָט זי פאַ־מעלעכל אינגאַנצן אָנגעהויבן אַריינצוגראָטן אין אים ווי אַ ווייבערישע קאַפּיע פון די ביאַלערס. זי האָט כמעט פאַרלוירן דעם שטעל פון די לאָדזשער ווינערס און האָט באַקומען דעם דיבור און די תנועות פון אַן אַמאָליקער וואַרשעווער גבירטע. פון די ווינערס איז איר פאַרבליבן נישט מער ווי דער נידעריקער דיקלעכער גוף מיט די קורצע פיסעלעך, און דער האַרטער אַלטשטאָטישער לאָדזשער יידיש, אַ יידיש וואָס די ווי־נערס האָבן גערעדט באַגלייך מיט אַלע לאָדזשער יידן.

אין די מלחמה־יאָרן, בעת פּוילן האָט געהאַלטן ערב דער באַפריי־אונג, האָט די פּוילישע קולטור אויפגעבליט מיט אַ נייער און פרישער יוגנטלעכקייט. פּוילן האָט דעמאָלט בכלל אויסגעקוקט גלייך דער חורבן וואָלט זי צעאַקערט מיט אַן אַקער־אייזן. די שפּראָצונגען פון אַ נייער תקופה האָבן זיך פון אומעטום אַרויסגעריסן מיט וואַקסנדיקן אימפּעט. דער אימפּעט איז געווען אויף אַלע געביטן און ביי אַלע שיכטן פון די פעלקערשאַפטן אין פּוילן. ביי פּאָליאַקן, ביי יידן און ביי אוקראַינער. פּוילן האָט אויסגעקוקט צו שטיין פאַר אַ נייער צוקונפט — און אַלע אירע פעלקערשאַפטן האָבן זיך באַמיט זי צו בויען. שלום ביאַלערס טעכטער האָבן זיך אויך געוואָלט אַרויסרייסן פון דעם אַלטן אינערטישן קרייז פון חסידיש־גבירישע משפחות — אַ קרייז וואָס איז זינט דורות געשטאַנען ווי אַ צוים צו דער גרויסער פרייער וועלט. מען האָט געקאָנט בענקען צו דער פרייער שיינער וועלט, צו איר אַרויסקוקן דורך די פענצטער, — אָבער צונויפמישן זיך מיט איר? דאָס נישט.

די קאַטאַסטראָפע פון דער מלחמה און די ירידה פון דער משפחה ווינער האָט אַלע צוימען אַרונטערגעריסן. אַלע ווינטן האָבן אַריינגעבלאָזן אויף הפקר. די הענט פון דער טראַדיציע האָבן זיך מער נישט געקאָנט אַקעגנשטעלן. די קינדער האָבן געוואוסט, אַז פון די אַלטע פאַרמעגנס וועלן זיי זיך נישט קאָנען אויסבויען קיין צוקונפט ווי עס האָבן געטאָן זייערע עלטערן. אַלץ איז אַוועקגעפלויגן אויף די שטורעם־ווינטן פון דער

צייט. דער גורל האָט זיך אָוועקגעזעצט אויף די הענט פונם יינגן דור ווי אַ ווילדער אומבאַקאַנטער פויגל.

שוין פון רענעסאַנס אָן האָבן מיר דעם טיפּ פון דער בונטאַרישער יידישער טאָכטער. ביי שעקספּירן הייסט זי יעסיקאַ. די יידישע יעסיקאַ זעט אין יידן און אין איר פאָטער־הויז דאָס מיאוסטע און דאָס אומגליק פון איר לעבן. די יידישע יעסיקאַ גלויבט: דער רוישיקער און פאַרביקער מאַסקנבאַל פון די גויים, דאָס לעבן אין בלוט און אין גבורה, אין געיעג און אין דועלן, דער אויסגעצאַצקעטער גויישער ריטער, זיין שפּראַך און זיינע פּראַזן — זיי דריקן מיט זיך אויס דאָס שענסטע און ווערטפולסטע אינם לעבן פון מענטשן. דאָס הויז פון איר פאָטער איז טונקל און שטיל. די פענצטער אינדרויסן אַרויס ווערן פאַרהאַקט ווען עס צעהוליען זיך די גויים. קוק נישט אַרויס, יעסיקאַ, צו דעם בלוטיקן פּאַיאַצן־שפּיל אויף די ווענעציאַנער גאַסן, זאָגט שיילאָק צו יעסיקאַן. יעסיקאַס קאָפּ איז אָבער פול מיט דעם פאַרביקן רויש.

דעם פּראָטעסט פון איר רעוואָלוציאָנערער דיאַלעקטיק פאַרשטייט נישט די יידישע יעסיקאַ אויסצונוצן כדי צו פירן דעם גאַנג פון יידישן לעבן אויף מאָדערנע וועגן. איר פּראָטעסט באַשטייט נייערט אין דע־זערטירן און אַנטלויפן צו יענעם צד. די יעסיקאַס באַלאַנגען נישט צו די בויערינס פון דער געשיכטע. זיי זענען די ראָמאַנטישע נאָכמאַכערינס. די שטערן וואָס לייכטן־אויף כדי זיך צו פאַרלעשן. די טראַגישע טרוי־ מערינס פון אונטערגאַנג.

אין פוילן וואו דאָס יידישע לעבן האָט געהאַט אַזוי פיל אינערלעכע קולטור און דערביי אַן אויסערלעכע אָפּגעשלאָסנקייט — זענען אין די קריזיס־טעג אויך געקומען די יעסיקאַס. די שטורעם־ווינטן האָבן אויפ־ געריסן די פאַרהאַקטע פענצטער צום אינדרויסן. די פרעמדע ראָמאַנטישע יידישע טעכטער האָבן זיך פאַרבויגן פאַר די ריטערס.

שלום ביאַלערס צוויי טעכטער האָבן באַלאַנגט צו די יעסיקאַס וואָס האָבן געוואָלט אַנטלויפן. אַלצדינג אינדערהיים איז זיי געוועזן דערווידער. דער גביריש־חסידישער טאַטע, די מאַמע, די יידן אין די לאַנגע קאַפּאָטעס וואָס האָבן פול געמאַכט זייער יוגנט און די גאַסן פון לאָדזש. זיי איז דערווידער געווען דאָס שאָקלען זיך פון יידן ביים דאַווענען, די בערד און

די פּיאות און דאָס יידישע לשון וואָס קוקט אויס אָרעם לגבי דעם שיי־נעם קלינגעדיקן פּויליש. אַלצדינג וואָס איז יידיש איז שטיל און אָרע־מאָנסקע. אַלצדינג וואָס איז פּויליש איז רייך און וואוילקלינגעדיק.

שלום ביאַלערס טעכטער האָבן זיך גאָר געהאַלטן פאַר פּוילישע פּרויען. אינדערהיים האָבן זיי זיך געפילט ווי פרעמדע.

אַזוי ווי זיי זענען געווען עלעגאַנטע און שיינע מיידלעך איז דאָס אַריינקומען אין דער פּוילישער און אַסימילירט־יידישער געזעלשאַפט אין לאָדזש זיי נישט אָנגעקומען שווער. פּאַרט משה אהרן ווינערס אייניק־לעך און פון דער פאַר־מלחמהדיקער בורזשואַזיע. עס האָט זיי וואָס ווייניקער אָנגעהויבן צו אינטערעסירן וואָס עס טוט זיך אין שטוב. איינע האָט געהייסן יאַדוויגע און די אַנדערע סטאַשע. שלום ביאַלער, הגם ער האָט זיך געהאַלטן פון די וואַרשעווער חשובים, — האָט זיך אָנגעהויבן שרעקן פאַר די אייגענע טעכטער. די פרעמדע נייע וועלט פון דער מלחמה־צייט האָט זיך אַריינגעריסן אין זיין אייגענער שטוב, און ער האָט זיך אין אָנגעזיכט פון זיין אייגן בלוט און פלייש געפילט ווי אַ ייד צווישן גויים. זענען דאָס זיינע טעכטער? זיי האָבן צו אים, צו שלומען, זעלטן גערעדט אַ וואָרט, און דאָס נאָר פון אויבנאַראָפּ און אויף אַ סטיליזירטן פּויליש אָן אַ ברעקל יידישן אַקצענט. אויב עמעצער האָט צו זיי גערעדט יידיש האָבן זיי אים אָנגעקוקט ווי שיקסעס וואָס פאַרשטייען נישט וואָס מען רעדט צו זיי. יידן אין לאַנגע קאַפּאָטעס וואָס פלעגן אַרויפקומען צו שלום ביאַלערן און האָבן די דאָזיקע טעכטער געקאָנט נאָך פון קינד־ווייז — האָבן אויך אויף זיי אָנגעהויבן צו קוקן ווי אויף גויעס וואָס קוקן מיט פאַראַכטונג אויף אַ פרומען ייד.

יאַדוויגע איז אַריינגעקומען אין אַ קרייז פון לאָדזשער פּוילישע זשורנאַליסטן, שריפטשטעלער און שוישפּילער. אויך דאָרט זענען געווען אַ סך יידן, און גראָד זענען עס געווען די יידן וואָס האָבן אָנגעהויבן אַריינצוברענגען נייע געוואָגטע פאָרמען אין דער פּוילישער דיכטונג. אָבער אויך יענע יידן, פּונקט ווי יאַדוויגע ביאַלער, האָבן געמאַכט אַ קולט פון זייער פאַראַכטונגס־געפיל צו דער גרויסער יידישער מאַסע אויף דער פּוילישער ערד. די דאָזיקע מאַסע — איידער זי איז מיט דרייסיק יאָר שפּעטער פאַרשוואונדן אין די דייטשע קאַלעך־אויוונס — האָט זיך איצט

געגומען מיט אַ גוואַלטיקן טעמפּעראַמענט אויסצובויען איר מאָדערנעם יידישן רענעסאַנס, אַ רענעסאַנס אויף אַלע געביטן פון איר לעבן. די יידן־פּאָליאַקן האָבן עס נישט געזען און נישט געוואָלט זען. דער שיקזאַל וואָס האָט שוין געשפּונען דעם לעצטן פאָדעם פאַר די יידן אין פוילן — ער האָט אויך דעם דאָזיקן פאָדעם אָנגעגרייט פאַר די יעסיקאַס און פאַר די אַנטלויפער. זיי זענען אומגעקומען צוזאַמען מיט אַלע פוילישע יידן. דערווייל אָבער — פאַרן תהום וועלכן קיינער האָט נישט געזען — האָט מען געגלויבט זיך צו באַפרייען פון יידן מיט דעם וואָס מען האָט זיי אַרויסגעוויזן פּרעמדקייט. דער באַגאַבטסטער דיכטער פון די דאָזיקע יידישע אַנטלויפער, יוליאַן טובים, האָט אין יענער צייט אָנגעשריבן אַ ליד „זשידזשי", וואָס האָט אויסגעדריקט צו דער יידישער מאַסע אויף די לאָדזשער גאַסן די פאַראַכטנדיקע פרעמדקייט פון אַ יעסיקאַ. אויף די גאַסן פון פויזן האָט מען יידן געשלאָגן מיט שטעקנס ווי מען שלאָגט הינט. אין פוילן האָט מען יידן געוואָרפן פון די באַנען און זיי געוואָלט דערנידעריקן און מבזה זיין. די יידן־דיכטער אין דער פוילישער ליטעראַטור האָבן געשוויגן ווי מען מיינט נישט זיי. אפשר ווייל דער שיקזאַל איז געווען אַזוי נאָענט — סך־הכל מיט עטלעכע צענדליק יאָר — האָבן זיי זיך בגוואַלד פאַרשטאָפּט די אויערן. אויך יאַדוויגע ביאַלער האָט געשוויגן ווי מען מיינט נישט זי. זי האָט זיך געגרייט צו ווערן אַ פוילישע שוישפּילערין, די חסידישע טאָכטער. די פוילישע בינע איז דאָס אָרט וואו זי וועט דערגרייכן איר צוקונפט. זי וועט זיך דאָרט פאַרוויגן אין די קלאַנגען פון דער פוילישער שפּראַך און פוילישן לעבן. אויף די ברעטער פון שוישפּיל זעט מען נישט די יידן פון פוילן. אויב מען זעט זיי — קומען זיי אַרויס ווי די לעכערלעכסטע פּאַיאַצן און ווי די וואָס קריגן די פּעטש. מען קען זיי פיינט האָבן.

די שוועסטער אירע, סטאַשע, איז געווען ראָמאַנטישער און סענטימענטאַלער. זי האָט געוואַרט אויף אַ פּרינץ וואָס זאָל קומען צו רייטן אויף אַ ווייס פערד און זי אַרויסגנבענען פון איר פאָטער־הויז. סטאַשע האָט זיך דערוואַרט. קיין פוילן איז געקומען אויף אַ באַזוך גאָר אַן עקזאָטישע פּערזענלעכקייט. דער לייב־דאָקטאָר פונם קאַליף אין באַגדאַד. עס האָט בפירוש געשמעקט מיט טויזנט און איין נאַכט. איך ווייס נישט

ווי אַזוי סטאַשע האָט זיך באַקאַנט מיט דעם ריטער פון אירע חלומות. נאָר דער לייב־דאָקטער פון קאַליף האָט זיך אין סטאַשען פאַרליבט, און איר האַרץ האָט אים אויך אַקעגנגעטראָגן אַלע געפילן פון אַ ראָמאַנ־טישער חסידישער טאָכטער וואָס וויל רעוואָלטירן. שלום ביאַלער און אַלע ווינערס זענען גאָר צעחושט געוואָרן פון דעם דאָזיקן שידוך. סטאַשע איז מיט איר קיניגלעכן לייב־דאָקטאָר אַוועק אַהין וואו עס וואַקסן די פאַלמע־ביימער.

קאַפּיטל זעכצן

דיאַלעקטיש ווידער־שפּיל. אין דער „אגודה"
לאָזט מען טאַקע אָפּ די לייצעס אָבער אין קרוטקער
שטיבל דרילט מען חסידישע מיליטאַנטן. וועלוול
קרוטקער. שלום ביאַלערס בחורים.

מעגלעך, דערפאַר וואָס די טעכטער האָבן צו שלום ביאַלערן אין שטוב אַריינגעבראַכט אַזאַ קאַלטע און אָפּשרעקנדיקע פרעמדקייט, האָבן זיך די זין — דיאַלעקטיש ווידערשפּיל! — פאַרקירעוועט אויף צוריק און גאָר געוואָרן שאַרפע חסידישע בחורים. דער בויעריש־רעוואָלוציאָנערער אימפּעט האָט באַהערשט נישט בלויז דאָס יינגע יידישע דור וואָס איז געגאַנגען אויף די וועגן פון אַ גרויסן וועלט־רענעסאַנס פון דער יידישער געשיכטע. אויך די חסידישע יוגנט איז אין איר קאָנסערוואַטיזם געווען רעוואָלוציאָנער. דער רוב פון דער יידישער געזעלשאַפט האָט מיטן גרעסטן טעמפּעראַמענט געוואָלט דרייען דאָס ראָד פון דער יידישער געשיכטע אויף פאָראויס. מיטן זעלביקן טעמפּעראַמענט האָבן עס טיילן פון דער חסידישער יוגנט געוואָלט דרייען אויף צוריק — אָבער זיי האָבן עס שוין געטאָן אויף אַ פיל מאָדערנערן אופן. אומעטום האָט האַסטיק געשפּראָצט די באַנייאונג. די חסידישע אָרטאָדאָקסיע אין פּוילן האָט מיט אַמאָל פאַרלאָזן דעם אַלטן בטלנישן שטייגער פון צומאַכן די אויגן אויף אַלע שינויים פון דער צייט און האַרטנעקיקן גלויבן, אַז דאָס יידישע לעבן איז אַ פרום און שטייענדיק וואַסער. די מלחמה האָט אַלעמען ברוטאַל געעפנט די אויגן און געוויזן די שטורעם־ווינטן וואָס קומען און רייסן אַלצדינג אויס מיטן שורש. די „אגודה" און די פּאָליטיק פון גערער הויף האָבן

זיך באַמיט גראַד אויף דעם נייעם באָדן צוריק איינצופלאַנצן די אַלטע פלאַנצן. דאָס האָט געהאַט אַן אומגעוויינטלעכן דערפאָלג ביי אַ טייל פון דער חסידישער יוגנט. ווען אומעטום אין יידישן לעבן האָבן גע־פלאַטערט די טעמפּעראַמענטפולסטע אידעאַלן, איז די חסידישע פרומקייט אויך געוואָרן אַ טעמפּעראַמענטפולער אידעאַל.

דאָס יידישע לעבן אין פוילן איז געוואָרן אַ פעלד פון אויפברויזנ־דיקע אידעאישע קאַמפן. אויך דער חסידיש־אידעאַליסטישער טייל פון דער יוגנט האָט פאַרוואַנדלט איר פרומקייט אין אַן אידעאישן קאַמף. עס זענען מער נישט געווען די אַמאַליקע בחורים וואָס לייענען אַ בלאַט־צייטונג האָט געהייסן ביי זיי אַפּיקורסות. פאַרקערט: די פרומע יוגנט האָט כמעט אַלצדינג געלייענט און איז באַהאַוונט געווען אין די אידעאי־שע פּראָגראַמען פון די יידישע פּאַרטייען אין נייעם פוילן — זי האָט גע־קאָנט לייענען פויליש און אַפילו לעגאַליזירט דאָס לייענען יידישע ליטעראַטור און אַנדערע אַמאַליקע טריף־פּסולן. די חסידישע בחורים האָבן גאָר געמאַכט דעם זשעסט, אַז זיי האָבן נישט קיין מורא פאַר דער פרייהייטלעכער יידישער ליטעראַטור. אויך זיי, די פרומע, ווייסן ווי זיך צוצופּאַסן און פאַנאַטיש צו קעמפן פאַר דער אַלטער יידישקייט אין די נייע צייטן.

בכלל האָט מען נאָכגעלאָזט די לייצעס וואָס שייך הלבשה און אַנ־דערע וועלטלעכע מנהגים. אין דער „אגודה" און ביי דער אָנפירנדיקער הערארכיע פון דער אָרטאָדאָקסיע אין פוילן האָט מען אויפגעהערט צו קוקן אויף קורצע מלבושים און געשוירענע בערדלעך ווי אויף אַפּיקורסות און חוקת־הגוי. אין דעם דאָזיקן פּרט האָט מען אָנגעהויבן אַרויסצואווייזן ליבעראַליזם. אין גער גופא האָט מען געקוקט דורך די פינגער אויף יידן וואָס טראָגן „דייטש", און אַפילו אויף יידן וואָס זענען נישט מקפיד אויף קליינע עבירהלעך. אַבי נאָר מען האָט אָרגאַניזאַציאָנעל באַלאַנגט צו דער אָרטאָדאָקסיע, איז שוין גוט און וואויל. ווער שמועסט אויב מען האָט די אָרטאָדאָקסיע געשטיצט פינאַנציעל און פּאָליטיש, — דאַן האָט מען אַלצדינג מוחל געווען און אָנגענומען מיטביידע הענט. די אָרטאָ־דאָקסיע אין פוילן — נישט בלויז זי האָט נישט געוואָלט אויפגעבן איר פּאָזיציע אין דער נייער יידישער תקופה. זי איז גאָר געוואָרן אַגרעסיוו

אויף אַלע געביטן. זי האָט זיך גוט אויסגעלערנט דעם אַלטן יעזואיטישן מעטאָד און זיך מיט אים באַנוצט מיטן גרעסטן דערפאָלג. אמת, די אָרטאָדאָקסיע האָט פאַרלוירן איר מאַסן־כוח — די יידישע מאַסן אין פוילן זענען אַריבערגעגאַנגען צו די ציוניסטישע פּאַרטייען און צום „בונד". אָבער די אָרטאָדאָקסיע איז געוואָרן אַן אָרגאַניזירטער פּאָליטישער כוח מיט וועלכן אַלע וועלטלעכע יידישע פּאַרטייען האָבן זיך געמוזט שטאַרק רעכענען און כסדר מיט איר קעמפן. די פּוילישע חסידים וואָס האָבן קיינמאָל נישט געוואוסט פון אַ מאָדערנעם פּאָליטישן קאַמף האָבן זיך מיט אַמאָל אים אויסגעלערנט צו פירן מיט אַלע פּיטשעווקעס, זיי האָבן אויך דאָ אַרויסגעוויזן חריפישע און גוטע קעפּעלעך. די אָרטאָדאָקסיע האָט זיך מאָדערניזירט אויך אויפן געביט פון דערציאונג. דאָס אַלטע חדר וועלכן מען האָט אַמאָל פאַרטיידיקט מיט דער גרעסטער פאַרביסנקייט און עס „אָפּגעשריגן" מיט אַלע גוטע און בייזע מיטלען, אַט־אָ־דאָס „אויג אין קאָפּ" האָט מען גאָר אַליין בידים רעפאָרמירט און עס געמאַכט כמעט פאַר אַ „שקאָלע". די אַלטע מלמדים זענען פאַרשוואונדן צוזאַמען מיט זייערע קאַנטשיקעס און טייט־העלצלעך. אין דעם געביט פון חינוך־הבנות — די אָרטאָדאָקסיע האָט עס שטענדיק פאַרוואָרלאָזט, וואָס זענען סך־הכל מ'שטיינס געזאָגט נקבות? מען דאַרף זיי חתונה־מאַכן און אָנטאָן דעם כאָמעט פון שווערן לעבן — איז אויך געמאַכט געוואָרן ראַדיקאַלע שינויים. אין דער נייער תקופה ווען די יידישע פרויען זענען אַריינגעריסן געוואָרן אין דעם קאַמף פאַר באַנייאונג, האָט די אָרטאָדאָקסיע זיך געוואוסט צוצופּאַסן. מען האָט אָרגאַניזירט אָרטאָדאָקסישע אָפּטיילונגען פון פרויען, פּאָליטיש־געשולטע. מען האָט געגרינדעט „בית־יעקב"־שולן פאַר מיידלעך, און מען האָט זיי דאָרט דערצויגן אָפן און האַפערדיק צו פירן אַ מאָדערנעם קאַמף פאַר פרומקייט, פּונקט ווי זייערע באָבעס האָבן עס אויף אַ פּאַרצייטישן אופן געפירט אין אַמאָליקן פוילן.

די אָרטאָדאָקסיע האָט זיך טאָקע באַמיט צו זיין ליבעראַל וואָס שייך דער פרומקייט פון אירע מיטגלידער, אַבי נאָר דאָס פּאָליטישע אָנזען פון דער „אגודה" זאָל וואַקסן, אָבער מיט דער גרעסטער זאָרגפעלטיקייט — און דאָס לויט די דירעקטיוון פון קלוגן און רירעוודיקן גער — האָט מען

אויסגעהאָדעוועט אָן עליטע, אַ גוואַרדיע פון יינגע פייערדיקע בחורים. זיי האָבן זיך געלערנט פּויליש און אַריינגעקוקט — לעגאַל — אין אַ יידיש ביכל אָבער דאָס האָט זיי נישט געשטערט, אַז זיי זאָלן מיט דער היציקסטער עקשנות דעמאָנסטרירן דעם אַלטן יידישן שטייגער, טראָגן לאַנגע פּיאות און סאַמעטענע היטלעך, פּראַווען פּאַרצייטישע חסידות און אַוועקלויפן אויף גאַנצע וואָכן צום רבין קיין גער. דאָרט זענען זיי געלעגן אונטער די טישן פון רבישן בית־המדרש כדי צו הערן דעם רבינס תורה. זיי האָבן זיך געוואַלגערט אין גער און דאָרט פאַרשוואַרצט געוואָרן ווי אַמאָל די שאַרפע חסידים אין קאָצק. ביי אַ טייל פון דער נייער חסידישער יוגנט אין פּוילן איז עס געוואָרן אַ מאָדע־זאַך צו באַלאַנגען צו דער דאָזיקער מיליטאַנטישער יוגנט און צו פּראַווען מיטן קנאַק דווקא אין די נייע מאָדערנע צייטן דאָס אַלטע פּוילישע חסידות.

אין לאָדזש האָבן זיך אָט־אָ־די יינגע חסידישע מיליטאַנטן געזאַמלט אין שאַרפסטן גערער שטיבל אויף קרוטקאַ גאַס, דאָס אַ. ג. קרוטקער־שטיבל. אַלע אַנדערע גערער שטיבלעך אין לאָדזש זענען מיט אַמאָל געוואָרן ליבעראַל לויט דעם גייסט פון דער צייט. דאָס קרוטקער שטיבל איז פאַרבליבן ווי די איינציקע קאַזאַרמע פון שטרענגסטער חסידישער דיסציפּלין. די „שטאַרקע האַנט" אין קרוטקער שטיבל איז געווען וועלוול קרוטקער, אַן עלטערער ייד וואָס ער גופא האָט שוין געהאַט חתונה געמאַכט זיינע קינדער און געווען אַ זיידע. אָבער ער האָט זיך געהאַלטן פאַר אַ ייגנטלעכן און איז געווען דער פירער און דער מדריך פון דער ייגנט אין קרוטקער שטיבל. ווי אין די אַמאָליקע פאַר־מלחמה צייטן האָט ער אויך איצט אַרויסגעוואָרפן בחורים וואָס זענען זיך אונטערגעשטאַנען צו טראָגן לאַנגע הויזן און שטייפע קעלנערלעך. דער דאָזיקער „חוקת הדייטש" איז אָבער געווען אַ פאַרבאָט וואָס איז חל געווען נייערט אויפן קרוטקער שטיבל. דאָרט האָט מען גערדילט די עליטע.

וועלוול קרוטקער האָט זיך געהאַלטן באַגלייך מיט די בחורים. ער האָט געטאָן מיט זיי צוזאַמען אַלע יוגנטלעך־שקאַצישע שטיק, געמאַכט מישקאַנטעס אויף קאַטאָוועס, געפּראַוועט סעודהלעך, געשמועסט צוזאַמען חסידות. ער איז „אַנטלאָפן" מיט זיי קיין גער, און געוואַלגערט זיך דאָרט

מיט די שאַרפֿע באַפּיאותטע בחורים אונטער די רבישע טישן. דאָס וואונדער איז נאָך גרעסער געווען: מחוץ דעם קרוטקער שטיבל און מחוץ דער געדריליטער גוואַרדיע איז וועלוול קרוטקער גאָר געווען אַ באַשיידענער שטילער מענטש, אַ גוט־דערצויגענער און צו קיינעם נישט גערעדט קיין הויך וואָרט. ערשט אין קרוטקער שטיבל האָט ער זיך אָנגעצונדן ווי אַ פֿייער און גערעדט שאַרפֿע שפּיציקע רייד. אַפֿילו גע־טיילט פּעטש אויב מען האָט באַדאַרפֿט. די גוואַרדיע האָט אים ליב געהאַט אהבת־נפֿש און געלאָזט זיך פֿון אים מדריך זיין מיט דער שטרענגסטער דיסציפּלין. עס האָט פֿאַר זיי געשמעקט מיט מוט און מיט קאַמף. די לופֿט אין פוילן איז דעמאָלט פֿול געווען מיט אָט־אָ־די עלעמענטן.

שלום ביאַלערס בחורים האָבן זיך אויך אַריינגעקריגן אין דער גוואַרדיע פֿון קרוטקער שטיבל. פֿון איין זייט זענען יאַדוויגע און סטאַשע געוואָרן מער און מער גויישער און פּוילישער און פֿול געמאַכט שלום ביאַלערס שטוב מיט אַ קאַלטער און פֿיינטלעכער פֿרעמדקייט. די זין האָבן זיך געלאָזט וואַקסן לאַנגע פּיאות, געטראָגן אינדערוואַכן סאַמעטענע היטלען און געפּראַוועט שאַרפֿע חסידות. שלום ביאַלערס באַלעבאַטישע שטוב האָט זיך פֿאַרוואַנדלט אין אַ תהום צווישן צוויי וועלטן. די ברידער האָבן מורא געהאַט צו קוקן אויף די שוועסטער. זיי האָבן צו זיי קיין מאָל נישט אויסגערעדט קיין וואָרט ווי עס וואָלטן נישט געווען קיין שוועסטער נייערט פֿרעמדע גוייעס. סטאַשע און יאַדוויגע האָבן מיט גיפֿטיקן ביטול געקוקט אויף דער באַפּיאותטער „פֿינצטערקייט", אויף די ווילדע פֿאַנאַטישע יידישע „חיות" וואָס זאָלן מכלומרשט זיין זייערע ברידער. מען האָט זיך ביטער פֿיינט געהאַט איינער דעם אַנדערן און געוואָרן אָפּגעפֿרעמדטער און אָפּגעפֿרעמדטער. אויף דער גאַס האָט מען אָוועקגעדרייט דאָס פּנים און זיך געמאַכט נישט דערקענען. מען האָט זיך געשעמט איינער מיטן אַנדערן.

שלום ביאַלער איז געווען פֿון די אַלטע וואַרשעווער גבירים און ליב געהאַט מעסיקייט. אַפֿילו אין חסידות איז ער געגאַנגען אין גאָלדענעם מיטן און געמיטן דעם צו האַסטיקן זשעסט. ביינאַכט האָט ער געזיפֿצט אין די קישנס. ער האָט געוואוסט: די ווינערישע גבירותשאַפֿט איז אויס־גערונען. מען וועט שוין נישט קריגן קיין גרויסע שידוכים כדי צו

קלינגען איבער פוילן און צו פאַרדעקן דערמיט אַלע וואונדן אין דער משפחה. די גאָלדענע ברונעמער פונם שיינעם אַמאָל זענען אויסגעטריקנט. פון די גרויסע גבירים פון אַמאָל איז געוואָרן אַ תל. די וועלט האָט זיך געשטעלט אויפן קאָפּ און שפּילט אַ פינצטער שפּיל. שלום ביאַלער גופא איז אויך עפּעס געוואָרן ווי אַ טויז־טרומף וואָס איז אַרויסגעפאַלן פון קורס.

קאַפּיטל זיבעצן

דאָס מזל האָט פּאַרט נישט פאַרגעסן אַן אַלטן וואַרשעווער גביר. ר׳ שיע איז אָנגעשטאָפּט מיט אַמע־ריקאַנער דאָלאַרן. די ווינערס גייען קיין באַלוט צו „באַשויען״ די כלה. ווי אַזוי מען נעמט אויף די אויסגעשפּילטע גבירים ביי די באַלוטער מחותנים. פּראַלעטאַרישע הענט נעמען כיבוד פון אַלטן גבירישן קרישטאָל.

דער באַלוטער גבאי ר׳ יאַנטשע האָט געוואָרפן אַן אייגל אויף שלום ביאַלערן. שיע שפּערלינסקין האָט ער געוואָלט מאַכן פאַר אַ מחותן פון דעם דאָזיקן אַלטן גבירישן הויז. ר׳ יאַנטשע איז געווען אַ געלאַסענער און פּיפּיקער ייד. מיט איין קוק האָט ער אַדורכגענומען אַלע סיטואַציעס. שלום ביאַלער איז דאָס פּימסנהאָלץ וואָס ער זוכט פאַר שיע שפּערלינסקין. ר׳ יאַנטשע האָט געוואוסט אַז שיע וואַקסט. עס איז נישט קיין קלייניקייט צו האָבן די אייביקע דאַנקבאַרקייט פון אַזאַ פּלוצימדיקן אַדיר ווען אַלע הצלחות שפּילן ממש אַריין אין די הענט. מען קאָן רואיק שלאָפן ווען מען האָט ליגן אין דער קעשענע אַזאַ ידיד ווי שיע שפּערלינסקי. — האָט ר׳ יאַנטשע ביי זיך געטראַכט און געטאָן דעם אמתן שמעק־טאַבאַק.

ר׳ יאַנטשע האָט קאָמבינירט: שלום ביאַלער איז פאַר דער מלחמה געווען דער אתרוג פון די ווינערס. ווינער אַליין איז אויך נישקשה געגנוג יחוס. שמעלצט מען עס אָבער צו מיט זיסקינד ביאַלער און מיט וואַרשע — איז עס ממש דאָס אמתע געקעכץ. שיע שפּערלינסקי דאַרף זיך דער־פון צו באַלעקן. צווייטנס: האָט ער שיע שפּערלינסקין דווקא געוואָלט

געבן אַן איידעם מיט פּיאות. זאָל עס אים, דעם אַמאָליקן אָרעמען באַלוטער וועבער, באַקומען מיטן פולן שעפל.

ר׳ יאַנטשע האָט נישט לאַנג געבריייעט און אַרויפגעגאַנגען אויף דער פּיעטרקאָווער גאַס צו שלום ביאַלערן. אַמאָל איז פאַר אַ פרעמדן ייד היפּש שווערלעך געווען אַריינצוקומען צו די ווינערס. מען האָט לאַנג געמוזט קלאַפּן ביי די גרויסע פאַרהאַקטע טירן און זיך מעלדן ביי די דינסטן וואָס מען וויל. היינט פרעגט מען קיינעם נישט. מען איז דאָרט גאָר צופרידן ווען אימיצער קלאַפּט אָן. בעלנים אַרויפצוקומען צו די ווינערס מינערן זיך פון טאָג צו טאָג. יעדער פרעמדער ייד וואָס דערמאָנט זיך אין די ווינערס און קומט פלוצעם אַריין צו זיי איז דווקא אַן אָנגע־לייגטער גאַסט.

ר׳ יאַנטשע האָט געגעבן אַ שאַרפן קוש דער גרויסער זילבערנער גבירישער מזוזה וואָס האָט נאָך געהאָנגען אויף די ביישטידלען פון שלום ביאַלערס פראָנט־טיר. די מזוזה איז געהאָנגען מיט אַ האַפערדיקייט ווי זי וואָלט גאָרנישט געוואוסט אַז ס׳איז היינט מלחמה און די ווינערס זענען שוין מער נישט די אַמאָליקע ווינערס.

ר׳ יאַנטשע האָט ברייטלעך אַ זאָג געטאָן צו די מענטשן אין שטוב:

— איך האָב געוואָלט רעדן אַ וואָרט מיט ר׳ שלומען.

שלום ביאַלער איז באַלד אַריינגעקומען און אַריינגעבעטן ר׳ יאַנטשען צו זיך אין קאַבינעט. ר׳ יאַנטשע האָט געטאָן אַ הוסטל און זיך אַוועקגע־זעצט אויף אַ ווייכע לעדערנע שטול ביי שלום ביאַלערס שרייב־טיש. ער האָט אַרויסגענומען דאָס קאָרענע שקעטעלע, געטאָן אַ שמעק־טאַבאַק, און אַן גרויסע הקדמות דערציילט שלום ביאַלערן וועגן וואָס ער איז געקומען.

שלום ביאַלער האָט זיך געגעבן געהאַט אָנגעהערט פון שיע שפּערלינ־סקין. לאָדזש האָט מיט אים געקלונגען. די אַלטע גבירים האָבן נישט איין מאָל אָפּגעזיפּצט ווען זיי האָבן געהערט ווי דאָס מזל האָט אָנגעהויבן אויפצושפּילן ביי באַלוטער אָרעמעלייט. שלום ביאַלער האָט געהאַט גרויס דרך־ארץ פאַר געלט, און געוואוסט, אַז וואָס עס איז געווען איז פאַרביי. ביי ווען עס גייט דאָס רעדל, פאַר דעם מוז מען בייגן דעם קאָפּ. ער איז געווען רירעוודיקער און פיפיקער ווי די ווינערס און געקאָנט באַרע־

כּענען יעדע סיטואַציע. דער שידוך מיט שיע שפּערלינסקין האָט פּאַר אים מיטאַמאָל געעפנט נייע פּערספּעקטיוון. עס האָט זיך גאָר אויסגע־דוכט: דאָס מזל האָט פּאָרט נישט פאַרגעסן שלום ביאַלערן און וועט אפשר אַ קער געבן דעם דישל אויף צוריק.

שלום ביאַלער האָט שטיל געשמייכלט:

— וויפיל טראַכט דער הער שפּערלינסקי צו געבן נדן?

— ר׳ שיע איז אָנגעשטאָפּט מיט אַמעריקאַנער דאָלאַרן קיין עין־הרע. ר׳ שיע טראַכט אויפצושיטן מיט דאָלאַרן און טאַקע כּאופן הגבירים, האָט ר׳ יאַנטשע געזאָגט און פונאויפסניי גענומען אַ שמעק־טאַבאַק.

שלום ביאַלער האָט דעם באַלוטער ייד נישט געוואָלט אַרויסווייזן זיין גליקלעכע איבעררראַשונג און דעם וואַרעמען טיאָכקע אין האַרצן בעת ער האָט געהערט פון דאָלאַרן. פונדעסטוועגן האָט ער מורא געהאַט אָפּצולאָזן דעם פאָדים. מיט איין שלעכטן גאַנג קאָן מען פאַרלירן דאָס פּלוצעמע גרויסע געווינס. ער האָט געוואוסט בעסער פון ר׳ יאַנטשען וויפיל אַמאָליקע שיינע קאַרפּן־קעפּ זענען גרייט אויפצוהויבן די פּאַטשיי־לע פון די נייע גבירים. ער האָט געוואוסט: מיט דער צייט וועלן אַפילו די וואַרשעווער פּריוועסעס אַראָפּלאָזן די פּעדערן און זוכן די נייע גליקן.

ר׳ יאַנטשע האָט גוט געזען, אַז ער האָט דעם גרויסן לאָדזשער יחוס ביי זיך אין בוזעם־קעשענע און ער קאָן צוריקגיין קיין באַלוט צו שיע שפּערלינסקין און הייסן זיך גרייטן צו ברעכן טעלער — און נעמען דאָס גרויסע שדכנות־געלט.

ר׳ יאַנטשע איז צוריקגעגאַנגען צו שיע שפּערלינסקין, ברייטלעך באַפוילן אַז גיטעלע זאָל אים דערלאַנגען אַ גוטע און הייסע גלעזלעכע טיי און טאַקע מיט אַ טיף טעלערל פול מיט איינגעמאַכטס. ער האָט געטאָן אַ שמעק־טאַבאַק און מיט איבערלעגענער גבאישער היימישקייט דערציילט שיען ווי וויט ער האָט שוין איינגעפּעדימט מיט די ווינערס, און ווער עס איז שלום ביאַלער סיי פון לאָדזש און סיי פון וואַרשע.

שיע שפּערלינסקי האָט זיך שווער געקאָנט באַפרייען פון דעם טיפן מינדערווערטיקייטס־געפיל פון אַ באַלוטער אָרעמאַן לגבי דעם נאָמען פון די ווינערס. עס האָט זיך אַלץ כּסדר אים נישט צוגעגלויבט, אַז היינט איז זיין צייט און ער איז איצט דער גרויסער גביר אין פוילן. ער איז

רויט געוואָרן ווען ר׳ יאַנטשע האָט אים דערציילט פון שלום ביאַלערן און אַז גיטעלע באַקומט פאַר אַ חתן נישט בלויז ר׳ משה אהרן ווינערס אַן איי־ניקל, נייערט אַ חסידישן בחור, אַ למדן און מיט פיאות. ער האָט זיך אַרומגעקוקט אויף זיין באַלוטער שטוב און אויף זיינע אויסגעאַרבעטע הענט וואָס זענען נאָך פול מיט מאָזאָליעס — און ער האָט אַריינגעשריגן צו יענטלען אין קיך אַריינצוברענגען פאַר ר׳ יאַנטשען דעם אמתן כיבוד.

מען האָט באַשטימט אַ טאָג ווען פייגעלע ביאַלער, ר׳ משה אהרן ווינערס טאָכטער און שלום ביאַלערס ווייב, זאָל אַראָפּקומען קיין באַלוט צו שיע שפּערלינסקין כדי צו „באַשויען״ די כלה. יענטל האָט זיך אַליין, ווי אויך די טאָכטער געוואָלט אויספּוצן אין עסיק און אין האָניק. מען האָט זיך געוואָלט ווייזן פאַר ר׳ משה אהרן ווינערס טאָכטער, דער צוקונפטיקער מחותנתטע און זי מקבל־פנים זיין ווי עס געהער צו זיין. יענטל האָט גאָר נישט געוואוסט וואָסערע גבירישע קליידער זי זאָל זיך קויפן און וואָסער מאָדע ס׳איז געווען ביי די אַמאָליקע גבירים ווען מען האָט אויפ־גענומען גרויסע געסט. לאָדזשער קראָמען זענען געווען פאַר איר צו ווינציק און זי האָט נישט געגלויבט אַז מען וועט איר דאָרט געבן דאָס ריכטיקע. זי איז מיט גיטעלען אַריינגעפאָרן קיין וואַרשע צו דער גרעסטער פּוילישער קראָם, אַ קראָם פון ווייבערישע מאָדעס. די פירמע באַגוסלאַוו הערזע. אַ מאָדע־קראָם וואָס האָט נאָך פאַר דער מלחמה געשמט אין פּוילן. דאָרט האָבן געקויפט זייערע מלבושים די גרעסטע פּוילישע און יידישע גבירטעס.

וואָסערע קליידער זי זאָל דאָרט קויפן פאַר זיך און פאַר גיטעלען, האָט יענטל נישט געוואוסט. זי האָט אָבער געוואוסט: פאַר ר׳ משה אהרן ווינערס טאָכטער מוז מען זיך ווייזן אין שענסטן און אין טייערסטן. זי האָט זיך דערמאָנט אַמאָל צו האָבן געהאַט געהערט, אַז גרויסע גבירטעס טראָגן זיידענע שלאָף־רעק מיט אַ סך בענדער. ווען און וואו גבירטעס טראָגן אַזאַ הלבשה האָט יענטל נישט געוואוסט. זי האָט זיך ביי הערזען געהייסן געבן די טייערסטע זיידענע שלאָף־רעק. און זי האָט זיך אויס־געקליבן דווקא אַזעלכע מיט רויטע שרייענדיקע קאָלירן און מיט אַ סך אַ סך בענדער.

פייגעלע ביאַלער צוזאַמען מיט אירס אַ שוועגערין, אַ שנור פון ר׳ משה אהרן ווינער, זענען אַראָפּגעקומען קיין באַלוט צו „באַשויען" שיע שפּערלינסקיס טאָכטער. די פּיס פון די צוויי לאָדזשער חשובע דאַמען האָבן ס׳ערשטע מאָל געטרעטן אויף די שמאָלע און בלאָטיקע באַלוטער טרעטואַרן. דיביידע דאַמעס גייענדיק איבער באַלוט האָבן זיך באַמיט איינע מיט דער אַנדערער וואָס ווייניקער צו רעדן. אַיעדע האָט ביי זיך אין האַרצן געטראַכט, ווי אין די לעצטע עטלעכע יאָר האָט זיך דאָס וועלט־רעדעלע געטאָן אַ דריי.

ביי שיע שפּערלינסקין אין הויז האָט זיי מיט גרויס ברוך־הבא מקבל־פּנים געווען שיע אַליין און זיין ווייב יענטל. יענטל איז געגאַנגען אָנגעטאָן אין אַ בלוט־רויטן זיידענעם שלאָף־ראָק מיט אַ סך צעלאָזענע פאַלדן און בענדער. עס האָט אויסגעקוקט אַז דאָס באַלוטער שטיבל קאָן גאָר נישט פאַרנעמען אַזאַ שרייענדיקע און צעפּאַלדעוועטע שפּע. פייגעלעס שוועגערין האָט געטאָן אַ באַהאַלטענעם שמייכל. פייגעלע איז רויט געוואָרן. באַלד האָט זיך באַוויזן גיטעלע. דאָס כלה־מיידל האָט אויף זיך געטראָגן פּונקט אַזאַ שרייענדיק רויטן שלאָף־ראָק ווי די מוטער. דער טיש איז געווען געדעקט מיט כל־טוב און מיט מאכלים וועלכע אין די מלחמה־צייטן האָט זיי קיינער גאָר נישט אָנגעזען אין לאָדזש.

דעם אופן פון דער הלבשה און ווי אַזוי מען האָט זיי אויפגענומען ביים באַלוטער מחותן, האָט פייגעלעס שוועגערין באַלד אויסגעפּויקט צווישן אַלע ווינערס. מען האָט געלאַכט פון קנאה און בייזוויליקייט. שלום ביאַלער האָט זיך געיאָגט צו ברעכן טעלער. ער האָט אַלץ זיין מזל נישט געטרויט און מורא געהאַט טאָמער כאַפּן זיך אַנדערע בעלנים אַריין אינם באַלוטער שמאַלץ־גרוב.

פאַר די תנאים האָט שיע שפּערלינסקי מסלק געווען מיט טויזנטער קנאַקנדיקע אַמעריקאַנער דאָלאַרן. אויף דער פּוילישער וואַלוטע זענען דאָס ממש געווען אַסטראָנאָמישע ציפערן.

שבת נאָך די תנאים האָט מען די באַלוטער מחותנים פאַרבעטן אויף דער פּיעטרקאָווער גאַס צו שלום ביאַלערן אין הויז. גייענדיק אויף דער פּיעטרקאָווער גאַס צוזאַמען מיט יענטלען און מיט דער טאָכטער האָט

זיך שיע שפערלינסקי נישט־ווילנדיק דערמאָנט ווי ער איז אַמאָל דאָ געגאַנגען אַן אָפּגעריסענער און באָרוויסער און געטיילט בונדישע פּראָקלאַמאַציעס. ער האָט געשמייכלט און געטראַכט אַז מען קאָן קיינמאָל נישט וויסן ווי דאָס מזל טוט זיך אָ דריי.

לכבוד די מחותנים האָט שלום ביאַלער צו זיך פאַרבעטן אַלע ווינערישע הויז־געזינטן ווי אויך זיין ברודער טביה און זיין שוועגערין באַשע. ער האָט די באַלוטער געוואָלט ווייזן אין וואָסער יחוס זיי האָבן זיך איינגעקויפט מיט די שווערע אַמעריקאַנער דאָלאַרן. מען האָט פון די גלאָז־שאַפעס אַרויסגענומען דאָס זילבער, די טייערע פאָרצעלאַנען און קרישטאָלן — דאָס איבערגעבליבענע עשירות פון אַמאָל. מען האָט דערמיט די שפּערלינסקיס געוואָלט ווייזן מיט וועמען זיי האָבן זיך משדך־געווען. יאַדוויגע און סטאַשע האָבן באַין ברירה אויך געמוזט בלייבן אין דער היים צוליב די געסט — פאַרט דעם ברודערס כלה.

די געשפּרעכן צווישן די ווייבער זענען געגאַנגען אויף פּויליש. די רויטע אויסגעהאָרעוועטע הענט פון יענטלען און גיטעלען — וועלכע האָבן זיך אַמאָל אויסגעשטרעקט צום טיש כדי צו נעמען פון כיבוד וואָס איז געלעגן אויף די איידעלע פאָרצעלאַנען — האָבן דערציילט פון אַמאָליקער פּראַצע און אָרעמקייט און האָבן אויסגעקוקט ווי פרעמדע און פּראָלעטאַרישע צווישן די ווייסע אויסגעכאָוועטע הענטלעך פון די אַמאָליקע גבירטעס.. יענטל און גיטעלע האָבן ניט געקאָנט זיך אויסגעפינען צווישן די אויפגעבלאָזענע פּוילישע שמועסן. ווען זיי האָבן געמוזט עפּענען דאָס מויל און אויך עפּעס זאָגן — פאַרשטייט זיך, אויף פּויליש — איז עס געווען דאָס גרייזיקע זינגנדיקע פּויליש וואָס עס רעדט מיט די גויים די באַלוטער יידישע אָרעמקייט. אַלע ווייבער פון די ווינערס האָבן אין האַרצן געלאַכט פון קנאה און שאַדנפרייד. פייגעלע ביאַלער איז רויט געוואָרן. סטאַשע און יאַדוויגע האָבן פאַרצויגן די נעזער און געטראַכט: ווען דאָס דאָזיקע באַלוטער מיידל וואָלט סוף כל סוף נישט געווען זייער שוועגערין, וואָלט עס געווען זייער גלייך וואָס די „חיה״, זייער ברודער, באַקומט אָ כלה מיט אַזאַ מוראַדיקן פּויליש.

קאַפּיטל אַכצן

מלכותא דארעא כמלכותא דרקיע. אומעטום דרייט
זיך דאָס אייגענע רעדל. פּערזענלעכקייט און קאָלעק־
טיוו. ה. ל. זשיטניצקי.

נאָך פּרצס טויט האָט די יידישע ליטעראַטור און די יידישע ליטעראַ־ רישע משפּחה אין פּוילן פאַרלוירן דעם פּונקט פון איר צענטער און דעם אויטאָריטעט פון איר טראַדיציע. פּערזענלעכקייט איז אַ סך־הכל פון דורות, דורות וואָס האָבן זיך קאָנצענטרירט אין איינציקע באַדייטנדיקע פּערזענלעכקייטן. אין דעם דאָזיקן פּרט איז פּרץ ווירקלעך געווען דאָס מאָדערנע געשטאַלט פונם טראַדיציאָנעלן יידישן פּוילן. די אַלטע יידישע רעליגיעזע ליטעראַטור איז געווען סינטעטיש מיט די פּערזענלעכקייטן וואָס האָבן זי געשאַפן. אויך די מאָדערנע יידישע ליטעראַטור איז געווען סינטעטיש מיט אַ שאַפערישער פּערזענלעכקייט. פּרץ איז געווען דער סימבאָל פון אָט אָ דער סינטעזע.

די תקופה פון דער יידישער ליטעראַטור אין פּוילן וואָס האָט זיך אָנגעהויבן נאָך פּרצס טויט — איז געווען פולשטענדיק גלייך צו דער תקופה פון דער צייט. אויף אַלע געביטן פון דער יידישער געזעלשאַפט זענען געפאַלן די אויטאָריטעטן. אויף אַלע פלייצעס פון יידישן לעבן איז געווען דער בין־השמשות פון די אַלטע געטער. דער פרילינג האָט געגרינט נאָך אַן ערד־ציטערניש וואָס האָט אַלצדינג איבערגעקערט אויף קאַפּויער. דאָס יינגע לעבן איז אימפּעטפול אַרויפגעשטיגן אויף די פלייצעס פונם טויט. די אַמאָליקע חשובע גבירים האָבן זיך געוואַלגערט ווי אַלטוואַרג. אין אַלע ספערעס פון דער יידישער געזעלשאַפט האָט דאָס אַלטע אָפּגע־

שפילט. בעסער געזאָגט: עס איז איבערגעריסן געוואָרן פון אַ קאַ־טאַסטראָפע. אומעטום האָט די באַניִאונג אַרויסגעשפּראָצט פון חורבות.

אַנשטאָט דער פּערזענלעכקייט האָט מיט אַמאָל פאַרנומען דעם אויבנ־אָן דער קאָלעקטיוו. אַפילו די פיגורן וואָס האָבן זיך אין יידישן לעבן אַנגעהויבן אַרויסצורוקן — האָבן עס נישט געטאָן אַדאַנק זייער באַדייטנ־דיקער פערזענלעכקייט. דער קאָלעקטיוו און דער צייט־גורל האָט זיי אַרויסגעשטויסן אויף דער אויבערפלאַך. און — זיי זענען פאַרשוואונדן פון דער אויבערפלאַך ווי בלעזלעך אויפן וואַסער. די דערפאָלגן פון אַ יחיד האָבן זיך אין פריערדיקן פוילן געצויגן אויף דורות. איצט האָבן זיך דערפאָלגן געביטן ווי ליכט און שאָטן אין שטורעמדיקע און רעגנדיקע טעג. די דערפאָלגן פון יחיד זענען דורכאויס געוואָרן אָפּהענגיק פון די קאַפּריזן און געמיטן פונם כלל.

אויך די נייע יידישע ליטעראַטור אין פוילן — וואָס האָט ווי לויט דעם וועג פון דעם צייט־שיקזאַל פאַרלוירן פּרצן — האָט אָנגעהויבן צו וואַקסן ווי אַן אויפגעקומען קאָלעקטיוו באַשעפעניש. אויך אין איר האָט זיך ווייט און ברייט אַנגעזעצן דער אימפּעטפולער טעמפּעראַמענט פון דער תקופה. מיט אַמאָל האָבן זיך אָנגעהויבן צו באַווייזן נייע שריפט־שטעלער. אָבער יעדער נייער שריפטשטעלער איז שוין מער נישט געווען אָפּהענגיק פון דער אָנערקענונג און סמיכה פון פּרצן. אַלצדינג האָט זיך נייערט געוואָנדן אין זיין אייגענעם טעמפּעראַמענט און אין דעם אופן ווי ער האָט זיך געקאָנט אַרויסווייזן אויף דער אויבערפלאַך פון דער עפנטלעכער מיינונג.

איינער פון די ערשטע טאַלאַנטפולע יידישע פּראָזאַאיקער וואָס האָבן זיך באַוויזן אין אָנהויב פון דער נייער תקופה איז געווען ה. ל. זשיט־ניצקי. ער האָט געשטאַמט פון לאַסק, אַ שטעטל נאָענט פון לאָדזש. אַ זון פון אַ לערער — איז שוין זשיטניצקי געהאַט געווען אַ שילער פון אַ פּויליש גימנאַזיע. איך קאָן מיך נישט דערמאָנען צי פאַר דער מלחמה זאָל עמעצער פון די יידישע שריפטשטעלער שטאַמען פון לאַסק. אַזוי ווי לאַסק האָט באַלאַנגט צו לאָדזשער סביבה, האָבן דאָרט אינטעליגענטע יידן גערעדט דייטשמעריש. ד״ר י. גאָטליב האָט מיר דערציילט, בעת ה. ל. זשיטניצקי האָט צו אים אין רעדאַקציע אַריינגעבראַכט דעם ערשטן

מאַנוסקריפּט—דעמאָלט איז שוין ניט געווען קיין פּרץ צו וועמען אָנפּאַנגענ־דיקע שרייבער זאָלן טראָגן זייערע ערשטע אַרבעטן; מען האָט עס געברענגט וואוהין עס האָט זיך געלאָזט — האָט ער צו אים, ד״ר גאָטליבן, גערעדט אויף אַ לאָדזשער דייטשמעריש — נישט געקוקט דערויף וואָס ה. ל. זשיט־ניצקי האָט געשריבן אַזאַ גוטן געמיטפולן יידיש.

ה. ל. זשיטניצקיס פּראָזע איז שוין נישט געווען קיין אוממיטלבאַרע באַשרייבונג פון יידישן שטעטל אין פוילן ווי עס האָבן עס באַשריבן די שריפטשטעלער פאַר דער מלחמה. דאָס שטעטל האָט קאַטאַסטראָפאַל געענדערט איר פּנים און איר כאַראַקטער. דאָס פריערדיקע לעבן איז איצט מער נישט געווען סיידן אַ רעמיניסצענץ און אַ בענקשאַפט. ה. ל. זשיטניצקי — אויב איך בין מיך נישט טועה — איז געווען דער ערשטער אין דער יידישער ליטעראַטור נאָך דער מלחמה וואָס האָט דאָס שטעטל אָנגעהויבן צו באַהאַנדלען ווי אַ פאַרגאַנגענע ראָמאַנטישע וויזיע אויף די פליינען פון די צייטן. ער מאָלט דעם „זיידנס הייזל״ ווי אַ קעסטעלע פול מיט יידישע זכרונות און תכשיטים. זשיטניצקין זענען שוין איצט טייער די ווענט צווישן וועלכע עס האָט געוואוינט דער זיידע, די קופּערנע פאַנען און זיין קיך, די קליידער און דאָס טערקישע טוך וואָס די באָבע האָט געטראָגן אין די אידילישע יידישע שבתים אין שטעטל. אַלצדינג איז צעריבן געוואָרן אונטער די רעדער פון דער שווערער און האַווערישער צייט. אַלצדינג איז נישט מער ווי אַ פאַרגענגלעכקייט, און אומעטום לויערט דאָס שיקזאַל. עס לויערט סיי אויפן מענטשלעכן לעבן, סיי אויפן לעבן פון אַ תקופה און סיי אויפן לעבן פון דורות. וואָס איז דאָס געווע־זענע? טרויער, בענקשאַפט און יאוש. אַלצדינג איז חלום. וואָר איז נאָר די פאַרגענגלעכקייט און דער שאָטן.

ה. ל. זשיטניצקי האָט זיין גוטע און מאַלערישע פּראָזע צונויפגעמישט מיט אַ טיף געפיל פאַר טויט, פאַרגענגלעכקייט און שיקזאַל.

קאַפּיטל נײַנצן

די פּראָזע און די דיכטונג. די אָלימפּישע רעוואָ־
לוציע גייט מיט פּויקן און שאַלאַמייען.

נישט געקוקט דערויף וואָס עס האָט זיך אין נייעם פּוילן באַוויזן אַזאַ שײַנער געמיטפּולער פּראָזאַאיקער ווי ה. ל. זשיטניצקי, האָט פונ־דעסטוועגן די פּראָזע אויפגעהערט צו פירן דעם אויבנאָן אין דער יידישער ליטעראַטור אין פּוילן. אייגנטלעך איז די טראַדיציע פון דער פּראָזע געווען די גאָלדענע קייט פון דער יידישער ליטעראַטור. איר רייפקייט האָט זי אַרויסגעוויזן אין דער פּראָזע. אירע גרעסטע מייסטער זענען געווען פּראָזאַאיקער.

דער וועג פון דער געשיכטע שפּיגלט זיך אָפּ אויף אַלע געביטן. מען מוז כמעט זיין אַ מאַרקסיסט און זאָגן: די פּראָצעסן וואָס געשען אין דער ווירטשאַפטלעכער וועלט — געשען צוגלייך אין דער וועלט פון גייסט.

אויב געשיכטע איז געגליכן צו אַ דראַמאַטיש שוישפּיל, מוז מען זאָגן: עס קומען אָן תקופות אין וועלכע מען בייט איבער די קוליסן גראַד ביי אַן אָפענער פאָרהאַנג און פאַר אַלעמענס אויגן. אין אַ ברוטאַלן בפרהסיה בייטן זיך די שוישפּילער און די סיטואַציעס.

אין נייעם יידישן פּוילן האָבן זיך די שוישפּילער און די סיטואַציעס געביטן אויף אַ ראַשיקן און אומברחמנותדיקן אופן. די נייע ווערטן האָבן ברוטאַל אַוועקגעשטויסן די אַלטע ווערטן. די נייע שוישפּילער זענען כמעט ווי מיט בייטשן אַרויפגעקומען אויף דער געביטענער בינע און אַראָפּגעטריבן די אַלטע, — און האָבן דאָס געטאָן אָן עמעצן צו שוינען און אָן סענטימענטן.

עס איז געווען די צייט ווען די תקופה האָט אָנגעהויבן צו מאַכן אירע האָפּענונגפולסטע עקספּערימענטן. עקספּערימענטן ציטערן נישט וועגן די מאַטעריאַלן וואָס גייען דערוויל לאיבוד. עקספּערימענטן פאַרלאַנגען קרבנות. עקספּערימענטן האָבן ליב איבערצורייסן דעם לאַנגן, לאַנגן געשפּונענעם פאָדים פון דער צייט.

די פּראָזע איז בכלל אַ מיושבע און טראַדיציאָנעלע. זי ציט זיך שווער און לאַנגזאַם אויף דעם וועג פון איר קאָנטינואיטעט. איר קומט עס זייער שווער אָן צו מאַכן עקספּערימענטן. אויך זי האָט אַ סך געוואַגט אויפן וועג פון איר אַנטוויקלונג און געפּרוּווט זיך צו פאַרטיפערן אין איר אופן, אין איר פאָרם און אין איר געשטאַלטונגס־מעטאָד. זי האָט עס אָבער געמאַכט פאַמעליכל און מיט זייער פיל ישוב־הדעת. זי האָט זיך גוט איבערגעלייגט יעדן געוואַגטן שריט. רעוואָלוציעס אין דער פּראָזע זענען געגליכן צו דערשיטערונגען אין טיפע ערד־שיכטן; צו די אויפטרייסלונגען אין די שויסן פון דער מאַטעריע. מאַטעריע האָט בטבע אין זיך אינערציע און שווערקראַפט. דאָרט גייט עס נישט אַזוי לייכט צו טאָן דעם שפּרונג אַלעמען און אַלצדינג אויף קאַפּויער.

אַנדערש איז עס אין דער דיכטונג. איבערהויפּט אין דער סובּיעקטיוו־לירישער דיכטונג. דאָס שטימונגס־געמעל פון דער יחידישאויפגעציטערטער נשמה וויל דאָ ווייזן איר דמות אין פאָרם און אין ריטם. אין דער דיכטונג באַלאַנגט דאָס פאָרם־זוכן צו איר וועזנטלעכסטן מהות. די יחידישע געמעלן פון דעם סוביעקטיוון איך זענען אין געוויסן פּרט מאַטעריעלאָזע. אויב זיי האָבן מאַטעריעס זענען זיי אַבסטראַקטער ווי די מאַטעריעס פון דער פּראָזע. דעריבער קאָן זיך טייל מאָל אויסדוכטן — און עס איז נישט קיין ריכטיקע אויסדוכטעניש — אַז דער דיכטונג קומט עס לייכטער אָן צו באַקומען איר נייע פאָרם און צו בייטן אירע געשטאַלטן און ריטמען.

ס'איז שווער צו זיין אַ גוטער ליריקער פּונקט ווי עס איז שווער צו זיין אַ גוטער פּראָזאַאיקער. אָבער — הינטער דער מכלומרשט לופטיקער שאָטנהאַפטיקייט פון דער דיכטונג, געראָט עס לייכטער דעם פאַלשן און דעם אומבאַדייטנדיקן זיך צו פאַרמאַסקירן מיט פראַזן ווי ער וואָלט עס געווען באַוויזן צו טאָן אין דער האַרעפּאַשנער פּראָזע. די פּראָזע אין

איר האַמעטנעקייט קאָן נישט אַזוי לייכט פאַנאַנדערקלאַפּן אירע פויקן. זי מוז זיך האַלטן באַשיידענער אין אירע באַנייאונגען — און דאָס אומבאַ־דייטנדיקע האָט נישט האַלט דאָס באַשיידנקייט. הינטער דער דיכטונג געפינען זיך לייכטער אַן אָרט די שטריק־גייער און די קונצן־מאַכער. הינטער דער דיכטונג — אויב די תקופה איז נאָר דערצו גינציק — לאָזן זיך ראַש אַרויס אויפן מאַרק די עקספּערימענטאַטאָרן און זיי שלעפּן מיט זיך מיט אַ גאַנצן ערב־רב. מען גייט דעם וועג מיט שאַלאַמייען און פייפיאָלן, מיט פּויקן, טאַצן און טרומייטן. מען קנאַקט און מען טראַס־קעט, און מען גלויבט, אַז דער דיכטונג איז כלומרשט לייכטער צו גע־פינען אַמעריקעס אויף די שטחים פון אירע קאָנטינענטן.

יצחק קאַצענעלסאָן



ר׳ בנימין און הינדע, פאַטער און מוטער
פון יצחק קאַצענעלסאָן

קאַפּיטל צוואַנציק

אויף אַלע געביטן דרייסט זיך לאָדזש צו דער מזרח־וואַנט. פון ג אַ ר נ י ש ט מאַכט מען סחורה און פון ג אַ ר נ י ש ט מאַכט מען פּאָעזיע. לאָדזש — מאָסקווע — און צוריק לאָדזש. אַז גאָט וויל שיסט אַ בעזים. אויף דער יידישער פּאָעזיע אין פּוילן גייט אַן ערד־ציטערניש.

לאָדזש איז געווען די טעריטאָריע צו כאַפּן שטערן פון דער לופטן און צו לויפן אויף די גרויסע געווינסן. זי איז עס געווען פון קדמונים. לאָדזשער יידן האָבן אין זיך געהאַט אַ סך פון די לעגענדאַרישע רויטע יידעלעך און פון שלום עליכמס מנחם מענדל. לאָדזשער יידן זענען פון תמיד געווען בעלנים אויף ווילדע גליקן. דווקא האָבן זיי געוואָלט גיין אויף די גליטשיקסטע וועגן. אין דער נייער צייט, ווען די ברונעמער פון די אויסטערלישסטע מעגלעכקייטן האָבן זיך געעפנט מיט ווילדער שפע, זענען לאָדזשער יידן געשטאַנען צעיאָכמערטע און מיט פאַרקאַטשעטע פּאָלעס. זיי האָבן געשעפּט און געשעפּט מיט פולע און מיט געלעכערטע שעפן.

אויף אַלע געביטן האָט איצטער לאָדזש אַ קירעווע געטאָן איר דישל צום האָפּערדיקסטן אויבנאָן. דער שמוגל האָט געבליט איבער גאַנץ פּוילן. לאָדזש האָט געוואוסט אים צו דערפירן צו דער העכסטער מדרגה, און אין די גרויסע מוטנע וואַסערן צו כאַפּן דווקא די פעטע גאָלדענע פיש. ווארשע מיט איר גאַנצער אַמאָליקער גאווה האָט אָנגעהויבן אויסצוקוקן קעגן לאָדזש ווי אַ מלופּם־קינד. ווארשע האָט צוגעקוקט ווי לאָדזש

יאַכמערט זיך, און וואַרשע האָט ניש־קשה אַ קאַפּעטשקע אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ, און אָפּגעטרעטן. עס איז אָקערשט געווען נאָך דער דייטשער אָקופּאַציע. פּוילן איז געווען אויסגעליידיקט פון רוי־שטאָפן. מיטן גאַרנישט אין די הענט האָבן לאָדזשער יידן זיך גאָר פלוצעם מיישב געווען און געלאָזט אין גאַנג אַלע רעדער און קוימענעס פון די לאָדזשער פאַבריקן. בוימוואָל און וואָל האָט מען ממש געשאָפן פון דער לופטן. לאָדזש האָט אָנגעהויבן צו קלאַפּן און צו רויכערן גלייך עס וואָלטן געווען די אַמאָליקע צייטן — די צייטן ווען די רוסישע מרחקים זענען געשטאַנען מיט אָפענע מיילער און איינגעשלונגען דאָס, מיט וואָס לאָדזש האָט זיי געפּאַשעט. די רוי־שטאָפן זענען געקומען מיט מעשי־נסים און מיט שמוגל. אָבער לאָדזשער יידן האָבן האָלט געהאַט די מעשה־נסים און פונדאַסניי געשעפט גאָלד אין די אַסטראָנאָמישע ציפערס פון דעוואַ־לואירטן פּוילישן געלט. לאָדזש האָט ווידער נישט געהאַט קיין צייט צו כאַפּן אָטעם. דער יאַריד איז געווען גרויס און משונהדיק. דאָס לאָדזש אויף די טרוקענע זאַמדן האָט זיך גאָר פאַרנומען אָנצוטאָן דאָס קריינדעלע פון פּוילן.

דאָס נעמלעכע איז געשען אין דער יידישער ליטעראַטור. אויך דאָ האָט לאָדזש זיך פלוצעם מיט גרויס טראַסק אַ נעם געטאָן צו רוקן פאַרויס און צו וואַרפן די אַלטע געטער. לאָדזש האָט אָנגעהויבן צו ווייזן ציינער דער אַלטער וואַרשע און צוכאַפּן די בכורה. לאָדזש האָט פאַרמאָגט דעם פאַרשייטן אימפּעט פון אויפגעקומענקייט און פון נייע מענטשן. איז דאָך פון תמיד לאָדזש געווען די שטאָט פון די אויפגעקומענע — און זי האָט אויך אין דער יידישער ליטעראַטור געוואָלט ווייזן ווער עס איז עלטער. וואַרשע האָט אין דער מלחמה כמעט אַלצדינג פאַרלוירן. די שענסטע יידישע גבירישע משפחות אירע זענען געוואָרן יורדים און פאַרלוירן זייער גלאַנץ. די יידישע ליטעראַרישע משפּחה אין וואַרשע האָט פאַר־לוירן פּרצן. וואַרשע איז מיט אַמאָל געבליבן שטיין אָן קרוין אויפן קאָפּ. לאָדזש האָט געוואָלט פאַרכאַפּן די קרוין.

די יידישע דיכטער אין לאָדזש האָבן זיך אַ שפּיי געטאָן אין די הענט אַריין און זיך גענומען מאַכן די גרויסע דיכטערישע רעוואָלוציע. עס איז אויסגערופן געוואָרן אַן „ערד־ציטערניש“ אינם גאַנצן אופן פון יידישן

שאַפֿן. געטאָן האָט מען עס אויפֿן קאָכעדיקן לאָדזשער באָדן און געטאָן אין דער פֿערזן־קונסט. דאָרט איז כלומרשט לייכטער אָלצדינג צו שטעלן אויפֿן קאָפּ. דער לאָדזשער יידישער דיכטונג האָט נאָר געפֿעלט דער גרויס־מייסטער וואָס זאָל איר טאָן דעם גרויסן כשוף — און אירע הימלען זאָלן אָנהויבן צו רעגענען מיט גאָלדענע שטערן. מען האָט נישט לאַנג באַדאַרפֿט וואַרטן. דער גרויס־מייסטער צו דער יידישער דיכטונג אין לאָדזש איז געקומען אין דער פּערזאָן פֿון משה בראָדערזאָן.

קאַפּיטל איין און צוואַנציק

קיינער ווייס נישט ווען די פייגעלעך אויף די
ביימער ציען אַרויס דאָס גרויסע געווינס. צום שלימ־
מזל מוז מען אויך האָבן מזל. עס דונערט און עס
בליצט אין די לאָדזשער דיכטערישע הימלען.

לאָדזש האָט ליב געהאַט צו שעפּן אירע רייכטימער אין די וואַסערן וואָס פליסן אין די טונקלקייטן און אין דעם אומבאַקאַנטן. אַלע אירע פּער־זענלעכקייטן האָט זי אַפּערגעהויבן פון דער נאָמענלאָזיקייט. די יעניקע וואָס האָבן געפּאָכעט מיט זייערע פליגלען איבער לאָדזש און געשטאַנען אויף אירע שפּיצן, זענען געקומען פון דעם נאָמענלאָזן. זיי זענען געקומען אָן אַמאָליקייט און אָן דעם חשיבות פון קאָנטינואיטעט. לאָדזש האָט ליב געהאַט צוצוגעבן דערפאָלג דעם, וואָס האָט זיך געיאָגט נאָך דערפאָלג. ווער עס האָט נאָר באַוויזן זיך צו שטעלן אויף אירע פּראָנטן און צו גלאַנצן — דעם האָט לאָדזש אַליין צוגעגעבן פון איר גלאַנץ מיט דער שפע פון אירע פולע הענט.

אויף דעם אימפּעט פון דער נייער עקספּערימענטאַלער יידישער דיכ־טונג אין פּוילן האָט לאָדזש געוואָלט אַרויסהויבן אויף אירע פּלייצעס. זי האָט עס געטאָן אויף איר אופן, ד. ה. אויף דעם אופן פון די געוואַגטסטע עקספּערימענטן און דערפאָלגן פון דער נייער אויפגעקומענער צייט אין לאָדזש.

אויף משה בראָדערזאָנען איז אויסגעפאַלן דער גורל צו זיין די זון און דער גרויס־טשעמפּיאָן פון דער עקספּערימענטירנדיקער דיכטונג אין לאָדזש. אַ דיכטונג וואָס האָט אַלעמען פאַרבליפט און דערשראָקן ווי אַ

געוויטער וואָס איז פּלוצעם אַרונטערגעפאַלן פון די הימלען. דאָס פּרצ־לאַזע וואַרשע איז אויך געבליבן שטיין פּריטשמעליעט און אַרונטער־גענומען דאָס היטל.

אויף זיינע דיכטערישע פאַרנאַסן איז משה בראָדערזאָן אַרויפגעטראָגן געוואָרן פון לאָדזשער מזל דווקא פון די באַשיידנסטע טאָלן פון דער יידישער ליטעראַטור. עס האָט פולשטענדיק געשטימט מיט דער לאָדזשער טבע.

בראָדערזאָן האָט באַלאַנגט צו דער ליטעראַרישער משפחה אין לאָדזש נאָך פאַר דער מלחמה. זיין אָרט אין איר איז געווען גאָר אַ שטילס און אַן גרויסע פּרעטענציעס. ער האָט דעמאָלט געשריבן לייכטע דערציילונגען אין דער לאָדזשער יידישער פּרעסע. דערציילונגען וואָס האָבן אַפילו נישט געהאַט די אַמביציע עפּעס צו זאָגן, און האָבן גיכער געהערט צו דער פּרעסע ווי צו דער ליטעראַטור. הארט פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה האָט משה בראָדערזאָן אַרויסגעגעבן אַ ביכל לידער — „שוואַרצע פליטער־לעך". עס איז אַרויס כמעט ווי אומבאַמערקט און קיינער האָט עס נישט גענומען ערנסט. אַפילו אין באַפליגלטן לאָדזש איז משה בראָדערזאָן געבליבן אָן פליגלען.

פּלוצעם האָט אויסגעבראָכן די מלחמה. די רוסן האָבן פאַרלאָזן פּוילן. אַ סך יידן זענען ווי פּליטים פאַרוואָגלט געוואָרן קיין רוסלאַנד. אויך משה בראָדערזאָן איז געווען פון די פאַרוואָגלטע. ער איז געבליבן שטעקן אין מאָסקווע.

פּוילן איז פאַרבליבן אונטער דייטשער אָקופּאַציע ביז די מלחמה האָט זיך פאַרענדיקט. אין רוסלאַנד האָט אויסגעבראָכן די רעוואָלוציע. צוערשט איז געפאַלן דער צאַריזם, דאָן איז געפאַלן דער דעמאָקראַטישער רעזשים און ס׳זענען געקומען די באָלשעוויקעס. די רעוואָלוציע האָט זיך צעשפּילט אויף אַלע געביטן און אויך אין דער רוסישער ליטעראַטור. אויך דאָרט זענען איינגעפאַלן די אַלטע פאָרמען אינם אַלגעמיינעם ערד־ציטער־ניש. נייע און געוואָגטע עקספּערימענטן זענען געמאַכט געוואָרן אינם מלכות פון גייסט און קונסט פּונקט ווי זיי זענען געמאַכט געוואָרן אינם מלכות פון דער סאָציאַלער ווירטשאַפט. אָבער אויך אין דער ליטעראַטור איז די פּראָזע געבליבן הינטערשטעליק אין אירע רעוואָלוציאָנערע זשעסטן.

נייערט די דיכטונג איז אַרויסגעטרעטן מיט אַלע צעלאָזענע פענער און צעשאַלטע פאַנפאַרן פון בונט און בונטאַרישקייט.

אין דער רוסישער דיכטונג זענען אין דעם מאַרש פון דער גרויסער פערזן־רעוואָלוציע געגאַנגען גאונים צוזאַמען מיט אַ גאַנצן ערב־רב פון נאָכמאַכערס. אויף דער גרויסער רוסישער ערד פלעגט יעדע נייע היסטאָ־רישע תקופה קומען ווי אַ מבול. אין אַ מבול מישט זיך אַלצדינג פאַנ־אַנדער. ערשט שפּעטער האָט זיך פּאַמעלעך אָפּגעשיידט דאָס גאָלד פון דעם זאַמד.

משה בראָדערזאָן איז געווען אין מאָסקווע ווען די שטורעמדיקע וואַסערן פון דער רוסישער דיכטונג האָבן זיך געפּאַליעוועט אין דער הויך און ער האָט געזען וואָס עס לאָזט זיך מאַכן מיט פערזן און מיט גראַמען. ווער מען די רעוואָלוציע אין דער רוסישער דיכטונג אַריבערפירן ווי זי שטייט און גייט אין דער יידישער דיכטונג — קאָן מען באמת אַלעמען אין פוילן, סיי די לייענער און סיי די פּאָעטן, געבן דעם קנאַק איבערן קאָפּ. זיי וועלן ווערן פאַרטשמעליעט, זיך רייבן די אויגן, זיך וואונדערן און טראַכטן: אָט אָ דער משה בראָדערזאָן וואָס איז אַוועקגעפאָרן פון לאָדזש אַזוי שטיל און באַשיידן — אים האָט זיך אויך אין ווייטן מאָסקווע דאָס רעדעלע געטאָן אַ דריי ... עס איז היינט אַ צייט אַזאַ. מען ווייסט נישט ווען עס שפּילט אויף דאָס מזל און ווען די פייגעלעך אויף די ביימער וועלן אַרויסציען דאָס גרויסע געווינס. „הכל צריכים מזל אפילו ספר־תורה שבהיכל.“ אומעטום דאַרף עס נאָר אָפּגילטן — אַפילו אין דער ליטעראַטור.

קאַפּיטל צוויי און צוואַנציק

די מוזעס זענען פאַרט ווייבער און פירן זיך אויף מיט דייערע ליבלינגען גאָר און גאָר קאָקעטיש. זאָל זיין אָן גראַם אַבי עס זאָל נישט האָבן קיין יידישן טעם. לאַדזש צעשאָקלט זיך אין דיכטערישן שטורעם־ווינט. עס פאַלן די געטער און וואָרשע ווערט פּריטשמעליעט.

משה בראָדערזאָן איז באַלד נאָך דער מלחמה צוריקגעקומען פון מאָסקווע קיין לאָדזש מיט אַלע אויסערלעכע און אינערלעכע רעקוויזיטן פון אַ גרויסן, אפשר דעם גרעסטן יידישן פּאָעט. ער האָט געוואוסט, אַז אין רעוואָלוציאָנערע צייטן ווערט מען מיט באַשיידנקייט צעטרעטן אונטער די פיס ווי אַ ווינציק שטויבעלע. ער האָט טאָקע זיינע אַמאָליקע באַשיידנקייטן אַוועקגעוואָרפן אַריין אין דעם גאַנצן אַלטן ברוכוואַרג פון פאַר דער מלחמה.

שוין אין זיין אויסערלעכער פיזיאָנאָמיע האָט זיך משה בראָדערזאָן אָנגעהויבן צו באַווייזן אין לאָדזש ווי דער ליבלינג פון די מוזעס. ער האָט ווי אַ דיכטערישער לייב געטראָגן אַ קאָפּ פול מיט שוואַרצע האָר, ווי אויך שוואַרצע באַקן־בערד איבער זיין אויסגעצויגן ביינערדיק פּנים. באַקן־בערד אַלאַ פּושקין. פון דער רוסישער רעוואָלוציע האָט ער מיט־געבראַנגט דאָס שוואַרצע רוסישע אַרבעטער־העמד, וואָס האָט פון משה בראָדערזאָנען אַראָפּגעשריגן אויף די לאָדזשער גאַסן ווי אַ פאַרניכטנדיקע דראָאונג. אויף דעם דאָזיקן שוואַרצן פּראָלעטאַרישן העמד האָט ער גע־טראָגן אַלערליי קייטעלעך פון בורשטין און קאָראַלן. עס זענען געווען

ווי די דרשה־געשאַנקען פון די מוזעס וואָס זענען אין אים פאַרליבט. בראָדערזאָנס לייבישע און דיכטערישע מאַנסבילקייט האָבן אָט די תכשיטים גאָר צוגעגעבן קאָקעטישע ווייבערישע חנען. פאַרפאַלן, די מוזעס זענען ווייבער און זיי קאָנען זיך פאָרט נישט באַפרייען פון ווייבערישע שוואַכקייטן בעת זיי צירן און פוצן זייערע ליבלינגע. אויף זיינע לאַנגע אויסגעצויגענע פינגער — ערשט איצט האָט לאַדזש דערזען אַז משה בראָדערזאָן האָט לאַנגע פאַרחלומטע פינגער ווי אַ שאָפּען — האָט ער געטראָגן אַלערליי איינגערעמטע געשניטענע שטיינער און קמיעות. מען האָט געזען באַשיינפּערלעך, אַז ווען די דאָזיקע פינגער נעמען נאָר די פען אין דער האַנט קאָן זי באמת באַווייזן כשוף.

לאַדזש האָט באַלד אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ. משה בראָדערזאָנס נאָמען האָט אָנגעהויבן צו שאַלן באַגלייך די באַרימטקייטן אויף אַנדערע געביטן פון לאָדזשער הו״הא.

ווען ער האָט אָפּגעדרוקט זיינע ערשטע לידער וואָס ער האָט מיט־געברענגט פון מאָסקווע און געוויזן דאָס גאַנצע פייערווערק פון גראַמען און באַמבאַסטישער רעטאָריק — זענען באמת אַלע געוואָרן דערשיטערט, נישט געקוקט דערויף, וואָס הינטער דעם דאָזיקן נייעם דיכטערישן גע־וויטער האָבן היפּש געשטעקט פּוסטע ניס און באַנאַליטעטן. פוילן האָט דעמאָלט געהאַט אַן אויער פאַר יעדן נייעם זשעסט. אומעטום האָט זי געזען די אויפבליענדיקע האָפענונג. דערצו — ביי זיין גאַנצער שרייענ־דיקער אייגנאַרטיקייט, האָט בראָדערזאָן נישט געפראַוועט קיין יחידות. אים האָט געצויגן צו דער דיכטערישער סטאַדע. ער האָט איינגעפירט דעמאָקראַטיע אויף די פעלדער פון די מוזעס און געטיילט סמיכה אויף רעכטס און אויף לינקס.

לאָדזש איז שטענדיק געווען אַ שטאָט פון דיכטער, סיי באַקאַנטע און סיי נאָמענלאָזע. בראָדערזאָנען איז נישט שווער אָנגעקומען צו זאַמלען אַרום זיך אַלע „ביטערע הערצער" און אַלע געקריוודעטע וואָס האָבן גע־גאָרט צו ווערן געדרוקט און אָנערקענט. קיין סך טאַלאַנט האָט בראָדערזאָן נישט פאַרלאַנגט. עס איז גענוג געווען אָנצושרייבן עטלעכע קורצע שורה־לעך מיט אַלערליי האָפערדיקע זינלאָזיקייטן — און מען איז געוואָרן אַ „מאָדערנער דיכטער". די דאָזיקע קורצע שורהלעך האָבן אפילו געמעגט

זיין אָן גראַמען. משה בראָדערזאָן וואָס אין זיין אײגענעם ווערקשטאָט האָט ער אַזוי שטאַרק מקפּיד געווען אויף גראַמען — און דווקא די אויסגעזוכטסטע — איז געווען ליבעראַל ביז גאָר וואָס שייך די גראַמען פון זיינע מיטלויפער און אַפּאָסטאָלן. לידער אָן גראַמען? עס איז דאָך די אמתע הפקר־פּעטרישקע און מען קאָן זיך עס לייכט אויסלערנען צווישן איינס און צוויי. לאָדזש האָט זיך טאַקע צעשאָקלט אין דיכטערישן שטורעם־ווינט ווי אַן אויפגעברויזטער וואַלד פון די מוזעס.

מען דאַרף אָבער נישט גלויבן, אַז די „מאָדערנע" יידישע דיכטער אין לאָדזש זענען געווען שטילע לעמעלעך און זיך געהאַלטן ביי „לעבען און לעבען לאָסען". הויבט זיך נישט אָן! ווען אין איין האַנט האָבן זיי געהאַלטן די גאָלדענע פּען, האָבן זיי אין דער אַנדערער געהאַלטן די פאַרצוקנדיקע שווערד און דעם אָנגעשפּאַנטן פיילנבויגן. די דיכטער־סטאַדע אַרום בראָדערזאָנען איז גאָר געווען אין אַן אייביקן גרימצאָרן קעגן דער קלאַסישער יידישער דיכטונג און געדונערט כמעט קעגן אַלע וואָס האָבן נישט געוואוסט פון קיין קונצן און ווייטער געשריבן לידער לויט ווי עס האָט זיי דיקטירט דאָס געמיט און דאָס וואַרהאַפטיקע געפיל. מען האָט זיך גענומען וואַרפן געטער. בראָדערזאָן האָט מיטגעבראַנגט פון מאָסקווע די פראַזן פון אַ רעוואָלוציאָנערער תקופה וואָס וויל איבערוווערטן אַלע ווערטן און שוינט נישט קיין אויטאָריטעט. דער גרעסטער קרבן פון משה בראָדערזאָנען איז געווען ז. סעגאַלאָוויטש. אין סעגאַלאָוויטשן האָט בראָדערזאָן געזען אַלדאָס פאַרקערפּערטע בייז פון דער אַלטער יידישער דיכטונג. דאָס ליטעראַרישע וואַרשע איז דערציטערט געוואָרן פאַר דעם שטורעם־ווינט אין לאָדזש. אַפילו דוד פרישמאַן — וואָס האָט געשמט פאַר אַ סקעפּטישן ייד און האָט אַליין אַמאָל געפירט די שאַרפסטע מלחמה קעגן פּרצן — איז געוואָרן דערשראָקן פאַר דעם בייזן קאָמעט־שטערן וואָס האָט זיך נאָך מלחמה־צייט געוויזן אויף די אַמאָל־באַשיידענע ליטעראַרישע הימלען פון לאָדזש.

קאַפּיטל דריי און צוואַנציק

די געשיכטע איז אַ גוטער רעזשיסאָר. יאַנקל אַדלער איז דער צווייטער און לאָדזש ווערט דערציי־טערט פון גאָט אַפּאָלאָ. אַ ביסל וועגן פראַנצויזישער מאָלעריי, וועגן פוטוריזם און קוביזם. אַן אַנדערער וועלט־חשבון. מאַרק שאַגאַל ווייזט דעם רבונו של עולם ווי אַזוי ער האָט באַדאַרפט צו באַשאַפן דאָס יידישע שטעטל.

אין געשפּאַנטע אַנטשיידונג־תקופות ווייזן די געשעענישן אַרויס זייער דראַמאַטישע קאָנסטרוקציע, גלייך ווי זיי וואָלטן אויסגערעכנט און קאָמפּאָנירט געוואָרן פון אַ באַוואוסטזיניקן מייסטער. קאָמפּאָנירט מיט דער דיאַלעקטיק פון די סיטואַציעס. אין נאָרמאַלע צייטן איז די דראַמע פון דער געשיכטע פול מיט אַ סך צופעליקייטן און געשעענישן וואָס זענען כלומרשט נישט וועזנטלעך. סיידן דאָס געניטע אויג פון אַ היסטאָריקער קאָן זען דעם זינפולן דראַמאַטישן פאָדים וואָס ציט זיך איבער אַלע געשעענישן. אַנטשיידונג־תקופות ווייזן אָבער אַרויס כמעט ווי אַ ראַפינירטע קענטשאַפט פון דראַמאַטישער קאָמפּאָזיציע. זיי שטעלן אויס די סיטואַציעס און די פיגורן מיט דעם חשבון פון אַ שאַך־שפּיל.

משה בראָדערזאָן האָט אויפגעשטורעמט לאָדזש און כמעט גאַנץ פוילן מיט זיין דיכטערישער רעוואָלוציע. פונקט אין דער אייגענער צייט און אויף דעם זעלביקן לאָדזשער באָדן איז אויפגעשטאַנען אַ קעגנשפּילער און אַ פּאַרטנער וואָס האָט דאָס שלאַכט־פעלד פּאַרטיפערט און פאַרברייטערט אין אַלע גרענעצן.

דאָס איז געווען דער מאָלער יאַנקל אַדלער.

פאַר דער מלחמה האָט מען זיין נאָמען גאָר נישט געהערט. צי איז ער נאָך געווען דאַן צו יינג, צי ער האָט זיך בכלל נאָך נישט געהאָט אָפּגעגעבן מיט דער מאָלעריי — איך ווייס עס נישט. אין לאָדזש זענען תמיד געווען אַ סך לייבן צווישן דער אַמאָליקער מאָלערישער באָהעמע. פאַרצוקנדיקע לייבן וואָס האָבן זיך אַרומגעטראָגן מיט פיל גאָלדענע פאַנטאַזיעס.

צווישן די לאָדזשער שטערן־זין פון דער מאָלעריי האָט יאַנקל אַדלער אַ שיין־אויף געטאָן מיט אַ גלאַנץ פון אַן אור־הגנוז וואָס האָט זיך מיט אַמאָל אַרויסגעוויקלט פון די לאָדזשער אומבאַקאַנטקייטן און אַלעמען פאַרבליפט. אַפילו איטשל ברוינער דער גרעסטער פאַנטאַזיאָר צווישן לאָדזשער מאָלער, האָט אַ נעם־אַראָפּ געגעבן דאָס היטל פאַרן נייעם שטערן.

יאַנקל אַדלער איז געווען אַ קלוגער יינגערמאַן, מיט אַ שטילן שמייכל אויפן פּנים, מיט אַ סך געשמאַק און מן־הסתם מיט היפּשע מאָלערישע פעאיקייטן.

די צייטן זענען געווען פון וואָרפן געטער און מען האָט געמוזט ווירקלעך זיין אַ גרויסער קינסטלער כדי זיך צו קאָנען איינהאַלטן פון דעם דאָזיקן יצר־הרע. ס'איז שווער צו שאַפן עפּעס אייגנס ווען עס פאַלן די געטער. מיטן דערשיינען פון יאַנקל אַדלער זענען די לאָדזשער מאָלער ווי אויפגעוואַכט פון די היגער־פּלעט. זיי האָבן פּלוצעם דערזען: נישט געקוקט אויף די גראַנדיעזע פּלענער וואָס זיי האָבן ליגן ביי זיך אין די וועסטל־קעשענעס, איז אין פּרט פון מאָלעריי לאָדזש סך־הכל נישט מער ווי אַ פּראָווינץ. עס איז פּשוט אַ חרפּה, ווי דאָס האָפּערדיקע לאָדזש האָט געלעבט אין דעם נוסח און אין די טראַדיציעס פון דער אַלטער מאָ־לעריי און האָט גאָר נישט געוואוסט וואָס עס האָט זיך במשך דער צייט אָפּגעטאָן הינטער אירע פּלייצעס.

אין דער פראַנצויזישער מאָלעריי זענען געמאַכט געוואָרן מאָדערנע רעוואָלוציאָנערע עקספּערימענטן פון אַ נייער פאָרם־קאָנסטרוקציע. קוביס־טישע און פוטוריסטישע שולעס. מען האָט צעלייגט די לאַנדשאַפטן, דעם מענטשלעכן קערפּער און די זאַכן אויף גאָר אַנדערע פּראָפּאָרציעס און

פלאַכן ווי מען זעט זיי אין דער ע ק ז י ס ט ע נ ץ. די קוביסטיק האָט גאָר געמאַכט אַן אַנדערן וועלט־חשבון און אַ מעגלעכקייט פון אַן אַנדערער אָפּטישער וועלט־קאָנסטרוקציע ווי עס האָט זי געמאַכט די נאַטור. ביי איר גאַנצער פאַנטאַסטיק איז די קוביסטיק געווען ראַציאָנעל ביז גאָר. זי האָט געאַרבעט מער מיט ראַציאָנאַלער מאַטעמאַטיק איידער ווי מיט אי־ראַציאָנאַלער פאַנטאַזיע. אַזוי צו זאָגן, האָט זי געקוקט אויף דער וועלט פון אַן אַנדערן געאָמעטרישן שטאַנדפונקט, און זי האָט זיך באַמיט צו באַווייזן דער גאָטהייט, אַז מען האָט ניש־קשה דאָס וועלט־בילד געקאָנט אויפשטעלן לויט אַנדערע מאַטעמאַטישע כללים און לויט אַן אַנדערער פלאַכן־קאָנסטרוקציע.

די דאָזיקע גאָר־מאָדערנסטע פראַנצויזישע מאָלעריי האָט געהאָט אירע גרויסע מייסטער. זיי האָבן אַריינגעפירט אין דער פּלאַסטישער קונסט דעם מעטאָד פון ראַציאָנאַלער קאָמבינאַציע מיט קאָנסטרוקטיווע פלאַכן פון פאַרב און ליניע. עס איז דעריבער געווען אַ לייכטער וועג פאַר אַלערליי נאָכמאַכער און קאָמבינאַטאָרן צו וואַרפן אַרום זיך מיט קינסטלערישע פּייערווערק. יעדער פלאַכקאָפּ און אַפילו די טאַלאַנט־לאָזיקייט האָט באַקומען די מעגלעכקייט צו גלאַנצן מיט זיינע אינער־לעכע פּוסטקייטן. . אויב קאָמבינאַציעס און פרייע הענט אינם קאָמפּאָ־נירן — איז ביטע זייער! אַ סך געפּענטעטע הענט האָבן זיך ברייט באַנוצט מיט דער דאָזיקער פרייהייט און זיך געלאָזט וואוילגיין אויף די לייוונטן און מיט דעם ליים. די מייסטער פון דעם מאָדערנסטן פראַנ־צויזישן קונסט־זשאַנער זיינען אַרומגערינגלט געוואָרן מיט סטאַדעס פון נאָכמאַכער וואָס האָבן געזשומעט ווי די בינען, האָבן פאַרגעסן אַלע גרע־נעצן — און ד ע ם ר אַ צ י אָ נ אַ ל ן דרך פון דעם קוביזם און פוטוריזם פאַרוואַנדלט אין פשוטער זינלאָזיקייט.

די גרויסע רוסישע רעוואָלוציע האָט איבערגעטראָגן די מאָדערנע פראַנצויזישע פאָרם־קאָנסטרוקציע אין דער רוסישער מאָלעריי. כמעט אַלע באַדייטנדיקע רוסישע מאָלער זענען פון תמיד געווען אונטערן איינ־פלוס פון דער פראַנצויזישער מאָלעריי. דער פראַנצויזישער קוביזם און פוטוריזם זענען געווען צום געמיט און נוסח פון אַ לאַנד וואָס האָט אומעטום געוואָלט קאָנסטרואירן אַנדערע סטילן און לעבנס־פאָרמען.

אויף דער רוסישער ערד זענען געזעסן מיליאָניקע יידישע מאַסן. זיי זענען על־פּי רוב געזעסן אין זייערע יידישע שטעטלעך. אויף אַלע געביטן פון זייער לעבן האָבן זיי געפירט אַן אייגענעם נוסח. די רוסישע רעוואָלוציע האָט אַריינגעטראָגן ראַדיקאַלע דערשיטערונגען אינם יידישן שטעטל און אין יידישן לעבן. אין דעם זע־בילד פון דער פּלאַסטישער פאָרם און פּלאַסטישער קאָנסטרוקציע פון יידישן לעבן האָט אויך געמוזט קומען אַ גרויסע דערשיטערונג.

די ראָל פון דעם מאָלערישן דערציילער און פּלאַסטישן פאַנאַנדער־לייגער פון די קאָנסטרוקטיווע פאָרמען פון יידישן שטעטל איז מיט גרויס דערפאָלג געפאַלן אויף דער פּערזאָן פון מאַרק שאַגאַל. אין דעם דאָזיקן פּרט איז ער געקומען מיט דער געוואַגטסטער פאַנטאַזיע פון אַ רעוואָלוציאָנערן נאָוואַטאָר. איך ווייס נישט צי שאַגאַל איז אַ גרויסער מאָלער. ער האָט נישט קיין אייגענעם וועלט־קאָלאָריט ווי עס האָבן אַנדערע באַדייטנדיקע מאָלער. ער זעט נישט די וועלט פון אַן א י י ג ע נ ע ם אַספּעקט פון ליכט און שאָטן נייערט פון אַן אייגענעם אַספּעקט פון קאָנסטרוקציע און ליניע. דאָ האָט שאַגאַלס פּענזל געוויזן אַ סך מייסטער־שאַפט. ער האָט אין זיך פאַראייניקט די גאַנצע תמימות פון יידישן פּרימיטיוו מיט די געוואַגטסטע קאָנסטרוקטיווע זעענישן פון אַ וויזיאָנער. מיט די דאָזיקע אייגנשאַפטן זיינע האָט אויך שאַגאַל געמאַכט אַן אַנדערן „געאָמעטרישן" חשבון אין די באַשטאַנדן פון יידישן שטעטל און פון יידישן שטייגער. ער האָט די יידישע הייזלעך איבערגעדרייט מיטן קאָפּ אַראָפּ ווי ליכטיקע פּאַפּירענע כישוף־שאַכטלען און האָט אַרויסגעשאָקלט זייערע אינעווייניקייטן און זייערע יידן אויפן אינדרויסן פון גאָטס וועלט. ווען שאַגאַלס יידן שפּאַנען אויף די דעכער, איז עס נאָר די אַנדערע געאָמעטרישע דימענסיע פון יידישן וועלט־חשבון — אַזוי ווי עס מאַכט אים מאַרק שאַגאַל. די פיש וואָס יידן קויפן אויף שבת־קודש פליען אַרום ווי די פייגל. די ציגעלעך מעקן פרום אין די איבערגעדרייטע געסלעך פון שטעטל — זיי מעקן ווי די טערקל־טייבעלעך פון שיר־השירים. די יידישע חתונות זענען עפּעס גאָר אויסטערלישע מאַסקן־סצענעס. די קלעזמאָרים ציען אַרויס ניגונים פון אויסטערלישע אינסטרומענטן. די יידישע הייזלעך קוקן אויס ווי פידלען — און די

פידלען ווי עופות און פּיפּערנאָטערס. נישט געקוקט אויף דער שפּעדיקער פאַנטאַסטיק שטעלט שאַגאַלס וועלט־פּורים־שפּיל פון יידישן לעבן פאַר אַ גרויסע ראַציאָ, אַן איבערלייגטן און קאַלטן שכל. עס איז אַ פּרואוו אָנצואווייזן דעם רבונו של עולם ווי אַזוי ער, דער וויטעבסקער ייד מאַרק שאַגאַל, וואָלט עס געוועזן געמאַכט ווען אים קומט אויס צו באַשאַפן די שיינע ליכטיקע וועלט, דאָס יידישע שטעטל, אירע יידן, אירע עופות און אירע ציגעלעך.

קאַפּיטל פֿיר און צוואַנציק

דיכטער און מאָלער — אַ סיאַמעזער צווילינג. אַ שטורעם מיט ווייניק רעגן. עס יאַוועט זיך דער דריטער אין דער געשטאַלט פֿון אַ באַשיידענעם בוכהאַלטער. מאַקס שידלאָווסקי זוכט אַ כלה ביי די פּרי־וועסעס. איטשע אַבראַמאָוויטש טראָגט זיך אָפּ פֿון דער שיסל. פֿאַמעלעכל און פֿאַוואָלינקע, — דאָס בעסטע איז הצנע לכת.

יאַנקל אַדלער האָט די דאָזיקע געוואָגטע נייעסן אין דער פּלאַסטישער קונסט־וועלט געברענגט קיין לאָדזש אַקוראַט אין דער זעלביקער צייט ווען משה בראָדערזאָן איז געקומען פֿון מאָסקווע מיט די נייעסן אין דער דיכטונג. לאָדזש איז געגומען געוואָרן אין פֿייער פֿון צוויי פֿראָנטן. אַדרבה! לאָדזש האָט האַלט געהאַט געגומען צו ווערן אין פֿראָנטאַלן אָנגריף. משה בראָדערזאָן און יאַנקל אַדלער האָבן באַלד געשלאָסן בלוט־ברודערשאַפֿט. איינער האָט דעם אַנדערן געמאַכט די געוואַלדיקסטע קאָמפּלימענטן און אויפֿגעטרעטן צוזאַמען ווי די ערשטע אַמאַנטן פֿון די רעוואָלוציאָנערע מוזעס. יאַנקל אַדלער האָט געטראָגן שטיוול מיט לאַנגע כאָליוועס און אַ ווייסן זשאַבאָט אַלאַ לואי פֿיליפּ. אַלע לאָדזשער מאָלער, און אַפֿילו איטשל ברוינער האָבן אָנגעהויבן צו טראָגן זשאַבאָטן. יאַנקל אַדלער איז געוואָרן די גרויסע מאָדע און דער געקרוינטער פֿירער. משה בראָדערזאָן האָט ווייטער געטראָגן דעם דיכטערישן הילוך, אַ געמיש פֿון פּראָלעטאַרישע רעוואָלוציע און פּושקין. אַלע האָבן אַרונטערגענומען די היטלעך. צום ערשטן מאָל זינט די וועלט שטייט, איז נאָך נישט געשלאָסן

געוואָרן אַזאַ ענגער בונד צווישן מאָלעריי און פּאָעזיע ווי עס איז געטאָן געוואָרן אויפן קאָכעדיקן לאָדזשער באָדן. די דיכטער־סטאַדע און די מאָלער־סטאַדע האָבן זיך פּאַראייניקט ווי אַ סיאַמער צווילינג. מען האָט זיך געגרייט אי אַליין איבערצוקערן ווּעלטן אי אַנצוהויבן די בלוטיקע שלאַכט קעגן אַנגענומענע אויטאָריטעטן און קעגן דיכטער וואָס זיי, די נייע, האָבן געהאַלטן פאַר פאַרעלטערט. מען האָט מיט גרויס האָפער־דיקייט גענומען אין די הענט אַריין די פען פון דער שאַפונג און די שווערד פון מלחמה כדי צו האַקן קעפּ.

אָבער צו טאָן דאָס אַלצדינג און אין דער יידישער דיכטונג אויפצור־שטעלן דעם בבל־טורעם פון אַ נייער שטורעמדיקער תקופה האָט מען באַ־דאַרפט צו האָבן אַן אייגענעם אָרגאַן. וואָס שייך דער גרויס פון דעם אָרגאַן איז מען דווקא געווען גאָר באַשיידן. נאָך דעם גרויסן טומל — ווען מען האָט איבערגעקוקט די קעמפּנדיקע דיכטער־חיילות — איז עס פאַרט נישט מער געווען ווי אַ בייזער שטורעם מיט ווייניק רעגן. די צאָל איז פאַרט נישט געווען אַזוי גרויס אַז מען זאָל פאַר איר דאַרפן אַ סך דרוק־פּאַפּיר. דערצו — פאַרלאַנגען לידער ווייניק פּלאַץ אויפן פּאַפּיר. ווען דער פּראָזאַאיקער גייט זיך ערשט פאַנאַנדערנעמען די הענט, איז דער דיכטער שוין מיט אַלצדינג און אַלעמען פאַרטיק. בראָדערזאָן און יאַנקל אַדלער האָבן געזען אַז אַ פּאָר אָפּגעדרוקטע זייטלעך מיט לידער און צייכנונגען זענען פולקום גענוג אויף איינצונעמען די וועלט. מען האָט באַשלאָסן אַרויסצוגעבן פּעריאָדישע קליינע זאַמלונגען וואו די נייע דיכטונג און די נייע מאָלעריי וועלן צוזאַמען אויפטרעטן אין ברידער־לעכער פאַראייניקונג.

נישט געקוקט אויף דער שפע פון געלט וואָס די לאָדזשער ווינטן האָבן פון אַלע זייטן אונטערגעטראָגן פאַר אַ טייל לאָדזשער יידן — נישט געקוקט אויף דער שפע פון פּאָעזיע און מאָלעריי וואָס די מוזעס האָבן געוואָרפן איבער לאָדזש — האָבן די מוזעס פונדעסטוועגן ווייניקער פאַרשטענדעניש פאַר געלט ווי עס האָבן, צום ביישפּיל, דער גאָט מאַמאָן און די געטין פאָרטונא. מיט אַלעם האָבן די געטער באַשאָנקען די לאָדזשער רעוואָלוציאָנערע קינסטלער, נאָר נישט מיט קיין געלט. אַלע שווועריקייטן האָבן משה בראָדערזאָן און יאַנקל אַדלער באַוויזן בייצוקומען מיט דער

גרעסטער לייכטקייט — נאָר ניִשט די שוועריקייטן פון דעם ביסל פינאַנצן וואָס מען האָט באַדאַרפט כדי אַרויסצוגעבן די דיכטעריש־מאָלערישע זאַמלונגען.

דאָ האָט זיך געיאַוועט דער ד ר י ט ע ר אין דער פּערזאָן פון מאַקס שידלאָווסקי.

פאַר דער מלחמה איז מאַקס שידלאָווסקי געווען אַ באַשיידענער בוכ־האַלטער אין איינעם פון די לאָדזשער מאַנופאַקטור־געשעפטן, האָט זיך אָפּגעגעבן אַביסל מיט רעוואָלוציע און ליב געהאַט יידישע ליטעראַטור. ווען עס האָט זיך געגרינדעט די „דראַמאַטישע קונסט” איז מאַקס שיד־לאָווסקי געווען איינער פון די ייִנגעלייט וואָס האָבן זיך אַרום איר גע־דרייט. עס האָט אויסגעקוקט, אַז זיין לעבן וועט שוין אַזוי פאַרפליסן אין די גראָע לאָדזשער אומבאַקאַנטקייטן.

דאָ איז אונטערגעקומען די מלחמה. פון דעם מאַנופאַקטור־געשעפט וואו מאַקס שידלאָווסקי איז געווען בוכהאַלטער איז געוואָרן אַ תל ווי פון אַנדערע אַזעלכע מאַנופאַקטור־געשעפטן. מאַקס שידלאָווסקי איז געבליבן אַרבעטלאָז. ער האָט זיך געמוזט לאָזן אויף די שווימענדיקע וואַסערן באַ־גלייך מיט אַלע, וואָס האָבן אָנגעהויבן צו זוכן זייער גורל אין די אומבאַ־קאַנטסטע שטערן.

די וואַסערן פון דער צייט זענען געווען שטורעמדיק אוןווירבלדיק. סירוב פון די שווימער זענען אין זיי דערטרונקען געוואָרן און קיין האָן האָט ניִשט קיין קריי געטאָן. אַ סך אָבער זענען אין אָט די משוגענע שטראָמען גאָר אַרויפגעשוואומען אין דער הויך. זיי האָבן אַליין ניִשט געוואוסט פונ־וואַנען און ווי אַזוי.

אויך מאַקס שידלאָווסקי איז געווען איינער ווען דאָס מזל האָט אָפּגעגאָלטן. פון דעם אַמאָליקן באַשיידענעם בוכהאַלטער איז געוואָרן אַן אויפגעקומענער גביר אין לאָדזש. ער איז נאָך געווען אַ בחור. אין אַמאָליקן לאָדזש איז פאַר אַ בוכהאַלטער שווער געווען צו טאָן אַ שידוך. די שכירות זענען געווען צו קנאַפּ כדי אויסצוהאַלטן אַ פאַמיליע. צוזאַמען מיטן מזל האָט מאַקס שידלאָווסקי באַשלאָסן, אַז ס׳איז ענדלעך פאַר אים געקומען די צייט חתונה צו האָבן.

ווי אַלע אויפגעקומענע האָט ער געזוכט אַ כלה וואָס זאָל אים אַרייַנ־

ברענגען אין שטוב דעם נאָמען און שטאַנד פון די אַמאָליקע גבירים. אין די אַלטע לאָדזשער גבירישע משפחות האָבן שוין די באַלוטער כמעט אומעטום געהאַט אַריינגעשטעקט אַ פוס. מאַקס שידלאָווסקי האָט דאָ געוואָלט מאַכן אַ שפּרונג צוריק צו דער אַלטער וועלט — אַ שפּרונג וועלכן קיינער אַחוץ אים האָט דערווייל נאָך נישט געהאַט געטאָן. נישט מער און נישט ווייניקער האָט ער אויפגעהויבן זיינע אויגן צו די באַרימטע וואַרשעווער פּריוועסעס.

מאַקס שידלאָווסקי האָט געוואוסט נאָך פון פאַר דער מלחמה, וואָסער כבוד עס איז געווען פאַר יעדן חסידישן גביר אין פּוילן זיך משדך צו זיין מיט די פּריוועסעס. צו האָבן אַ פּריוועס אין דער משפחה האָט נישט יעדער אַמאָליקער חסידישער גביר אַזוי לייכט זוכה געווען. אויף אַלעמען האָבן די פּריוועסעס געקוקט פון אויבן אַראָפּ און זיך זייער שווער געוואָלט מישן מיט אַבי־וועלכע גבירישע משפחה. זיי האָבן זייער בלוט געהאַלטן ווי אַלטן גבירישן וויין, וואָס ווען מען מישט אים מיט ביליקערע וויינען גיט ער זיי, די פּחותים, צו אַראָמאַט און חשיבות.

פון אָט אַ דער משפחה פּריוועס האָט מאַקס שידלאָווסקי געוואָלט באַקומען אַ כלה. ער האָט געוואוסט: זיין אַן איידעם פון די פּריוועסעס וועט אים מיטאַמאָל אַרויסהייבן מיט צען קעפּ העכער פון אַלע לאָדזשער אויפגעקומענע גבירים און אים געבן דעם גלאַנץ און דער פּאַטינאַ פון חשובער אַמאָליקייט. פאַר דער מלחמה האָט מאַקס שידלאָווסקי געוואוסט: אַזאַ כלה וואָלט געווען נישט מער סיידן אַ שיינער חלום פון אַן אומבאַקאַנטן בוכהאַלטער. איצט האָבן זיך די צייטן געביטן. היינט זענען די פּריוועסעס כמעט די אייגענע יורדים ווי אַלע אַמאָליקע יידישע גבירים אין פּוילן. די גרויסע אייזן־סקלאַדעס זייערע אויפן גזשיבאָוו זענען היפּש מאָגערלעך געוואָרן. די הייזער זייערע טראָגן גראָשנס. פון די זעקס זין פון ר׳ ישעיה פּריוועס, וואָס זענען געווען ווי די זעקס פּיס פון אַ גאָלדענע שטול (אַ גאָלדענע שטול וואָס האָט אויסגעקוקט צו לייכטן ווי אַן אייביקייט צווישן די גביריש־חסידישע משפחות אין פּוילן) — זענען נישט מער געבליבן ווי פיר. דער בכור ר׳ שמואל לייבעלע און דער פירער פון דער פירמע פּריוועס ר׳ אברהמעלע זענען אין די שווערע מלחמה־יאָרן געשטאָרבן. וואַרשעווער יידן האָבן זיי נאָך געמאַכט שיינע

לוויות. פּאַרט די פּריוועסעס! ר׳ שמואל לייבעלע און ר׳ אברהמעלע ליגן איצט צווישן די זעקס קברים וואָס ר׳ ישעיהוס זין האָבן זיך אָנגעגרייט אַרום ר׳ ישעיהוס קבר אויפן גענשער בית־עולם.

די פיר ג ר ו י ס ע ברידער פּריוועס וואָס זענען איבערגעבליבן האָבן — נישט געקוקט אויף די ביטערע אויפגעקומענע צייטן — פּאַרט מיט אַלע כוחות געהאַלטן דעם אַמאָליקן שטאַנד און נישט געוואָלט זאָגן „פּאַס". ביי זיי איז אויסגעקומען, אַז מיט דער ענדע פון די פּריוועסעס ענדיקט זיך די וועלט. זיי האָבן דעריבער אויף זיך געפילט די שווערע פאַראַנטוואָרטלעכקייט צו האַלטן די משוגע־געוואָרענע וועלט אין איר חשיבות. אמת, די פיר איבערגעבליבענע ברידער פּריוועס האָבן שוין נישט געהאַט דעם אַלטן מוט. אָבער מען האָט זיך געהאַלטן.

צירעלע פּריוועס איז שוין געווען אַ גראָע זקנה. אָבער עס זענען אויף איר געלעגן ווי פאַרוועלקטע בלומען אַלע שפּורן פון איר אַמאָליקער פּריצישער שיינקייט. זי איז געזעסן אינדערהיים אין אירע אַלטע סאַליעס אויפן גזשיבאָוו ווי אַן אויסגעשפּילטע פאַרצייטישע מאַטראָנע. זי האָט נישט געוואָלט אָנקוקן דאָס היינטיקע וואַרשע. אירע קינדער האָבן איר דערציילט וואָס עס טוט זיך היינט אין פוילן און ווער עס זענען די היינטיקע גבירים. זי האָט עס אויפגעהאָרכט ווי אַן אומגלויבלעכע זאַך און איראָניש געשאָקלט מיטן קאָפּ.

זינט פון דער אַלטער גמינע אויף גזשיבאָווסקע איז געוואָרן אַ גייסטי־קער תל און דער „בונד" האָט אַרויפגעזעצט אויף די דאָזאַר־בענקלעך שוסטערס און שניידערס — האָט אלעזר פּריוועס נישט געוואָלט מער אָנ־נעמען דעם דאָזאָר־מאַנדאַט וואָס די „אגודה" האָט אים אונטערגעטראָגן. ער האָט נישט געוואָלט זען מיט די אייגענע אויגן דעם חורבן פון דער וועלט גראָד אויף די בענקלעך וואו זי איז אַמאָל געזעסן אין איר קרוין. ער איז ווייניק אַרויסגעגאַנגען אויפן גאַס. ער איז געוואָרן אַלט און גראָ און קיינעם נישט געענטפערט „גוט מאָרגן" און „גוט שבת", — נישט געקוקט אויף אַלצדינג האָט ער, ווי אין די אַלטע צייטן, געוואָלט אַלעמען ווייזן וואָס עס הייסט פּריוועס. ער איז געגאַנגען און דורך זיינע גרויסע גאָלדענע ברילן בייז געקוקט אויפן גזשיבאָוו.

אלעזר פּריוועס האָט געהאַט פאַרוואָס צו זיין אומעטיק. אויפן הויף

פון די פּריוועסעס האָט מען נישט מער געהערט דאָס אומאויפהערלעכע האַמערן צווישן דעם אייזן־וואַלד. דאָרט וואו עס זענען זינט דורות געלעגן שטויסן מיט אייזערנע בעלקעס, וואַקסט גראָז. אין די סקלאַדעס איז כמעט ווי ליידיק, עס הענגען פון אומעטום אַרום די שפּינוועבסן און עס לויפן אַרום פראַנק און פריי סטאַדעס שוואַרצע מייז. אין דער אייזן־קראָם פוסטעווען די ווענט. מען זעט באַשיימפּערלעך ווי דאָס אַלטע עשרות פון די פּריוועסעס איז כמעט ווי אויסגערונען.

אָנהויבן צו פירן דעם מסחר אויפן אופן ווי עס טוען די אויפגעקו־מענע? ניין! דאָס וועלן די פיר ברידער פּריוועס נישט טאָן. און מעג קומען וואָס עס וויל. זיי וועלן צוואוואַרטן ביז דער רבונו של עולם אַליין וועט זיך דערמאָנען אָן די אַלטע צייטן אין קרוין־פּוילן, און לאָזן צוריק אויפשיינען דאָס גאָלדענע מזל פון דער משפּחה פּריוועס.

די ייִנגערע פּריוועסעס אָבער, די אייניקלעך האָבן נישט געוואָלט וואַרטן ביז עס וועלן זיך אומקערן די אַלטע צייטן. די נייע גבירים, די גרויסע מעגלעכקייטן וואָס פּוילן האָט איצט, ווען מען שפּילט נאָר אין דער פינצטער האָבן דעם ייִנגערן דור פּריוועס אָנגעהויבן צו אימ־פּאָנירן און געוועקט דעם יצר־הרע. עס איז פּאָרט געקומען די צייט אויסצוטאָן די גאָלדענע שטאַנד־יאַרמלקע, צו פאַרלאָזן די הויכענישן וואו עס זענען אַמאָל געשטאַנען די פּריוועסעס און צו טאָן וואָס עס טוען פּשוטע און אַפילו אָרעמע יידן. אַ פּריוועס וויל אויך אַ פרעג טאָן קאָפּ־שלאָג ביים נייעם מזל — אַ מזל וואָס קוקט נישט אויף גבירישן יחוס און גיט גאָלד דווקא אויף אַ משוגענעם און קאַפּריזנעם אופן.

די ערשטע וואָס האָבן זיך אָראָפּגעלאָזט צו די מלחמה־גליקן זענען געווען צוויי זין פון ר׳ אברהמעלע פּריוועס. ביי ר׳ אברהמעלען אין הויז — מחמת ער איז געווען דער געשעפטלעכער פירער פון דער פירמע — האָט מען תמיד געהאָט מער הוש פאַר די ווירקלעכקייטן פון עולם־המעשה ווי אין די איבעריקע הייזער פון די פּריוועסעס. ר׳ אברהמעלע האָט שוין מער נישט געלעבט. דער עול פון דעם משפּחה־שטאַנד האָט אין זיין הויז אַ ביסל נאָכגעלאָזט. מען האָט געוואָלט אַ פּרוּוו טאָן די זיסקייטן פון די נייע צייטן. דער ייִנגערער נפתלי איז גאָר אַ פּאָר געטאָן צו דעם קאָכעדיקן לאָדזש און זיך דאָרט אָוועקגעשטעלט ביים שפּיל־טיש

פון דער וועלט. עס איז אים באַלד אָפּגעגאַלטן. מען האָט באַלד געהערט אַז נפתלין הויבן אָן צו וואַקסן די גאָלדענע פעדערן און ער סמאַליעט אַ וועלט!

דער בכור פון ר' אברהמעלע פריוועס האָט געהייסן איטשע. זיין מאַמע איז געווען פון די גבירים אין ראַסיי און ער האָט זיך דעריבער גע־רופן אויפן ברייטן רוסישן שטייגער, איטשע אַבראַמאָוויטש. ווען די פירמע פריוועס איז נאָך געווען אַ פעטע שיסל, האָט איטשע ווי אַלע פריוועסעס געאַרבעט אין דער באַרימטער אייזנקראָם. אין דער מלחמה־צייט האָט ער געזען אַז ביי די פריוועסעס הויבט עס אָן צו גיין מיט דער פוטער אַראָפּ. די „גרויסע ברידער" ווילן נישט רירן מיט קיין פינגער צו טאָן וואָס מען דאַרף צו טאָן אין די היינטיקע צייטן. די וועלט האָט זיך איבערגעדרייט די קאַפּאָטע און די אַלטע ברידער פריוועס שטייען ביי פוסטע ווינט־מילן און וואַרטן, אַז די אַלטע וועלט וועט זיך אומקערן.

איטשע אַבראַמאָוויטש האָט זיך גאָר מיישב געווען און זיך אַליין אָפּ־געטראָגן פון דער „פעטער שיסל", וואָס ווערט וואָס אַמאָל שיטערער און מען זעט שוין איר דנאָ. ער האָט אויף זיין אייגענעם חשבון אָנ־געהויבן צו האַנדלען מיט אייזן און מיט בלעך. ער האָט געפירט זיינע מסחרים אויף דעם אופן ווי עס פאָדערן די נייע מלחמה־צייטן. איטשע אַבראַמאָוויטש האָט עס נישט געטאָן אויף אַזאַ רווישיקן אופן ווי זיין ברודער נפתלי. נפתלי האָט געוואָרפן און געטראַמייטערט אַרום זיך פון זיינע גרויסע דערפאָלגן. ער האָט געוואָלט, אַז פוילן זאָל ווידער אויפ־ציטערן פון דעם נאָמען פריוועס. איטשע אַבראַמאָוויטש איז געוויען אַ געלאַסענער און אַ „הצנע לכת" און האָט נישט געוואָלט אַז די גלאָקן זאָלן קלינגען. ער האָט געוואָלט שווימען שטילער — דערפאַר זיך איינגעזונקען טיפער און נעמען אויף זיך לייב. זאָל פוילן דערווייל נישט ווייסן. פוילן קאָן אַ ביסעלע צו־וואַרטן ביז דער נייער פריוועס וועט ווי אַ פעט פישעלע אַרויפקומען אויף דער אויבערפלאַך פון די נייע צייטן. איטשע אַבראַמאָוויטש האָט נישט געוואָלט פאַרלאָזן דעם גזשיבאָוו און האָט זיך אויפגעעפנט אַן אייזן־קראָם האַרט לעבן דער קראָם פון דער אַלטער חשובער פירמע. און טאַקע אין די הייזער פון די פריוועסעס. מען האָט באַשיימפערלעך געזען ווי עס בייטן זיך די צייטן. די פאַליצעס

און די סקלאַדעס פון דער אַלטער חשובער פירמע „ר׳ ישעיה פריוועס“ זענען געוואָרן פוסטער און פוסטער. ביי איטשע אַבראַמאָוויטשן אויף די פּאָליצעס איז די שפע געוואָקסן אַ שטילע און אָן איינרייסעניש. איטשע אַבראַמאָוויטש האָט געהאַט צייט און האָט נישט אויפגעהערט צו גלויבן אין דעם אַלטן גזשיבאָוו. נאָר ער איז געגאַנגען פּאַמעלעכל. פּאַמעלעכל האָט איטשע אַבראַמאָוויטש שטיל און רואיק געשמייכלט און געקוקט אויף זיין אייזן־קראָם. די וועלט האָט צייט זיך צו דערוויסן וועגן פון די פריוועסעס האָט זיך צוריק אַרויפגעכאַפּט אויפן גאָלדענעם לאָשיקל.

קאַפּיטל פינף און צוואַנציק

פּעלאַ האָט ליב פּאָעזיע. זי זיצט צוזאַמען מיטן מוזיק־לערער און קוקט זיך צו ווי די לבֿנה שפּאַצירט ביינאַכט איבער וואַרשעווער דעכער. איטשע אַבראַ־מאָוויטש זוכט שידוכים און שדכנים ברענגען אים מאַקס שידלאָווסקין. דאָס אייז פּלאַצט און מאַקס שיד־לאָווסקי דערגרייכט צו אַ כּלה פון די פּריוועסעס.

איטשע אַבראַמאָוויטש האָט געהאַט צוויי זין און איין טאָכטער. זעלטן־ווען געראָטן זין אַרייַן אין אַ טאַטן ווי די זין פון איטשע אַבראַ־מאָוויטש. צוויי טראָפּן וואַסער. זיי האָבן אין אים אַריינגעראָטן אין זייער פיזיאָנאָמיע און אין זייער גייסט. הגם זיי זענען נאָך געווען גאָר יינגע בחורים און זיך אַ סך איינגערעדט מיט די פּריוועסעס — פונדעסט־וועגן האָבן זיי געוואוסט, אַז פּריוועסעס אָן געלט זענען נישט מער ווי אַן אַלטער צעשאָטענער סידור, — און אַז דער עיקר אין דער וועלט איז נייערט די קיילעכדיקע מטבע. מען דאַרף אַלצדינג טאָן כּדי מען זאָל פון איר וואָס מער האָבן אין די טאַשן. ווי דער טאַטע איטשע אַבראַמאָוויטש האָבן זיי אויך געהאַלטן, אַז עס איז נישט נויטיק דערביי צו רייסן אין אַלע גלאָקן. די מטבע האָט ליב מען זאָל זי זאַמלען אין דער שטיל. אַלצ־דינג וואָס מען טוט איז בעסער צו טאָן אין דער שטיל. אַזוי האָבן גע־טראַכט דער טאַטע און די צוויי זין. זיי האָבן געהייסן מאָניעק און שאַיע.

דערפאַר האָט איטשע אַבראַמאָוויטש געהאַט זיין אייגנס נישט מער ווי איין טאָכטער — פּעלאַ מיטן נאָמען. זי איז געווען אַ קליינע, אַ דריב־נע און אַ באַחנטע, מיט גרויסע בלויע אויגן און מיט העלע פלאַקס־צעפּ

ווי אַ פּויליש שיקסל. עס האָט כמעט ווי אויסגעקוקט, אַז פעלאַ פּאַסט זיך גאָר נישט אַריין אין אַ שטוב וואו די קעפּ פון אַלעמען טראַכטן נישט מער סיידן פון געלט און מסחר. פעלאַ האָט גראָד ליב געהאַט צו לייענען ביכער און אַפילו פּאָעזיע. זי האָט האָלט געהאַט צו גיין אויף קאָנצערטן, און זיך געוואָלט לערנען שפּילן קלאַוויר.

הגם איטשע אַבראַמאָוויטש האָט נישט געהאַט קיין פאַרשטענדעניש און קיין גרויס דרך־ארץ פאַר אָט די אַלע נאַרישקייטן — פונדעסטוועגן האָט ער פאַרשטאַנען אַז אַ שיין מיידל, איידער זי האָט חתונה, מוז זי מיטמאַכן די היינטצייטיקע מיידלשע מאָדעס און זיין אַ קאַפּעטשקע ראָמאַנטיש. ער האָט פאַר פעלאַן געקויפט אַ קלאַוויר און איר צוגענומען אַ מוזיק־לערער, אַ יינגערמאַן וואָס איז נאָך געווען עפּעס ווי אַ פּאָעטיש רעקוויזיט פון דער פאַרגאַנגענער פאַר־מלחמה־צייט. דער מוזיק־לערער איז געווען אַ הויכער, אַ שלאַנקער, מיט לאַנגע בלאָנדע האָר, מיט אָפענע בלאָע אויגן, און מיט לאַנגע אויסגעצויגענע פינגער וואָס האָבן אויסגעקוקט ווי כסדר אַרום צו טאַפּן אויף די קלאַווישן פון אַ קלאַוויר. פאַר פעלאַן איז דער דאָזיקער יינגערמאַן אויסגעקומען ווי ער וואָלט אַ לעבעדיקער אַרויסגעקראָכן פון אַ ראָמאַן צי גאָר פון אַ ביכל פּאָעזיע. ס'איז גוט צוזאַמען מיט אים צו זיצן און צו קוקן ווי אַזוי די לבנה שפּאַצירט ביינאַכט איבער די ביימער. אַזוי ווי דער לערער האָט געהאַט שוואַכע לונגען, אַ בלאַס קרענקלעך פּנים און איז געווען אַ שטיקל הוסטער—האָט עס אים גאָר צוגעגעבן די זיבן פּאָעטישע חנען. פעלאַ האָט זיך אין אים „שטערבלעך" און „פּאָעטיש" פאַרליבט.

איטשע אַבראַמאָוויטש איז געווען אַ צו ניכטערער און פּראַקטישער מענטש כדי נישט צו וויסן אַז די דאָזיקע ראָמאַנטישע ליבענישן זענען נישט ווערט קיין שמעק־טאַבאַק. ער האָט דעריבער פעלאַן ווייטער געלאָזט לערנען קלאַוויר ביי דעם פאַרחלומטן שלימזל און אים נישט אַראָפּגעוואָרפן פון אַלע טרעפּ. אין דער שטיל און זייער פאַרזיכטיק האָט ער זיך אַרומגעקוקט צווישן די נייע אויפגעקומענע גבירים אין פּוילן כדי דאָרט צו באַקומען אַ רייכן און לייטישן חתן. איטשע אַבראַמאָוויטש האָט געוואוסט אַז ער האָט אַ סך צו פאַרקויפן. ערשטנס, זיין אייגן גבירות־שאַפט וואָס וואַקסט און וואַקסט קיין עין־הרע אין דער פינצטער, צווייטנס,

דעם אַלטן יחוס פון די פּריוועסעס. הגם וואָס שייך די היינטיקע גע־שעפטן איז אַט דער יחוס נישט ווערט קיין האַרטן דרייער, — אָבער ער איז פּאָרט אַ גלאַנציק ווערימל. ווען מען הענגט עס אָן אויף דער ווענדקע קאָן מען אויף איר כאַפּן די פעטסטע קאַרפּן פון די היינטיקע אַדירים.

עס זענען נישט פאַראַנען קיין יידן מיט שאַרפערע נעז ווי שדכנים. אַט די נעז האָבן אָנגעהויבן אַרומצושמעקן איבער פּוילן.

צוזאַמען מיט די אַלטע גבירים זענען אויך פאַרשוואונדן די אַמאָ־ליקע שדכנים. מן־הסתם זענען די באַרימטסטע שדכנים אין פּוילן אַוועק־געשטאָרבן פון הונגער אין דער מלחמה־צייט. זיי האָבן נאָר געקאָנט לעבן און וועבן אין די שפּעדיקע שאָטנס פון די אַמאָליקע יידישע דעמ־בעס אין פּוילן. ווען די דעמבעס זענען געוואָרן איינגעטריקנט צי גאָר אַוועקגעפאַלן אונטער דער האַק פון די נייע באַדינגונגען, זענען זיי, די אַמאָליקע שדכנים, אויך אַוועקגעפאַלן. זיי זענען געווען ווי די געוויקסן וואָס האָבן געקאָנט לעבן און גדייען נאָר אין אַ באַשטימטער סביבה און אין באַשטימטע באַדינגונגען. ביי די פּיפּיקסטע אַמאָליקע שדכנים, — אַפילו ביי די יעניקע וואָס האָבן געקאָנט צונויפפירן אַ וואַנט מיט אַ וואַנט — וואָלטן זיך אַלע האָר אויפן קאָפּ געשטעלט קאַפּויער ביים טראַכטן פון דער בלויזער מעגלעכקייט אַז אַ פּראָסטער בוכהאַלטער קאָן אַריינ־חתונה־האָבן אין דער משפחה פּריוועס.

ס'זענען אויפגעקומען אויף די פּוילישע פּליינען נייע נעמען פון שדכנים. יידן וואָס זענען נישט איבערראַשט געוואָרן פון אַלע מעגלעכ־קייטן. האָפערדיקע ווייטזיכטיקע יידן־שדכנים וואָס האָבן זיך אינגאַנצן צוגעפּאַסט צו דער נייער צייט און האָבן געוואוסט: מען מוז אַוועק־וואַרפן אַלע אַלטע פאָראורטיילן און אָנהויבן דאַווענען פון גאָר אַן אַנ־דערן שדכנישן סידור. אַלץ האָט זיך איצטער צונויפגעמישט אין איין קאַשע. נישטאָ קיין מיוחסים. יעדער פּאַסט פאַר יעדן. אַבי מען זיצט נאָר אויפן פערדל. זיי האָבן באַלד דערזען אַז מאַקס שידלאָווסקי פון לאָדזש איז דער בעסטער שידוך, פאַר איטשע אַבראַמאָוויטש פּריוועס.

דער שידוך מיט פעלאַן איז אָנגעשלאָגן געוואָרן סיי מאַקס שידלאָוו־סקין אין לאָדזש און סיי איטשע אַבראַמאָוויטשן אויפן גזשיבאָוו. מאַקס שידלאָווסקי האָט געברענט ווי אויף הייסע קוילן. עס איז ווייניק צו זאָגן,

קפריסין. נומער איינס: די פריוועסעס, און נומער צוויי אַ שיינע כלה. די שדכנים האָבן אים געברענגט פּעלאָס פאָטאָגראַפיע. מאַקס שידלאָווסקי האָט באַקומען וואַסער אין מויל: נישט בלויז אַ שיין מיידל, נאָר אַ מיידל מיט ראָמאַנען און קלאַוויר. ער וועט די לאָדזשער אויפגעקומענע ווייזן ווער עס איז עלטער, און זיי וועלן פּלאַצן פון קנאה. זיי לויפן אויף די לאָדזשער אַלטע אָפּגעקומענע גבירים פון דער פּיעטרקאָווער גאַס. קיינער פון די נייע האָט נישט געהאַט קיין מוט און קיין שכל אויסצושטרעקן אַ האַנט נאָך די פריוועסעס! מאַקס שידלאָווסקי האָט שוין געוואָלט האַקן טעלער. איטשע אַבראַמאָוויטש האָט ווי תמיד געהאַט צייט. ער איז גע־וואויר געוואָרן יעדעס פּיצעלע וואָס שייך מאַקס שידלאָווסקיס מסחרים. אַזוי ווי איטשע אַבראַמאָוויטש איז בטבע געווען אַ קנאַפּער בעל־מאמין האָט ער געשיקט ספּעציעל אַ מענטש קיין לאָדזש נאָכצופרעגן און נאָכ־צוקוקן, צי איז טאַקע מאַקס שידלאָווסקי אַזאַ גביר ווי יידן זאָגן. ער האָט דאָס עפּעלע פון די פריוועסעס געוואָלט פאַרקויפן פאַר טייער געלט.

מאַקס שידלאָווסקי איז דערוויל געזעסן אויף הייסע קוילן, באַקוקט פּעלאָס פאָטאָגראַפיע און געוואַרט. ענדלעך האָט ער זיך דערוואַרט. מען האָט אים געהייסן קומען קיין וואַרשע אויף דעם ערשטן וויזיט ביי די פריוועסעס און אויף דער ערשטער זעאונג מיט דער כלה. ווען מאַקס שידלאָווסקי איז אַרויפגעקומען אויפן גזשיבאָוו צו איטשע אַבראַמאָ־וויטשן אין דירה האָט מען אים נאָכגעטראָגן אַ גאַנצן סאָד מיט די טייער־סטע בלומען.

איטשע אַבראַמאָוויטש האָט אים העפלעך אָבער קאַלט אויפגענומען און אים דערלאַנגט בלויז די שפּיץ פינגער. ער האָט געוואָלט מאַקס שידלאָווסקין געבן טועם צו זיין וואָס עס הייסט פריוועס, און מען מוז דערפאַר גוט באַצאָלן. פריווע, איטשע אַבראַמאָוויטשעס וויב, די לייב־לעכע טאָכטער פון שמואל לייב פריוועסן — ד. ה. אויסגעטונקט און אויסגעבאָדן אין די פריוועסעס — האָט ווי אַ בלייכע מאַטראָנע באַקוקט מאַקס שידלאָווסקין מיטן לאָרניאָן און זיך קוים צו אים אויסגעשמייכלט. מאַקס שידלאָווסקי איז געבליבן שטיין מיטן סאָד בלומען אינמיטן דער שטוב און געפינטלט מיט די אויגן.

פאַמעלעכל פאַמעלעכל איז דאָס אייז געפּלאַצט. מען האָט אָנגע־

הויבן צו ווערן צו מאַקסן פּריינטלעכער. איטשע אַבראַמאָוויטש האָט נישט ליב געהאַט קיין סך פּוסטע סענטימענטאַלע דיבורים מיט וועלכע פּריווע פּריוועס האָט אָנגעהויבן דעם שמועס — ער איז באַלד אַריבער־געגאַנגען אויף מסחר. איידער מען וועט ברעכן טעלער און ער וועט אַוועקגעבן זיין איינציקע טאָכטער, האָט ער נאָך אַמאָל געוואָלט גוט אויסטאַפּן מאַקס שידלאָווסקין און זען ווי עס האַלט מיט אים אין גע־שעפטן. איטשע אַבראַמאָוויטש האָט זיך אויך פּאַמעלעך צעוואַרעמט און אָנגעהויבן צו ווערן צו אים פּריינטלעכער. ער האָט אַפילו אַרויסגענומען זיין גאָלדענע בייכיקע פּאַפּיראָסן־טאַש און מכבד געווען מאַקסן מיט אַ פּאַפּיראָס פון זיינע פּערזענלעכע פּאַפּיראָסן. איטשע אַבראַמאָוויטש האָט געהאַלטן, אַז דערמיט טוט ער אָן דעם לאָדזשער גביר אַ גרויסן כבוד. מאַקס שידלאָווסקי האָט עס איידער נישט געוואוסט אָפּצושאַצן און נישט געוואוסט קיין חילוק צווישן דעם וואָס מען באַקומט אַ פּאַפּיראָס פון איטשעס פּערזענלעכער פּושקע, צי מען נעמט פון די פּאַפּיראָסן וואָס שטייען אויפן טיש פון כיבוד־וועגן. אַ בוכהאַלטער האָט פּאַרט נישט גע־קאָנט אַזוי לייכט באַנעמען די שפּיציקע איידלקייטן פון דער פּריוועסישער עטיקעטע.

באַלד איז אַריינגעקומען פּעלאַ.

מאַקס שידלאָווסקין איז ממש דאָס מויל פול געוואָרן מיט וואַסער ווען ער האָט דערזען דאָס בלאָנדע דריבנע מיידעלע, וואָס איז אַריינגע־קומען. זי האָט געטראָגן אַ לייכט עלעגאַנט און טונקל קלייד, און די בלאָנדע פלאַקס־צעפּ זענען איר געווען פאַרפלאָכטן אַרום דעם ווינציקן קעפּל. פּעלאַ האָט געזען דעם סאָד מיט בלומען וואָס איז געבערענגט געוואָרן לכבוד איר, ווי אויך די גרויסע בריליאַנטענע שפּילקע אין דעם ברייטן זיידענעם קראַוואַט פון מאַקס שידלאָווסקי. זי האָט אַ שמייכל געטאָן און באַלד געוואָרן היימיש. מען האָט גערעדט פּויליש. מאַקס שידלאָווסקי האָט גערעדט אַ שלעכטן און גרייזיקן פּויליש. סיי פּריווע פּריוועס און סיי פּעלאַ האָבן זיך געמאַכט עס נישט צו באַמערקן. מאַקס שידלאָווסקי איז באַלד אַריבערגעגאַנגען פון מסחר אויף שמועסן וועגן קונסט און ליטעראַטור און דערציילט פון די נייע שטרעמונגען אין לאָדזש, און אַז זיינע בעסטע פריינט זענען משה בראָדערזאָן און יאַנקל אַדלער. וויבאַלד

ער וועט נאָר חתונה האָבן וועט ער זיך קויפן אַ פּאַלאַצל ביי אַן אָפּגעקו־
מענעם גביר און דאָרט ביי זיך איינאָרדענען אַ ליטעראַרישן און קינסט־
לערישן סאַלאָן.

איטשע אַבראַמאָוויטש האָט ביטולדיק אַ שמייכל געטאָן און גענומען
אַ פּאַפּיראָס פון זיינע פּערזענלעכע פּאַפּיראָסן אין דער גאָלדענער פּושקע.
מאַקס שידלאָווסקי האָט געררויכערט פון די פּאַפּיראָסן וואָס זענען גע־
שטאַנען אויפן טיש פון כיבוד־וועגן. פּריווע פּריוועס האָט זיך צוגעהערט
ווי אַ שלאָפנדיקע מאַטראָנע. פּעלאָס אויגן האָבן געגלאַנצט.

קאַפּיטל זעקס און צוואַנציק

מאַקס שידלאָווסקי האַלט וואָרט. שמחה וששון לכבוד די כלה און דעם חתן. אין די גרויסע „שבע ברכות" ווערט געבוירן „יינג־יידיש".

נאָך דער חתונה אין וואַרשע האָט מאַקס שידלאָווסקי געהאַלטן זיין וואָרט צו פעלאַן. ווען ער האָט זי אַראָפּגעבראַכט קיין לאָדזש האָט ער שוין געהאַט געדונגען אַ ברחבותדיקע דירה אין אַן איינשטאָקיק הייזל אויף דלוגאַ גאַס. דאָס הייזל האָט אויסגעקוקט עפּעס ווי האַלב געשעפטס־קאַנטאָר און האַלב פּאַלאַץ. מען וואָלט בשום אופן נישט געקאָנט וויסן צי דאָס איז טאַקע אַ פּאַלאַץ, ווען די אונטערשטע פענצטער וואָלטן נישט געווען אַרויסגעגאַנגען אויף עפּעס אַזוינס ווי אַ קליינער גאָרטן. ס'האָבן דאָרט געוואַקסן עטלעכע ביימער, וואָס מען האָט פאַרגעסן אונטערצוהאַקן בעת לאָדזש האָט זיך פאַנאַנדערגעמויערט און ס'איז דאָרט געשטאַנען אַ האַלב־צעלייגטע אַלטאַנקע.

בעת פעלאַ איז געקומען קיין לאָדזש האָט איר גליק נישט געהאַט קיין שיעור. אין איר פּאָטער־הויז האָט נישט געהאַנגען קיין שום בילד, אַחוץ עטלעכע סידורים און מחזורים און אַ חומשל האָט מען דאָרט נישט אַנגעזען אויף די אויגן קיין שום ספר צי אַן אַנדער בלעטל שמות. איטשע אַבראַמאָוויטש האָט געהאַט אַ ווידערווילן צו יעדער גייסטיקייט. דאָ האָט זי מאַקס שידלאָווסקי אַריינגעבראַכט אין אַ דירה וואָס אַחוץ די שפּאָגל־נייע גלאַנציקע מעבלען, זענען די ווענט געווען באַצירט מיט אַ סעריע בילדער, ווי אויך מיט אַלערליי זיידענע טיכער באַמאָלטע פון יאַנקל אַדלערן מיט אַ סך אידישן חן און נוסח.

אויפדערנאַכט האָט מאַקס שידלאָווסקי געמאַכט אַ קבלת־פּנים פאַר די יידישע קינסטלער פון לאָדזש מיט יאַנקל אַדלערן און משה בראָדערזאָנען בראש. פעלאַ איז דאָס ערשטע מאָל אין איר לעבן געווען אין דער מסיבה פון יידישע קינסטלער. נאָך דער קאַלטער און כסדר אין געשעפטן פאַרטועַנער שטוב פון איר פאָטער־הויז איז עס פאַר איר געווען אַ געוואַלטיקע אַטראַקציע. זי האָט זיך געפילט יינגער און לעבעדיקער צווישן די וואַגאַבונדן פון די מוזעס. לאָדזשער קינסטלער האָבן זייער גוט געקאָנט צוזאַמען פאַרברענגען. נאָך דערצו אין דער געזעלשאַפט פון אַזאַ שיינער עלעגאַנטער פרוי ווי פעלאַ. זיי האָבן אַלצדינג געטאָן כדי איר צו אימפּאָנירן. משה בראָדערזאָן האָט ביד־רחבה אימפּראָוויזירט גראַמען לכבוד די חנען פון פעלאַן. איטשל ברוינער האָט אימיטירט פאַרשיידענע פאַרשוינען און דערציילט מעשיות וועגן אַלערליי הינט. יאַנקל אַדלער האָט זיך געמאַכט רעדן ספרדיש לשון־קודש, הגם ער האָט פאַרשטאַנען העברעאיש ווייניקער ווי אַ טערק. מען האָט געזונגען יידישע פאָלקס־לידער און געמאַכט אַ חסידיש רקודל.

כאָור איז דער עולם געוואָרן ערנסטער. מען האָט באַשלאָסן אַרויסצוגעבן אַ ליטעראַריש־מאָלערישן זשורנאַל אונטערן נאָמען „יינג יידיש". מען האָט געוואָלט פאַרפיקסירן די רעוואָלוציע אין דער יידישער דיכטונג, און דעם קאַמף מיט די א. ג. „קלאַסיקער" אָנהויבן מיט נייעם אימפּעט. דער מעצענאַט פון זשורנאַל איז געווען מאַקס שידלאָווסקי, פאַר דער לייענענדיקער עפנטלעכקייט איז עס אָבער געווען פעלאַ. זי האָט טאַקע פיגורירט ווי די אַרויסגעבערין פון „יינג יידיש". איר נאָמען אויף פויליש „פעליציאַ שידלאָווסקאַ" איז שוואַרץ אויף ווייס געווען געדרוקט אונטערן לעצטן זייטל פונם זשורנאַל „יינג יידיש".

קאַפּיטל זיבן און צוואַנציק

מיט גאָלדענע האַרפּעס און מיט שטאָלענע שווערדן.
גיי און זיי אַ חכם ווען די מוזעס רעדן קוידערוועלש!
אין לאָדזש ווערט געשריבן דער צווייטער פּאָסט.
אויף טלאָמאַצקע דרייצן שטייט דער לייב פון יהודה
צווישן ציגעלעך און פּיפּערנאָטערס און דערלאַנגט
וואַרשע דעם פאַרניכטנדיקן קלאַפּ.

„יונג יידיש״ איז געווען געדרוקט אויף אַ גראָבלעך דיק פּאַק־פּאַפּיר. דאָס פּראָלעטאַרישע פּאַק־פּאַפּיר האָט דעם אויסטערלישן אינהאַלט צו־געגעבן אַן אויסטערלישע בונטאַרישקייט. ווען מען האָט נאָר בלויז אַ קוק געטאָן אויפן זשורנאַל פון אויסנווייניק האָט מען שוין געזען: די מוזעס זענען דערצערנט! זיי ציען אַרויס אויפן שלאַכט־פעלד אי מיט גאָלדענע האַרפּעס און אי מיט שטאָלענע שווערדן.

בראָדערזאָן האָט מיטגעבראַכט פון מאָסקווע די נייע יידישע אָרטאָ־גראַפיע און עס דוכט זיך מיר — אַז ער האָט זי אין „יונג יידיש״ דער ערשטער אַריינגעפירט אויף דער פּוילישער ערד.

אין „יונג יידיש״ זענען ס׳רוב געדרוקט געוואָרן לידער. אין די עטלעכע נומערן וואָס זענען דערשינען איז פּראָזע נאָר געווען אַ זעלטע־נער צופאַל. מען האָט זי אַריינגענומען צווישן די רעוואָלוציאָנערע פּאָעטן ווי אַן אָרעמע קליינשטעטלדיקע קרובה. איידל גערעדט: זענען דאָרט געווען אַ היפּש ביסל שלעכטע און אַפילו פּשוט אומזיניקע לידער. אַזוי גייט שוין דאָס רעדעלע פון דער וועלט! אין רעוואָלוציעס קוקט מען נישט אויף דער קוואַליטעט. אָבי דער ווילן איז נאָר אַ קעמפערישער.

„יינג יידיש“ איז אַרויס מיט האַפּערדיקער אויטאָריטעט און מיט פּיל צאָרנדיקער לופט אין די פּויסטן. מענטשן האָבן גאָר מורא געהאַט צו זאָגן זייער מיינונג. מען וואָלט געגאָלטן ווי אַ רעאַקציאָנער. וואָס הייסט זיך האַלטן ביים אַלטן באַנאַלן געשמאַק ווען די מוזעס האָבן זיך איבערגעדרייט די קאַפּאָטעס און רעדן קוידערוועלש? בראָדערזאָנס אַנזען איז געוואַקסן ווי אויף הייוון. עס האָט באַשיימפּערלעך געגומען אויסקוקן: אַלע יידישע שרייבער, — בפרט די יעניקע וואָס קאָנען נאָר שרייבן לויטן אַלטן סידור — וועלן מוזן קריכן אין די לעכער און דאָרט וואַרטן אויף די געגאָדן און סמיכות פון בראָדערזאָנס הענט.

וואַרשע האָט אָנגעהויבן אויסצוזען לגבי לאָדזש ווי אַ פּאַרצייטישע אָפּגעקומענע באָבע.

דערווייל האָט בראָדערזאָן געדיכטעט אויף טיש און אויף בענק, און דער עולם איז געשטאַנען אָן די היטלען און באַוואונדערט. ער איז ממש געשטאַנען איבער יעדער קריטיק. פּלוצעם האָט ער אָנגעהויבן אַרויסצוגעבן פּיצינקע ביכלעך מיט „דראַמאַלעטן“ און אַליין געצייכנט די הילעס. דער עולם האָט באַוואונדערט די טאַלאַנטן וואָס וואַקסן אויף בראָדערזאָנס מוזע ווי שוואָמען נאָך אַ רעגן. ענדלעך איז געקומען דער גרויסער קנאַק, וואָס האָט ביי פּריינט און שונאים אָפּגענומען דאָס לשון.

משה בראָדערזאָן האָט אָנגעשריבן אַ מיסטעריע אונטערן נאָמען „תחית המתים“.

איך קאָן נישט צווישן יידישע שרייבער נאָך עמעצן וואָס האָט אַזוי ווייניק צו טאָן מיט מיסטיק ווי משה בראָדערזאָן. ביי דעם גאַנצן גע־קלימפּער פון זיין דיכטונג איז ער זייער ניכטער און עס פעלט אים יעדער וויזיאָנערישער שוואונג. די גראַמען האַלטן אים געפאַנגען ווי אין קייטן. גראַמען — דאָס איז דער אַלף און תו פון זיינע לידער. און דווקא נישט קיין ריטמישע און מוזיקאַלישע גראַמען. בראָדערזאָן קאָן אַ סך יידיש לשון, דאָס הייסט, אַ סך גערעדעניש אויף יידיש, אָבער ער קאָן גאָר ווייניק יידישע שפּראַך, דאָס הייסט, יידישן ריטם אין דעם בילד פון יידישער שפּראַך.

אויך אין דער מיסטעריע „תחית המתים" איז עס אים געגאַנגען נייערט אין שיטן מיט אויפגעבלאָזענע און קאָמבינירטע גראַמען. דאָס איבעריקע איז געווען אַ פּראָזעאָלאָגיש געפּלאָנטער פון גערדאַנקען און געדאַנקלעכע אָפּשרעקענישן. אין ענינים פון אמתער מחשבה איז בראָדערזאָן גאָר נישט געווען אינדערהיים. אים האָט געפעלט יעדע פאַרשטענדעניש און יעדע אינערלעכע באַציאונג צו די טיפערע פּראָבלעמען פון דער וועלט. עס מאַכט נישט אויס. אין די יינג־יידישיסטישע קרייזן איז אַדורכ־געגאַנגען אַ ציטער אין די לענדן. עס האָט געהייסן: אין דער יידישער דיכ־טונג האָט משה בראָדערזאָן בין מנחה למעריב אויפגעשריבן דעם צווייטן „פאַוסט".

מיט אַזאַ „פאַוסט" האָט מען ווארשע געקאָנט געבן דעם פאַרניכטנדיקן קלאַפּ און אויסרופן איבערן יידיש־ליטעראַרישן פוילן די דיקטאַטור פון משה בראָדערזאָן און זיינע פּאָעטן. דעם „תחית המתים" האָט משה בראָדערזאָן געזאָלט פאַרלייענען אין ווארשע אין עפנטלעכן זאַל פון יידישן ליטעראַטן־פאַראיין אויף טלאָמאַצקע 13. עס רעדט זיך אַזוי, סתם פאַרלייענען! עס האָט געהייסן: אין זיין טריאומף־וואָגן וועט דאָ משה בראָדערזאָן אַריבערפאָרן איבער די קעפּ פון זיינע אָפּענע אָנהענגער און שטילע קעגנער.

לכבוד דער פייערלעכער פאָרלעזונג האָט יאַנקל אַדלער אויסגע־האַנגען דעם זאַל פון ליטעראַטן־פאַראיין מיט דעם גאַנצן רעקוויזיט פון „יינג־יידישיסטישער" מאָלעריי. אויף די ווענט זענען אַרומגעשפּרונ־גען ציגעלעך, הערשעלעך און פיפערנאָטערס. אַלערליי אויסגעקרומטע יידן האָבן געדאַווענט מנחה. מגושמדיקע יידישע זעלנער, האַלב־מענטש האַלב־קלאָץ, האָבן געלייגט תפילין. דער בעל־שם און בודאַ אין טיפן שרייענדיקן רויט, זענען געווען געמאָלן צוזאַמען אויף איין פּאָרטרעט ווי לייבלעכע מחותנים. עס זענען געקומען אַלע ווארשעווער יידישע שריי־בער, ובתוכם דוד פרישמאַן. אינמיטן די שטימונגספולע דעקאָרירטע ווענט האָט יאַנקל אַדלער געהאַלטן די דערעפענונגס־רעדע און אָנגערופן משה בראָדערזאָנען דער פּרינץ אין דער יידישער דיכטונג. משה בראָ־דערזאָן איז געגאַנגען אָנגעטאָן אין זיין פולער דיכטערישער הלבשה

און געלייענט די מיסטעריע „תחית המתים״. אַלע האָבן מורא געהאַט אויסצורעדן אַ וואָרט. מען האָט באַשיימפּערלעך געזען: אויף טלאָמאַצקע 13 אינמיטן צווישן די וואַרשעווער יידישע שרייבער שטייט דאָ נישט קיין קלענערער ווי דער לייב פון יהודה.

קאַפּיטל אַכט און צוואַנציק

די יידישע געשיכטע חזרט כסדר איבער אירע מאָטיוון. די פאַרהאַנגען הויבן זיך אויף און עס באַווייזט זיך דאָס יידישע אַמעריקע. די יידישע ליטעראַטור אויף די וויטעניישן פון יידישער געשיכטע.

נאָך פּרצעס טויט האָט די יידישע ליטעראַטור פאַרלוירן איר צענטראַלע פיגור און איר באַדייטנדיקסטן אויטאָריטעט. די אַנדערע צענטערן פון יידישער ליטעראַטור אַחוץ פּוילן, האָבן דעריבער באַקומען מער זעלבשטענדיקייט און מער אינערלעכע פרייהייט אין דעם אופן פון זייער אַנטוויקלונג. ס'איז מער נישט געווען די פּערזאָן צו וועלכער יעדער יידישער שרייבער האָט געמוזט אויפהויבן די אויגן און לוישן זיין מיינונג. דערצו האָט די מלחמה פאַנאַנדערגעריסן דעם קאָנטאַקט צווישן די אַלערליי יידיש־ליטעראַרישע צענטערן אויף דער זייט און יענער זייט ים. יעדער צענטער האָט אָנגעהויבן צו גיין זיין אייגענעם וועג אין דעם געמיינזאַמען וועג פון דער יידישער ליטעראַטור.

אַ מעטאַפיזיקער קאָן גריילעך באַהויפּטן: דעם גרעסטן צענטער פון יידישער שעפערישקייט, נעמלעך דעם ישוב פון יידן אין פּוילן, איז באַשערט געווען נישט מער ווי נאָך עטלעכע צענדליק יאָר עקזיסטענץ. פאַר יידן אין פּוילן האָט שוין די צוקונפט געהאָט צוגעגרייט דעם טאָטאַלן חורבן. די געשיכטע האָט דעריבער פון פריער־אויס צוגעגרייט דעם באָדן פאַר נייע צענטערן פאַר דער קאָנטינואַיטעט פון יידישער ליטעראַטור. כמעט אומעטום וואו די מלחמה האָט פאַרוואָרפן יידישע קיבוצים האָט זיך אָנגעהויבן אַ שעפערישע טעטיקייט פון יידישער ליטעראַטור.

פוילן האָט טאַקע ווייטער געטראָגן די טראַדיציע פון פּרצן. אָבער די נייע צענטערן פון יידישער ליטעראַטור האָבן מיט זייער אייגענער זעלבסט־שטענדיקייט אָנגעהויבן צו ריוואַליזירן מיט פוילן.

איבערהויפּט האָט עס אַ שייכות צו יידישער דיכטונג. פּאַמעלעכל האָט זיך אַרויסגעוויזן: אַנדערשוואו זענען אַנטשטאַנען מאָדערנע יידישע פּאָעטן וואָס אין זייער קולטור, וועלט־באַנעם, שוואונג און פעאיקייטן האָבן זיי איבערגעשטיגן די יינג־יידישיסטן אין פוילן. אין ווין האָט זיך באַוויזן מלך ראַוויטש. אַ דיכטער מיט אַ געוואַגטער פאָרמהאַפטיקייט פון אינערלעכן געפיל און אינערלעכער זעאונג. ראַוויטש האָט אין דער יידישער דיכטונג אָנגעהויבן אַריינצוברענגען פילאָסאָפישע און וועלט־באַטראַכטערישע מאָטיוון. דאָס נעמלעכע אורי צבי גרינבערג. אין סאָוויעטישן רוסלאַנד, — פון וואַנען משה בראָדערזאָן האָט געבערענגט קיין פוילן דעם גאַנצן רעקוויזיט פון „שטורעם און דראַנג" — זענען אויפגע־שטאַנען דיכטער וואָס האָבן די דאָזיקע אַרבעט געטאָן מיט מער פּאָעטישער נויטווענדיקייט, מיט מער פעאיקייט און קולטור ווי משה בראָדערזאָן — ווי למשל, פּרץ מאַרקיש, קוויטקאָ, האָפשטיין, שוואַרצמאַן און אַנדערע.

פון אַמעריקע — דער יינגער מיליאָניקער יידישער ישוב וואָס האָט זיך אָנגעהויבן אויסצובויען אויף די נייע וועלט־קאָנטינענטן — האָבן אָנגעהויבן צו דערגרייכן שמועות קיין פוילן, שמועות פון אַ גרויסן פרוכט־באַרן אויפשוואונג פון דער יידישער ליטעראַטור.

אַמאָל זענען יידן אין פוילן געוואוינט געווען צו קוקן אויפן יידישן ישוב אין אַמעריקע ווי אויף אַ מינדערוויכטיקן אָפּשוים פון זיך. ס'האָט געהייסן: אַמעריקאַנער יידן זענען יידן וואָס זענען אַנטלאָפן פון יידישער קאָנטינואיטעט און זענען דאָרט, אויף יענער זייט ים, געוואָרן פאַרגרעבט און אויסגעטריקנט פון די אמתע זאַפטן פון יידישקייט. אין די גאָר פריער־דיקע דורות האָט מען זיך אין פוילן כמעט גאָר געשעמט מיט די יידן אין אַמעריקע. יידן זענען, ווי יעדעס אַלטע פאָלק, שטאַרק אָנגעבונדן אין אַ קאָנטינואירנדיקער טראַדיציע. עס האָט אויסגעקוקט אַז אין קאָ־לאָמבוסעס מדינות האָבן יידן צוליבן טאַלער פון זיך פורק־עול געווען פון דער לאַנגער און שווערער קייט פון יידישקייט. דאָס פאַרגרעבטקייט

און וואָכעדיקייט פון די אַמעריקאַנער אָלרייטניקעס זענען געוואָרן שפּריכ־ווערטלעך ביי יידן אין פוילן.

די דאָזיקע באַציאונג איז געווען אויף אַלע געביטן. אַפילו ווען ס׳האָט זיך אָנגעהויבן צו שאַפן יידישע ליטעראַטור אין אַמעריקע, האָט מען אין דער אַלטער היים געקוקט אויף איר פון אויבן אַראָפּ. די יידישע ליטעראַטור איז מזרח־אייראָפּע האָט שוין געהאַט דערגרייכט צו אַ הויכע אויסגעאיידלטע מדרגה. זי האָט אויך געהאַט גרויסע אידעאָלאָגישע שריפטשטעלער. אין אַמעריקע האָט די יידישע ליטעראַטור נאָך דעמאָלט געשטעקט אין אירע פּרימיטיווע התחלות. אין מזרח־אייראָפּע זענען געווען פּרץ און שלום־עליכם. די יידישע דיכטונג אין אַמעריקע האָט ערשט געהאַלטן ביי די צייטן פון אַ מיכל גאָרדאָן. אַפילו דער גרויסער דיכטער מאָריס ראָזענפעלד איז געווען שטאַרק גראָד אין זיין פּרימיטיווקייט. ראָ־זענפעלדס פאַנטאַזיעפולער טעמפּעראַמענט האָט גיכער געגליכן צו דער לאַווע פון אַן אור־ערד איידער ווי צו די אויסגעאיידלטע און אויסגעפונענע פאָרמען פון דער רייפקייט. יהואש איז נאָך דעמאָלט געווען אין דער יידי־שער דיכטונג אין אַמעריקע ווי אַ פאַרבלאָנדזשעטער אוניקום, ער האָט נאָך נישט באַלאַנגט צו דער אָרגאַנישקייט פון איר געשטאַלט.

די יידישע פּראָזע אין אַמעריקע איז דאַן געשטאַנען נישט קיין סך העכער פון געוויינטלעכן סענסאַציאָנעלן שונד. אין מזרח־אייראָפּע זענען שוין געהאַט געשריבן געוואָרן אַזעלכע פּראָזע־פּערלען ווי די „פאָלקס־טימלעכע געשיכטן". אין אייראָפּע האָט מען אָנגעהויבן צו זוכן די פאַר־טיפטע פאָרם פאַרן יידישן טעאַטער. אין אַמעריקע האָט מען נאָך אַפילו נישט געהאַט געפּרוּווט אויף אַ האָר העכער אַרויסצוגיין פונם פּרימיטיווסטן סענטימענט פון דער פּשוטער מאַסע. דאָס יידישע קולטור־בילד פון אַמעריקע האָט פולשטענדיק געשטימט מיט דער גאַנצער פאָר־שטעלונג וואָס פוילישע יידן און יידן אין מזרח־אייראָפּע האָבן געהאַט וועגן די עמיגראַנטן־ישובים אויף די נייע וועלט־קאָנטינענטן — ישובים אָן דער אַלטער יידישער טראַדיציע.

די מלחמה האָט נאָך מער אָפּגעריסן פוילן פון אַמעריקע.

די יידישע געשיכטע האָט זיך ליב איבערצוחזרן אין פאַרשיידענע סיטואַציעס און אין פאַרשיידענע באַדינגונגען. זי האָט אויך דאָ איבער־

געחזרט דעם אַלטן חומשדיקן מאָטיוו ווי יוסף האָט עמיגרירט קיין מצרים, — אָבער דערמיט האָט ער צוגעגרייט דעם נייעם אַקט פון דעם שוישפּיל וואָס די יידישע געשיכטע שפּילט אין דער וועלט.

אויף איר לאַנגן און שווערן וועג גרייט תמיד די יידישע געשיכטע צו די בינע פאַר אַ נייעם אַקט פון יידיש וועלט־דאָ־זיין. זי גרייט עס צו בעפאָר דער פריערדיקער אַקט הויבט זיך אָן צו פאַרלעשן.

זיבעציק יאָר פאַר דעם גרויסן יידישן חורבן אין מזרח־אייראָפּע, האָט עפּעס ווי די געהיימניספולע האַנט פון יידישן שיקזאַל אָנגעהויבן אַרויסצושיקן יידישע מאַסן אין דער נייער וועלט אַריין. זי האָט עס געטאָן לויט דער אַלטער חכמה פון אירע פלענער: אויב דער שונא וועט קומען און פאַרניכטן איין יידישע מחנה, זאָל די צווייטע יידישע מחנה אָפּגעראַ־טעוועט ווערן. דער געהיימניספולער זין פון דער וועלט־געשיכטע קאָן זיך עפּעס נישט פאַרשטעלן איר ווייטערן וועג אָן יידן. די וועלט־געשיכ־טע וויל — מן־הסתם געהער דאָס אויך צו איר זין — יידן אַדורכפירן דורך אַלע פּיינען און פייערן פון דער עקזיסטענץ. אָבער אַ וועלט אָן יידן? ניין. דאָס קאָן זי זיך נישט פאַרשטעלן. אַ וועלט אָן יידן וואָלט פאַרלוירן איר גרויסע דראַמאַטישע טראַגיק. ווי עס זעט זיך אויס, שפּילט זיך אויס די וועלט־געשיכטע אין אַ דראַמאַטישער טראַגעדיע.

די געשיכטע האָט אָנגעהויבן צו פאַרפלאַנצן דעם יידישן זאָמען אויף די נייע וועלט־קאָנטינענטן פון אַמעריקע. וועלט־קאָנטינענטן וואָס מיר קאָנען נאָך נישט פאַראויסזאָגן וואו אַהין עס גייט זייער אַנטוויקלונג, און וואָסער פּנים די מענטשהייט וועט באַקומען אויף אַמעריקעס פליינען. אַלצדינג אין אַמעריקע האַלט נאָך אין מיטן ווערן. אויפן באָדן פון דעם דאָזיקן ווערן — צי אויף אָט דער נייער בינע פון דער וועלט־געשיכטע — האָט אָנגעהויבן פאַרפלאַנצט צו ווערן אויך אַ נייע געשיכטע פון יידן. אין דער אַלטער היים האָט זיך געגרייט דער חורבן און אין דער נייער היים — דער אויפגאַנג. ווי דראַמאַטיש!

צווישן יידן אין אַמעריקע איז נאָך אַלצדינג געווען ווי אויף אַ זריעה־פעלד. אַלצדינג אין טיפער נישט־דערקענטעניש. די אַלרייטניקעס זענען געווען די שטומסטע יידן. די אַמעריקאַנער יידן זענען געווען פּראָסט־לעך ווי אַלע האַראָפּאַשנע אַנהייבער. ס'האָט עפּעס אויבנאויפיק אויס־

געקוקט ווי אַז די יידן זענען אַרויסגעוואָרפן געוואָרן מחוץ פון די אַקטיווע גרענעצן פון דער יידישער געשיכטע, עפּעס אַזוי ווי די אַמאָליקע עשרת־השבטים.

די מלחמה האָט זיך פאַרענדיקט. יידן אין פוילן זענען אַראָפּגע־פאַלן צו דער ביטערסטער אָרעמקייט. אַ סך שטעטלעך זענען חרוב געוואָרן. דאָ האָט זיך געוויזן די ערשטע טבע פון יידישן נצח, נעמלעך, די יידישע גוטסקייט.

דאָס האַרץ פון יידן אין אַמעריקע האָט זיך געעפנט ווי אַ וואַרעמער קוואַל. די הילף וואָס אַמעריקאַנער יידן האָבן אָנגעהויבן צו שיקן קיין פוילן איז געווען דאָס ערשטע שיינע קאַפּיטל וואָס יידן אין אַמעריקע האָבן אָנגעהויבן אַריינצושרייבן אין דעם פלאַנעטאַרישן עפּאָס פון יידישער עקזיסטענץ. ווידער האָט זיך איבערגעחזרט די אַלטע מעשה פון חומש: דער פרעמדער יידישער עמיגראַנט אין מצרים, דער זאַטער יוסף, שיקט זעק מיט ברויט פאַר די הונגעריקע יידן אין כנען. די דאָזיקע כלומרשטע פילאַנטראָפּישע טאַט, איז געווען די ערשטע טאַט פון דעם ווידער־געפינען־זיך פון די יידישע ברידער אין דער וועלט.

⁂

נאָך דער מלחמה האָבן זיך די פאָרהאַנגען איבער דער וועלט אויפ־געצויגן. עס זענען אָנגעקומען ווייטערע שמועות פון אַמעריקע. אויך אויפן גייסטיקן יידישן פעלד, אין דער יידישער ליטעראַטור, הויבט זיך דאָרט אָן צו וועקן אַן אינערלעכע פאַרטיפונג און אַ זוכן די וועגן פון יידישער היסטאָרישער עקזיסטענץ.

די יידישע ליטעראַטור אין דער אַלטער היים האָט דורכאויס גענומען די שטעטל־מאָטיוון ווי בוי־שטיינער פאַר איר געשטאַלטונג. פאַרגאַנגענע יידישע דורות ווי אויך יידישע קעגנוואַרט אין פוילן — האָבן געצילט מיט זיך אויסצודריקן דעם גאַנצן געשטאַלטערישן תמצית פון יידישן שאַפן.

עטלעכע יידישע דורות אויף דער פוילישער ערד, דער אופן פון זייער לעבן און שטערבן — אין אַז דעם מאַטעריאַל האָט באַדאַרפט

קומען צום טאָטאַלן אויסדרוק דער בילדהאַפטיקער תוך פון דער יידישער אומה און דער אופן פון איר לעבן אין דער געשיכטע. אַפילו שלום עליכם האָט זיין גרויס יידיש וועלט־געמעל געבויט אויף די קאַנוועס פון שטעטל. אין די „פאָלקסטימלעכע געשיכטן" איז פרץ טיילמאָל אַרויסגע־גאַנגען פון די שטעטל־גרענעצן, אָבער נאָר אויפן געביט פון די פאָלקס־מעשיות וועלכע ווערן דערציילט טאָקע אין שטעטל.

אין אַמעריקע זענען יידן מיט אַמאָל אַריינגעקומען אין אַ שטח פון אַן אימפּעטפולער זיך אויפבויענדיקער וועלט. מען האָט זיי אַרויסגעריסן פון די וואָרצלען פון אַלטער יידישער איינגעזעסנקייט. זיי זענען אַרויפ־געוואָרפן געוואָרן אויף אַ וואולקאַן פון טאַט און פיאָנערישער פאַנטאַזיע. די אַמעריקאַנער שטעט, און איבערהויפּט די שטאָט ניו־יאָרק — וואו אַהין די אַטלאַנטישע שיפן האָבן אַריינגעוואָרפן מאַסן יידן — זענען געווען דער פולשטענדיקער קעגנזאַץ צו די שטילע אידילישע שטעטלעך, וואו דאָס אידישע געמיט איז געהאָדעוועט געוואָרן זינט דורות. אונטער די פיס פון די אָנגעקומענע יידן קיין אַמעריקע האָט די וועלט אויסגעקוקט זיך פאַנאַנדערצוואוואַקסן ווי אין איר יינגסטער אורשפרונגלעכקייט. זי האָט נישט געוואוסט פון רו און פאַרטראַכטונג. אין דעם גערויש און געקלאַפּ פון ניו־יאָרק האָט די וועלט אויסגעקוקט צו ברומען ווי אין אירע פריסטע טעג.

פון די קליינע הייזקעלעך אין שטעטל זענען יידן אַריינגעקומען אין גאַסן, וואו די מויערן האָבן זיך געטורעמט אין די הימלען אַריין ווי אַ נייער דור־הפלגה.

די וועלט — אין געשטאַלט פון אַמעריקע — האָט יידן געוויזן איר אייזערנע פויסט. דערפאַר אָבער האָט זי זיי געגעבן ברויט צו דער זעט.

***

נאָך דער מלחמה האָט מען געהערט אין פוילן: אין אַן אַנדער ליכט, אין אַנדערע מאַטעריעס, און אַן אַנדערן טעמפּאָ פון יידישער גע־שיכטע, האָט אויך דאָס יידישע שאַפן אין אַמעריקע אָנגעהויבן צו נעמען

דעם וועג צום היסטאָרישן יידישן תוכן. די יידישע ליטעראַטור איז דאָרט ווייט אַרויסגעגאַנגען פון אירע אָנהויבנדיקע פּריי־מיטיוון. אָבער זי גייט אויף אַן אַנדערן דרך ווי די יידישע ליטעראַטור אין דער אַלטער היים. פּנים לפּנים מיט דעם וועלט־אָטעם פון אַמעריקע האָט דאָס שטעטל פּאַמעלעך געמוזט אויפהערן צו זיין דער איינציקער מאָטיוו פון דעם יידישן היסטאָרישן וועלט־געמעל. אין אַמעריקע האָבן זיך פאַר דער יידישער ליטעראַטור אויסגעברייטערט די פלייִנגען און די פּערספּעקטיוון. עס איז פאַר איר געוואָרן אַ גורל־פראַגע: צי קענען יידן געפינען דעם וועג פון זייער היסטאָריש געשטאַלט אויך אין מער שטחימ־דיקע מאָטיוון פון עקזיסטענץ? מען האָט אָנגעהויבן דאָס דאָזיקע פּראָ־בלעם קינסטלעריש צו לעזן אויף אַ פּאָזיטיוון אופן.

די יידישע שריפטשטעלער אין אַמעריקע האָבן אָנגעהויבן צו זוכן דעם אָטעם און די אידעע פון יידן אויף אַ ברייטערן און ווייטערן שטח פון יידישער עקזיסטענץ ווי עס איז דאָס שטעטל. נעמלעך: אויף די ווייטע פלייִנגען פון יידישער געשיכטע. דאָרט האָבן זיי געוואָלט אויפ־שטעלן די געצעלטן פון דער יידישער ליטעראַטור. אויף דעם נייעם וועג האָבן אויך אָנגעהויבן צו גיין אַזעלכע שריפטשטעלער וואָס זענען שוין פאַרטיקע און רייפע אַהער געקומען פון פוילן — שלום אַש.

שלום אַש האָט געהאַט דאָס אידישע שטעטל אויף דער פוילישער ערד אַפּירגעהויבן ווי די בלום פון דער יידישער ליטעראַטור. אַ בלום וואָס בליט מיט אַלע חנען און וואַרעמקייטן פון יידישן קיום. אָט די חנען און וואַרעמקייטן האָט ער אָנגעהויבן אויסצוגעפינען אויף די ברייטערע צייט־ווייטקייטן פון יידישער עקזיסטענץ. אין מיטלאַלטער, אין גזירת־ת״ח און אין אַנדערע תקופות פון יידישער געשיכטע האָט שלום אַש געפונען די אייגענע שיינע דעקאָראַטיווע אינערלעכקייטן ווי אין שטעטל אין פוילן. י. אָפּאַטאָשו האָט זיינס אַ רעאַליסטישן ראָמאַן אָנגעהויבן אויסצואַוועבן אויף די קאַנוועס פון יידישער געשיכטע („די פוילישע וועלדער״). אומעטום האָט מען געזוכט די טיפקייט פון יידן אין זייער קיום אין דער צייט. ה. לייוויק האָט אין דער יידישער געשיכטע געזוכט די מיסטעריע פון יידישער עקזיסטענץ: דעם קאַמף צווישן גייסט און

חומר אין דעם עפּאָס פון יידישער געשטאַלטלעכקייט. אייביקער קאַמף צווישן זוכנדיקן גייסט און אינערטישן חומר — דאָס זאָל זיין דער ליידנס־וועג פון יידן און די דיאַלעקטיק פון זייער משיחישער שליחות אין דער געשיכטע. מאַני לייב האָט געברענגט די יידישע באַלאַדע. משה לייב האַלפּערן האָט די איראָניע פון דער וועלט סינטעטיזירט מיטן יידישע געמיט און מיט דער יידישער שפּראַך. אויך די יידישע שפּראַך האָט אויפן באָדן פון דער נייער וועלט געזוכט אין זיך גופא נייע פאָרמען און נייע ריטמען. א. לעיעלעס און מיט אים אויך אַנדערע יידישע דיכטער האָבן די פאָרמען און ריטמען פון יידישן ליד געפּרוּוט איפּצובויען לויט די פאָרמען און ריטמען פון דער זיך אויפבויענדיקער אַמעריקע.

אין וואָסערע נייע וויטקייטן פון יידישן שאַפן האָט געפירט און געקאָנט פירן די יידישע ליטעראַטור אין אַמעריקע?

פונקט ווי דאָס לאַנד אַמעריקע, אַזוי האָט אויך די יידישע ליטעראַטור אין אַמעריקע געוואָלט זיין אַ וואַגנדיקע אַנהייבערין אויף די וויטע וועלט־קאָנטינענטן וואָס הייסן יידישע געשיכטע.

קאַפּיטל ניין און צוואַנציק

יוסף אָפּאַטאָשו קומט קיין פּוילן. איבער די גרענעצן קומען נאָך יידישע שרייבער און עס דוכט זיך, אַז עס וועקט זיך דער גייסט פון פרצן.

חודש מאַי 1922 ווען די ביימער האָבן געבליט אין פּוילן, איז פון אַמעריקע אָנגעקומען קיין וואַרשע יוסף אָפּאַטאָשו. פאַר אים איז פאַר־אויסגעגאַנגען דער רום פון די „פּוילישע וועלדער". אין די נאָך־מלחמה יאָרן — און אפשר אין דער אָנהייב פון דעם קומענדיקן חורבן — האָט באַזונדערס גערירט דאָס האַרץ פון פּוילישע יידן ווען אַ יידישער שריפט־שטעלער האָט זייער דאַזיין אויף דער פּוילישער ערד געוויזן אין ליכט פון פריערדיקע דורות. אָפּאַטאָשוס קומען איז געווען כמעט ווי דער סימבאָל פון פאַרברידערונג פון יידישער ליטעראַטור אויף דער אַלטער און נייער וועלט. עס איז געווען ווי אַן אָנזאָג: אויף דעם געמיינשאַפט־לעכן וועג וועלן ווייטער גיין צוזאַמען דאָס שטעטל און די וועלט־געשיכטע פון יידן.

פּוילישע יידן האָבן עס כמעט ווי טאַקע אַזוי אויפגענומען און אָפּאַטאָשוס זיין אין פּוילן האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַ טריאומף־צוג פאַר אים און פאַר דער יידישער ליטעראַטור אין אַמעריקע. די עשרת־השבטים האָבן זיך געפונען. די יידן וואָס האָבן עמיגרירט איבערן ווייטן אוקינוס און מען האָט געמיינט, אַז זיי האָבן זיך דערמיט אָפּגעריסן פון שטאַם־בוים, האָבן איבערן ים און איבער די פעלקער־שלאַכטן אָנגעהויבן צו לייכטן מיטן אַלטן יידישן נצח. זיי האָבן געלויכטן אין אַלע ספערעס פון זייער קיום. זיי האָבן די יידישע וואונדן געוואָלט היילן מיט גוטס־

קייט, און פאַר דער יידישער ליטעראַטור האָבן זיי אויפגעפראַלט נייע טירן.

דאָס שטעטל האָט זיך געפרייט זיי ווידער צו זען אויף איר פוילישער ערד.

יידן אין פוילן האָבן זיך געריסן צו זען אַפּאַטאָשון און צו הערן פון אים אַ וואָרט. ער האָט דערציילט פון אַמעריקע און פון די נייע יידישע שריפטשטעלער וואָס זענען דאָרט אויסגעוואָקסן אין יידישער פּאַרטי־פונג. דאָס יידישע שטעטל אין פוילן האָט זיך געפרייט צו הערן די בשורה, אַז איר זאָמען אויף די נייע וועלט־קאָנטינענטן איז נישט פאַר־פרעמדט געוואָרן אין דער זאַטקייט, נייערט נעמט וואָרצלען אויף נייע יידישע ווייטקייטן. די יידישע מאָסן אין פוילן וואָס האָבן מן־הסתם געהאַט אַן אונטערבאַוואוסטזיניקע אַנונג אַז ס׳איז זיי באַשערט נישט מער ווי נאָך עטלעכע צענדליק יאָרן קיום, האָבן זיך אפשר געטרייסט דערמיט, וואָס נייע יידישע מאָסן גרייטן זיך אויפצוטרעטן אויף דער וועלט־בינע וואו עס גייט און גייט ווי אַ טיפער וועלט־זין דאָס שוישפּיל פון יידישער געשיכטע —

נצח ישראל לא יכזב.

***

אין דער זעלביקער צייט ווען פוילן האָט אַזוי האַרציק אויפגענומען יוסף אָפּאַטאָשון זענען אויך פון איבער אַנדערע גרענעצן געקומען קיין פוילן נייע יידישע שריפטשטעלער. פון ווין איז געקומען מלך ראַוויטש. פון סאָוועט־רוסלאַנד — פּרץ מאַרקיש און י. י. זינגער. אויך פון גאַ־ליציע זענען געקומען יידישע דיכטער ווי אורי צבי גרינבערג און אַנ־דערע. אין וואַרשע גופא האָט אהרן צייטלין אַריינגעברענגט די קבליס־טישע מיסטיק אויף די שטחים פון דער יידישער דיכטונג. פּאַמעלעך האָט עס אויסגעקוקט, אַז פּרצעס גייסט וועקט זיך ווידער אין דעם נייעם דור פון יידישע שריפטשטעלער.

קאַפּיטל דרייסיק

בית־קאַצענעלנסאָן אין לאָדזש. קאַצענעלנסאָנס מוטער די ייִדישע עקרת־הבית. ר׳ בנימין ווייסט טאָקע נישט וואָס עס הייסט אַזוינס צו ברענגען פּרנסה, דערפאַר איז ער אויסגעקניפּט אין משקל און יתדות. ר׳ בנימינס גיגאַנטישע לעבנס־אַרבעט. צווײ בלוטיקע שונאים. טרייפענער ביין, איר האָט געטראָפן!

אין לאָדזש איז געווען אַ ייִדישע „שטוב״ וואָס האָט אויך אויסגעקוקט צו זיין אַ סינטעז צווישן דער אַלטער ייִדישער „ביתו פתוח לרוחה״ און דעם נייעם אופן פון אַ פאָלקסטימלעכן קינסטלערישן סאַלאָן. דאָס איז געווען דאָס הויז פון יצחק קאַצענעלסאָן.

עס רעדט זיך אַזוי דאָס הויז פון יצחק קאַצענעלסאָן. אין דער דאָ־זיקער פאָלקסטימלעכער גוטער און ברייט־האַרציקער שטוב איז יצחק קאַצענעלסאָן געווען נישט מער ווי איינער פון די זין פון אַ גרויסער משפחה פון ברידער און שוועסטער. דערצו איז ער דאַן נאָך געווען אַן עלטערער בחור. אָבער ער איז געווען די ליכטיקע זון אין אָט דער משפחה. דער מיטלפּונקט אַרום וועלכן אַלצדינק האָט זיך געדרייט. אַלע האָבן אים דאָרט באַטראַכט ווי זייער שטאָלץ און זייער אבן־טוב.

קודם־כל האָט זיך עס געגומען דערפון וואָס יצחק קאַצענעלסאָן איז געווען אַ באַרימטער ייִדישער שריפטשטעלער. ער איז געוואָרן באַ־קאַנט אין דער העברעאישער און ייִדישער ליטעראַטור כמעט ווען ער איז נאָך געווען אַ ייִנגל. ער איז געווען פון די שריפטשטעלער וואָס האָבן זייער פרי אָנגעהויבן זייער קאַריערע. מען האָט זיך כמעט נישט געקאָנט

דערמאָנען ווען איז יצחק קאַצענעלסאָן נאָך נישט געווען קיין שריפט־שטעלער. אין קאַצענעלסאָנס משפחה איז די שרייבערישע פעדער נישט געווען קיין פרעמדע זאַך. יצחקס עלטערן האָבן געשטאַמט פון רבנים. זיין פאָטער ר׳ בנימין איז געווען אַ משכיל פון פאַרצייטישן שניט און אַ געכאַפּטער אויף דער „מוזע״. ער האָט געשריבן שירים אויף אַ מליצה־דיקן העברעאיש און דאָרט געהיט דעם „משקל״ ווי אַן אויג אין קאָפּ. און ער האָט זיך זיין גאַנץ לעבן פאַרנומען מיט כמעט אַ גיגאַנטישע אַר־בעט, היינו: איבערזעצן גרעצן אויף שיינע לשון־קודשדיקע פערזן אין אַ קלמן שולמאַנדיקער שפּראַך און מיט אַ משקל אין וועלכן נפתלי הערץ וויזל האָט געדיכטעט זיינע שירים אויף די בלעטער פון די בער־לינער „מאספים״. נאָר וועגן דעם שפּעטער.

די גאַנצע משפחה קאַצענעלסאָן, די ברידער און די שוועסטער, זענען געווען פאַרברענטע ציוניסטן און העברעאיסטן. אהבת־ציון און חיבת־לשון־קודש איז געווען די אַלטע טראַדיציע פון דער משפחה. איך האָב אָבער זעלטן־ווען געזען אין אַ שטוב אַזאַ איבערגעגעבענע ליבשאַפט צו יידיש און צום גלות ווי גראַד ביי די קאַצענעלסאָנס.

יצחקס מוטער, די אַלטע פרוי קאַצענעלסאָן, איז געווען אַ רבס אַ טאָכטער. זי איז געקומען פון דער ליטע און האָט געהאַט אַלע מעלות פון ליטווישע יידן. זי איז געווען אַ זעלטן קלוגע פרוי, אַ מענטש מיט אַ סך הומאָר און מענטשן־קענטשאַפט. כלומרשט תמיד פאַרטאָן אין דער באַ־לעבאַטישקייט; מחמת אין דער קיך פון די קאַצענעלסאָנס זענען די טעפּ נישט אַראָפּ פון די קאָכעדיקע פייערקעס און דאָס פייער האָט זיך דאָרט ערשט געלאָשן העט, העט שפּעט אין דער נאַכט. מע האָט דאָרט געקאָכט נישט בלויז פאַר דעם גרויסן הויז־געזינט פון זין, טעכטער שנירן און אייניקלעך, נאָר ווער האָט נישט מיטגעגעסן ביי די קאַצענעלסאָנס טיש? תמיד זענען דאָרט געווען געקומענע און פרעמדע, סיי לאָדזשער משכילים און סיי יידן קרובים און באַקאַנטע פון די קאַצענעלסאָנס, יידן וואָס זענען אַהער פאַרוואָרפן געוואָרן פון די פאַרוואָרפנסטע שטעטלעך אין דער ליטע. אַלע האָבן דאָ געוואוינט, געגעסן און געשלאָפן און זיך אויפגעפירט ווי זיי וואָלטן געווען ביים אייגענעם טאַטן אין וויינגאָרטן. די שענק זענען געשטאַנען אָפן, די בעטן גרייט פאַר אַלעמען זיך אָוועקצולייגן, און

די טעפּ האָבן זיך נישט אויסגעליידיקט, גלייך אייביקע ברונעמער. די אַלטע פרוי קאַצענעלנסאָן איז כסדר פאַרטאָן געווען — אָבער זי האָט תמיד צייט געהאַט אַ קלוגן שמייכל צו טאָן מיט אירע גרויסע גרוילעכע אויגן, צו הערן אָדער צו זאָגן אַ גלייכווערטל און דער עיקר — נישט אַרויסצולאָזן פון איר געדאַנק די זון פון דעם הויז־געזינד, יצחק קאַצע־נעלנסאָנען, אים אַרויסווייזן — מיט דער פולסטער צושטימונג פון אַלע אירע זין און טעכטער — איר באַזונדערע צערטלעכקייט, צו לייענען זיינע שאַפונגען אויף יידיש, מחמת העבּרעאיש האָט זי — ווי אַן אמתע יידישע טאָכטער פונם אַלטן דור — נישט געקאָנט, הגם זי איז אויך געווען אַ הייסע העבּרעאיסטקע און ליב געהאַט השכלה.

איר מאַן, ר' בנימין קאַצענעלנסאָן איז געווען אַזוי צו זאָגן, דער בטלן אין דער דאָזיקער אייביק־טעטיקער און ענערגישער משפחה. ער האָט אויסגעקוקט נישט צו וויסן ווי אַזוי מע ברענגט פּרנסה און וואָס סע טוט זיך אין שטוב מחוץ פון זיינע לשון־קודשדיקע פערזן, פערזן וואָס וויגן זיך ממש אין טויזנטער אינם שייִנעם לשון נופל על לשון און אויף די שטרענגע אומברחמנותדיקע געזעצן פון „משקל" און „יתדות". — ווי אַזוי האָט ר' בנימין געברענגט פּרנסה איידער עס זענען אויסגעוואַקסן די קינדער און איידער עס איז געווען די קאַצענעלנסאָן־שול (פון וועלכער איך וועל שפּעטער דערציילן)? פון דעם שוויגן די פייגל אויף די דעכער. עס האָט געהייסן, אַז ר' בנימין קאַצענעלנסאָן איז בנעוריו געווען אַ הע־ברעאישער לערער אין לאָדזש און טאַקע דאָ מיט ווייב און קינדער נישקשה אויסגעריסן געוואָרן אויפן מוראַדיקסטן אופן. די פייל און בויגן זיינע וואָס האָט אַזוי האָפּערדיק און שפּעדיק געשאָסן אויפן פעלד פון העברעאישער מליצה האָט עפּעס נישט געטויגט אויפן פעלד פונם עולם־המעשה. נאָר ווער געדענקט עס! בלויז די מאַדאַם קאַצענעלנסאָן — ווען זי איז געווען אין גוטן געמיט און אין גוטן הומאָר, אַלע היימישע און פרעמדע ביי איר טיש זענען געווען זאַט און האָבן אויף אַ רגע פון איר גאָר נישט פאַרלאַנגט, דאַן האָט זי אַמאָל מיט אַ קלוג גלייכווערטל געגעבן אַן אָנצוהערעניש — וואָס זי איז אַדורכגעגאַנגען אין לאָדזש בעת ר' בנימין איז געווען דער בעל־פּרנסה.

נאָר דאָס באַלאַנגט צו די פאַרגאַנגענע צייטן. איצט ברענגט די

שול ב״ה פרנסה בשפע פאַר זיך און פאַר אַנדערע און ר׳ בנימין קאָן אין גאַנצן לעבן צווישן זיינע כרוזים.

און ער האָט עס טאַקע געטאָן. פיזיאָנאָמיש האָט ר׳ בנימין קאַצע־נעלנסאָן אויסגעקוקט ווי אָן איבערבלייבעניש פון די אַלטע ליטווישע משכילים, וואו תורה און השכלה זיינען געגאַנגען האַנט ביי האַנט. ער איז געווען אַ הויכער און דאַרער ייד מיט אַ קאָפּ גרויע האָר און מיט אַ ברייטן לומדישן שטערן. אויף דער לענגלעך־שפּיציקער נאָז זענען ביי אים כמעט שטענדיק געזעסן אַ פּאָר בינאָקלעס. אַלטע צעבראָכענע בינאָקלעס מיט פּאַרטייעטע גלעזלעך איבער וועלכע ער, ר׳ בנימין האָט שטענדיק אַרי־בערגעקוקט, ד. ה. שטענדיק ווען ער האָט ניט געלייענט אָדער געשריבן. ער האָט שוין נישט געהאַט קיין איין צאָן אין מויל. דערפאַר האָט ער געהאַט אַ גרוי־רויטלעכע באָרד וואָס האָט זיך אים כסדר געשאָקלט אויף דער גאָמבע. טאָמער האָט ר׳ בנימין גערעדט — און ער האָט דווקא ליב געהאַט צו רעדן הויך און שרייענדיק — האָט זיך אים די באָרד געטרייסלט ווי זי וואָלט געשריגן צוזאַמען מיט אים.

אין דער דאָזיקער כמעט ווי געזעלשאַפטלעכער שטוב איז ר׳ בנימין געווען דער איינציקער מענטש וואָס האָט זיך אין גאָר נישט געמישט און גאָר נישט נישט געזען וואָס עס טוט זיך אַרום אים. עס איז קיין וואונדער נישט. ר׳ בנימין איז קיין מאָל נישט אַרומגעגאַנגען ליידיק. אַחוץ לייענען און לערנען איז ער פאַרטאָן געווען אין דער גיגאַנטישער אַרבעט איבערצוגיסן אין משקל און אין פערזן די יידישע געשיכטע פון גרעצן.

ווען די איבערזעצונג האָט זיך ביי ר׳ בנימינען אָנגעהויבן און וואו זענען די צענדליקער ערשטע העפטן פון דער דאָזיקער אַרבעט — דאָס האָט נישט געוואוסט נישט ר׳ בנימין אַליין און נישט עמיצער אַנדערש אויף דער וועלט. ס׳איז זיך גאָרנישט מעגלעך געווען צו אָריענטירן אין דעם ים פּאַפּיר ערגעץ פאַרוואָרפן אויף אַ בוידעם, צי גאָר אונטער בערג פון שטויב הינטער די שענק. גאַנצע דורות מיט מייז האָבן זיך שוין געהאַט געענוג אָנגעגעסן מיט ר׳ בנימינס פערזן און זיי מן־הסתם געקאָנט אויף אויסנווייניק. די העפטן וואָס ר׳ בנימין האָט שוין געהאַט באַשריבן האָבן אַלע פאַרגעסן, ובתוכם ר׳ בנימין אַליין. ער האָט קיין צייט נישט גע־האָט זיי צו געדענקען. נישט געקוקט דערויף וואָס דאָס איז געווען ר׳

בנימינס לעבנס־אַרבעט, האָט ער ערשט געהאַלטן ביים סאַמע אָנהויב. ס׳איז נישט קיין ווערטעלע איבערצוגיסן דעם „חכם גרעץ״ אין שיינעם לשון־קודשדיקן פערז. די יאָרן לויפן. ר׳ בנימין איז דערווייל געוואָרן אַ זיידע פון אַ סך אייניקלעך, און מע טאָר נישט זשאַלעווען די פעדער. ער איז טאַקע יום ולילה געזעסן ביי דער אַרבעט. בייטאָג ביים פענצטער, און ביינאַכט ביי אַ לעמפּל. אויף דער נאָז זענען אים געזעסן די האַלב־צעבראָכענע בינאָקלעס. אין דער שטוב האָט אַלצדינק געמעגט גיין כאַדראַם. ר׳ בנימין האָט עס נישט געהערט. ער האָט געשריבן — און די משקלדיקע פערזן זענען שנעל אַרויסגעלאָפן פון זיין פּען ווי הינער וואָס מע לאָזט אַרויס פון אַ שטייג.

פון צייט צו צייט האָט פּאָרט ר׳ בנימין קאַצענעלנסאָן געוואָלט זען זיינע פערזן ווי זיי קוקן אויס אין דרוק. ער האָט געזען זיין זונס, יצחק קאַצענעלנסאָנס ביכער, געדרוקטע. הגם ער האָט מן־הסתם — ווער ווייסט עס ? — געהאַלטן יצחקן פאַר אַ גרעסערן דיכטער פון זיך — פונדעסט־וועגן האָט עס אים, ר׳ בנימינען, שטאַרק געטאָרעט אויך אַמאָל אַרויסצוגיין מיט זיינע פערזן אויף דער ליכטיקער שיין פון דער וועלט.

דרוקן אַלצדינג וואָס ר׳ בנימין האָט געשריבן וואָלט מען באַדאַרפט אויסהאַקן גאַנצע וועלדער אויף פּאַפּיר און אויפשטעלן די געוואַלדיקסטע דרוקערייען. עפּעס אָבער, אַ שפּריץ פון זיין פעדער, האָט ער מיט דער הילף פון זיינע קינדער פּאָרט אַמאָל אַרויסגעגעבן.

אין די צייטן ווען איך פלעג אַרויפקומען צו די קאַצענעלנסאָנס אין הויז האָט איין מאָל אַ שטראַל פון דער דרוק־זון אַ לייכט־אויף געטאָן איבער ר׳ בנימינס איבערזעצונג פון גרעצן. די קינדער זיינע האָבן אַרויסגעגעבן אַ קליין ביכעלע מיט ר׳ בנימינס פערזן. פערזן לאַנגע און וואויל־קלינגענדיקע אין משקל. עס זענען בלויז געווען אַ פופצן־צוואַנציק בלעטלעך. דערפאַר האָט ר׳ בנימין אָנגעשריבן צו זיין ביכל אַ פאָרוואָרט און אַ נאָכוואָרט מיט התנצלותן פאַרן קורא־נכבד פאַרוואָס ער, ר׳ בנימין, קאַרגט צו געבן אַ ביסל מער פון זיין אַרבעט. ער האָט זיך דאָרט שאַרף און פון פאָראויס אָפּגערעכנט מיט די קריטיקער. טאָ־מער וועט זיי אויף אַ טשעקאַוועסט איינפאַלן אַ שטשירע צו טאָן מיט די ציין — גיט זיי שוין ר׳ בנימין מיט אַ שטעקן איבערן קאָפּ. די קריי־

טיקער ווערן דאָרט אָנגערופן „חלאת המין האנושי״ (דער אויסוואורף פון מענטשן־געשלעכט), „משתין בקיר״ (די וואָס לאָזן וואַסער אויף דער וואַנט) און „קורי טיח תפל״ (די וואָס מויערן ביי איינגעפאַלענע ווענט). אַלע זידל־ווערטער מיט וועלכע די נביאים אין תנ״ך באַנוצן זיך כדי צו באַקעמפן די פאַרעטער אין יידישן גאָט — מיט זיי באַקרוינט ר׳ בנימין קאַצענעלנסאָן די פאַרשייטע קעפּ פון די קריטיקער.

הגם עס האָט אויסגעקוקט, אַז ר׳ בנימין קאַצענעלנסאָן איז כסדר פאַרטאָן אין אַנדערע וועלטן און אויפן נידעריקן עולם־המעשה טשעפּעט ער ניט קיין פליג אויפן וואַנט און קיין פליג טשעפּעט אים ניט — פונדעסטוועגן האָט ר׳ בנימין געהאַט שונאים. מע קאָן זאָגן בלוט־שונאים. אַפילו ווען ער האָט געשריבן זיינע פערזן און עס האָט זיך געקאָנט אויסדוכטן, אַז עס מעג דונערן און בליצן אין דער שטוב, דערגייט עס נישט צו ר׳ בנימינס אויערן, — איז אָבער גענוג געווען אַז עמעצער אין שטוב זאָל אויפן שטילסטן קול דערמאָנען די נעמען פון די צוויי שונאים, אַז ר׳ בנימין זאָל באַלד אויפגעטרייסלט ווערן. די באָרד זיינע האָט זיך געוואַלטיק צעטרייסלט אויף דער גאָמבע און ער האָט זיך צעשריגן.

די נעמען פון די צוויי שונאים זענען געווען, פיאָדאָר דאָסטאָיעווסקי און מלך ראַוויטש.

דאָסטאָיעווסקין האָט ער במשך זיין גאַנץ לעבן נישט געקאָנט מוחל זיין הלמאי ביי אים, דאָסטאָיעווסקין אין די „אויפצייכנונגען פון אַ טויטנהויז״, קומט אויס אַז אַ ייד לייגט תפילין פרייטיק צו נאַכטס. אַזאַ עם־הארצות פון אַ גוי האָט ר׳ בנימין נישט געקאָנט אַראָפּשלינגען. דאָסטאָיעווסקי האָט זיך פריער נישקשה געמעגט נאָכפרעגן ביי רבנים און נאָכקוקן אין דער גמרא און אין שולחן־ערוך איידער ער האָט זיך אונטערגענומען צו שרייבן ווי אַזוי און ווען יידן לייגן תפילין. מיט מלך ראַוויטשן האָט ער אויך געהאַט אַ ביטערן חשבון. עמעצער האָט אַמאָל געטאָן אַ נאַרישקייט און אונטערגעטראָגן ר׳ בנימינען מלך ראַוויטשעס אַ פּאָעמע א״נ „לידער פון ליבע און האַס צום יידישן פאָלק״. דאָס וואָרט „ליבע״ האָט ר׳ בנימין נישט באַמערקט, דערפאַר איז אים געפאַלן אין די אויגן אַריין דאָס וואָרט „האַס״. מלך ראַוויטש האָט זיך דערמיט ביי ר׳ בנימינען געקויפט אַן אייביקן מפטיר. ווען ער האָט נאָר געהערט ראַוויטשעס

נאָמען האָט ער געקלאַפּט מיט די פויסטן אין טיש אַריין און געשריגן „משוגענער".

מיך האָט ער גערופן „טרייפענער ביין". עס איז געווען איבער מיין בונדיזם. ר' בנימין קאַצענעלנסאָן האָט געטענהט, אויב אַ ייד וואָס קאָן אַזאַ פּיינעם לשון־קודש אַזן איז אויך נישט קיין גוי אין דער גמרא, אויב ער קאָן ביי זיך פועלן צו זיין אַ בונדיסט, דאַן איז ער נישט מער סיידן אַ טרייפענער ביין.

זייער זעלטן און ביי גאָר אַ גוטער שטימונג, ווען ר' בנימין האָט געוואָלט זיך אַ קאַפּעטשקע אָפּרוען און אַ שמעק טאָן צום עולם־המעשה, פלעגט ער אויך אַ שרייב־טאָן יידישע פערזן.

אַמאָל אין אַ הייסן זומער־טאָג ווען די אַלטע מאַדאַם קאַצענעלנסאָן איז גראָד נישט געווען אין לאָדזש, זי האָט געליטן אויף אַ שטאַרקן רעוו־מאַטיזם און דאָקטוירים האָבן זי געהייסן פאָרן קיין טשעכאָטשינעק צו נעמען דאָרט די באַרימטע בלאָטע־בעדער, בין איך אַרויפגעקומען צו יצחק קאַצענעלנסאָנען. אין קאָרידאָר האָט מיך געטראָפן ר' בנימין. ער האָט מיך פאַרזיכטיק אָנגענומען ביי דער האַנט און אַריינגעפירט אין אַ זייטיק צימערל. ער האָט פאַרשלאָסן הינטער זיך די טיר און צו מיר אַ זאָג געטאָן:

— טרייפענער ביין, קומט, איך וועל אייך לייענען וואָס איך האָב אָנגעשריבן אויף זשאַרגאָן.

ער האָט אַרויסגענומען אַ העפטל און גענומען לייענען. עס איז געווען אַ לאַנג ליד מיט אַלטמאָדישע גראַמען, אַ ליד אויפן אופן פון שיר־השירים. די פּאַסטושקע פּאַשעט אירע שעפעלעך צווישן די לאַנקעס פון שרון. דער פּאַסטעך זיצט ערגעץ אויף אַ הויכן באַרג, בענקט צו דער פּאַסטושקע און שפּילט אויף אַ פייפעלע.

ווען ר' בנימין האָט פאַרענדיקט דאָס לייענען האָט ער מיך אַ פרעג געטאָן:

— טרייפענער ביין, ווען מיין איך דאָ?

— דער פּשט ליגט קלאָר ווי אויפן טעלער, האָב איך געענטפערט. די פּאַסטושקע איז אייער פרוי. די לאַנקעס פון שרון זענען די בלאָטע־

בעדער פון טשעכאָטשינעק. דער פאַרבענקטער פאַסטעך זענט איר. דאָס פייפעלע איז דאָס אָנגעשריבענע זשאַרגאָנישע ליד.

ביי ר׳ בנימינען האָט זיך שטאַרק אָנגעהויבן צו טרייסלען די באָרד. ער האָט צו מיר אַריבערגעקוקט דורך זיינע האַלב־צעבראָכענע בינאָקלעס און האַסטיק אַ זאָג געטאָן:

— טרייפענער ביין, איר האָט געטראָפן.

קאַפּיטל איין און דרייסיק

אַ געשפּענצט פון משכּילישן פּאַרצייטנס. עס רוישן די בית־עולם־ביימער איבער מאיר פּאַנערס געבראָכענע הערצער. ער שפּילט פאַר אונז די דראַמעס מיט וועלכע ער איז פאַרנומען אין טראָגן. אַ פּאַנער־טעאַטער אין ירושלים. צוויי יידן שיסן אויף זיך מיט מאמרי־חז״ל. מאיר פּאַנער האַלט שטאַל און אייזן פון די יינג־יידישיסטן.

די שטוב פון די קאַצענעלנסאָנס — אַחוץ דעם וואָס זי האָט געהאַט אָפענע טירן פאַר יעדן וואָס האָט נאָר געוואָלט דאָרט אַריינקומען — האָט זי אויך אַנטהאַלטן עטלעכע „ליטעראַרישע סאַלאָנען״. צו יצחק קאַצענעלנסאָנען זענען אַריינגעקומען אַלע לאָדזשער יידישע שריפטשטעלער, אַפילו די „יינג־יידישיסטן״ מיט משה בראָדערזאָנען בראש וואָס זענען געשטאַנען אין ביטערן קאַמף מיט די „קלאַסיקער״. זיי זענען אויך אַריינגעקומען צו יצחקן. ביי די קאַצענעלנסאָנס אין שטוב איז געווען וואַפנשטילשטאַנד אין די בלוטיקע קאַמפן פון בראָדערזאָנען מיט זיינע קעגנער. עס איז כמעט שווער צו זאָגן, צי אין די טעג פון זיינע געוואַלדיקע דערפּאָלגן האָט בראָדערזאָן גאָר געהאַט קעגנער. ער האָט זיי אַלעמען „צעכמאַליעט״ און מע האָט מורא געהאַט דאָס מויל צו עפענען. אפשר האָט זיך דאָן יאָ געפונען עמעצער וואָס האָט בסוד שטאַרק געספּקט אין בראָדערזאָנס טאַלאַנטן, נאָר ער איז געווען שטיל ווי אַ לעמעלע.

אַרום ר׳ בנימין קאַצענעלסאָנען האָט זיך אויך געזאַמלט אַ „ליטעראַרישער סאַלאָן״. עס זענען געווען אַלטע משכּילים, אַמאָליקע העברע־

אישע שרייבער וואָס פלעגן נאָך שרייבן אין „המגיד“ און אין „המליץ“, נעמען וואָס האָבן אַמאָל געקלונגען אין די צייטן פון דער השכלה. דאָס דור וואָס האָט זיי באַוואונדערט ליגט שוין פון לאַנג אויף די בית־עלמינס פון פוילן און ליטע. דער פלוס פון דער צייט האָט זיי פאַרוואָרפן קיין לאָדזש ווי שפּליטער וואָס זענען פאַרבליבן נאָך אַן אונטערגעהאַקטן וואַלד. אַלטע, פאַראייניזאַמטע, פאַרגעסענע, פלעגן זיי אַרויפקומען צו די קאַצע־נעלנסאָנס אין הויז, טרינקען אַ גלעזעלע טיי, דערציילן פון די פאַר־צייטישע צייטן און פון די פאַרצייטישע משכילים, און מפלפל זיין זיך מיט ר׳ בנימינען וועגן דקדוק, צי גאָר וועגן אַ הארבן פסוק, אָדער וועגן גמרא.

איינער פון די דאָזיקע פאַרגעסענע מענטשן, וואָס פלעגן גאַנצע טעג און ביז שפּעט אין דער נאַכט אָפּזיצן ביי די קאַצענעלנסאָנס און כמעט באַלאַנגט דאָרט צום הויז־געזינט איז געווען מאיר פאַנער.

ווי אַלט מאיר פאַנער איז איז שווער געווען צו טרעפן, פונקט ווי עס איז שווער צו וויסן אויפן קוק די יאָרן פון אַ מומיע. מאיר פאַנער האָט גיכער אויסגעקוקט ווי אַ פאַרטריקנטער מענטשלעכער סקעלעט וואָס איז אַרויסגעקראָכן פון זיין קבר, וואו ער איז שוין געלעגן זיבנט דורות, — ער האָט פאַרגעסן זיך אומצוקערן צו זיין רו און דרייט זיך דערווייל אַרום ביי די קאַצענעלנסאָנס. ער איז געווען די קלאַסישע אָפּ־לייקענונג פון אַלע ראַזיקע האָפענונגען פון מענטשלעכן לעבן. און ער האָט מיט זיין גאַנצער פיזיאָנאָמיע געוויזן דאָס בילד פון מענטש־לעכן צעפאַל און מענטשלעכער פאַרגענגלעכקייט. אַלע לעבנס־זאַפטן זענען געווען אין אים אויסגעטריקנט ווי ביי אַן איינגעדאַרטן בוים. אַ טונ־קעלע פאַרמעטענע הויט האָט באַצויגן זיין לאַנגן סקעלעטהאַפטיקן גוף, וועלכער איז נישט מער געווען סיידן אַ געשטעל פון טרוקענע ביינער וואָס באַוועגן זיך. דער לענגלעכער קאָפּ־שאַרבן האָט אויסגעקוקט ווי אַן אויס־געטריקנטער טויטנקאָפּ וואָס מ׳האָט אים אויסגעגראָבן ערגעץ פון אור־מעטיקע זאַמדן. די עטלעכע גרויע האָר וואָס זענען נאָך געוואַקסן אויף דעם דאָזיקן טויטנשאַרבן האָבן אים נאָך מער צוגעגעבן דאָס גראָטעסקע פונם געשפּענצטהאַפטיקן. פאַנער האָט געהאַט אַ גרוי אויסגעקראָכן בערדל און אַן איינגעפאַלן מויל. אַ מויל וואָס האָט נישט מער פאַרמאָגט ווי צוויי

שפיציקע פאַרפוילטע ציינער וואָס זענען געזעסן אויפן סאַמע פאָרנט. דאָס דאַזיקע מויל האָט כמעט שטענדיק געהוסט און געכראַקעט. פאַנער האָט גערעדט אַ הוסטנדיקער ווי אַלצדינג אין אים אינעווייניק וואָלט זיך געבערעקלט פון אַלטקייט. הענט האָט ער געהאַט לאַנגע און דאַרע און טונקעלע פון אַלטקייט, — הענט מיט לאַנגע פינגער וועלכע פאַנער האָט ליב געהאַט אויסצושטרעקן אין דער לופטן אַריין בעת ער האָט גערעדט. אויך זיין הלבשה האָט אויסגעקוקט צו זיין אַ צעפוילטע ווי פון קבר אַרויס. אַלצדינג האָט אויף אים אומגעלומפּערט געהאַנגען. ער האָט געטאַפּטשעט אין אַ פּאָר גרויסע שיך וואָס זייערע בענדלעך זענען שטענדיק געווען אויפגעבונדן.

נאָר פון דעם דאַזיקן טויטנשאַרבן אויף מאיר פאַנערס גוף האָבן אַרויסגעקוקט צוויי שוואַרצע לעבעדיקע און פייערדיקע אייגעלעך וואָס האָבן געברענט מיט ליידנשאַפט און יצר־הרע. מע האָט דערציילט, אַז פאַרצייטנס, ווען מאיר פאַנער איז נאָך געווען אַ יינגערמאַן, — ס'האָט זיך גאָר נישט געגלויבט, אַז דער דאַזיקער געשפּענצטערהאַפטיקער גוף איז אַמאָל געווען יינג — האָבן ווייבלעך נישט געקאָנט באַשטיין דעם ברען פון אָט־אָ די אויגן, און פאַנער האָט געבראָכן הערצער. פון די אַלע אַמאָליקע געבראָכענע הערצער איז שוין פון לאַנג געוואָרן שטויב — און איבער דעם דאַזיקן שטויב רוישן די בית־עלמין־ביימער. די ליבע־מעשיות וואָס מע האָט דערציילט פון פאַנערן האָבן אויך באַשיימפּערלעך באַ־שטעטיקט די פאַרגענגלעכקייט פון מענטשלעכן לעבן און ווען פאַנער האָט געהערט זיי דערציילן האָט זיך זיין גוף נאָך מער געטרייסלט אין קייכענדיקן הוסטן און די אויגן האָבן שפּיציק און שעלמיש געלויכטן.

דער דאַזיקער מאיר פאַנער איז אָבער פול געווען מיט ליטעראַרישע אַמביציעס.

ער האָט געשריבן דראַמעס. ס'רוב אויף ביבלישע טעמעס. עס איז שווער צו זאָגן אַז די דאַזיקע דראַמעס האָבן געהאַט וואָסער עס איז ווערט. דאָס וואונדער איז נאָך גרעסער: הגם פאַנער איז געווען אַ למדן און אַ קענער פון העברעאיש און מליצה, איז זיין אייגענע העברעאישע שפּראַך אין די דראַמעס געווען זייער אַ הילצערנע און אַן אומגעלומפּער־טע. איידער מאיר פאַנער האָט אָנגעשריבן זיינע דראַמעס, — ד. ה.:

ווען ער איז נאָר פאַרנומען געווען מיט זיי אין טראָגן — און געשריבן האָט ער כסדר, פון זיין סאַמע יוגנט ביז צום לעצטן טאָג פון זיין לאַנג לעבן, — פלעגט ער פון זיי דערציילן און טיילמאָל אויך שפּילן פאַר אונז די דראַמאַטישע סצענעס וואָס האָבן געבורטשעט ביי אים אין בויך. ווען איך בין אַרויפגעקומען צו די קאַצענעלנסאָנס און געהערט ווי פאָנער קאָכט זיך פון דער דראַמאַטישקייט פון זיינע שריפטשטעלערישע פּלענער, האָט ממש אָנגענומען אַן אימה צו זען ווי די דאָזיקע צעבראָכענע מענטשלעכע חורבה שפּילט דראַמאַטישע סצענעס. דערביי האָט זיך זיין גאַנצער גוף געטרייסלט פון הוסטן. פאָנער האָט אויסגעשטרעקט זיינע לאַנגע קנאָכעדיקע פינגער אין דער לופטן אַריין ווי אַ שפּין פון עולם־התוהו.

מאיר פאָנער האָט זיך געהאַלטן פאַר אַ העברעאישן שעקספּיר. נישט געקוקט דערויף וואָס יעדער טאָג האָט געשיינט צו זיין ביי אים דער לעצטער און ער האָט אַרומגעטאַפּטשעט מיט זיינע אויפגעשנורעטע שיך — האָט ער כסדר געוואַרט אויף דער גרויסער אָנערקענונג און כסדר דער־ציילט ווי אין ירושלים וועט מען ספּעציעל אויסבויען אַ „פאָנער־טעאַטער״ און זיינע דראַמעס וועלן ענדלעך דערזען דאָס ליכט פון די בינע־ברעטער און יידן וועלן לויפן און קוקן.

די באַציאונגען צווישן מאיר פאָנערן און ר׳ בנימין קאַצענעלנסאָנען זענען געווען זייער טשיקאַווע. פאָנער האָט געהאַלטן ר׳ בנימינען פאַר פאַרעלטערט און ער האָט אים וועגן דעם אָפט געגעבן אַ קאַפּולער אָנ־צוהערעניש. די יידן האָבן צווישן זיך נישט געפירט קיין אַנדערע גע־שפּרעכן סיידן וועגן תורה און השכלה. אין דעם דאָזיקן פּרט זענען ביידע געווען גוט אונטערגעגאַרטלט. דעם שאַרפסטן פּונקט פלעגן זייערע גע־שפּרעכן דערגרייכן ווען ס׳איז געקומען צו רייד וועגן מתנגדות און חסידות. ר׳ בנימין קאַצענעלנסאָן איז מן־הסתם געווען דער לעצטער מאָהיקאַנער פון מתנגדים אין פוילן. ער האָט אויף חסידים און חסידות געקוקט מיטן אַלטן קוק פון ווילנער גאון און פון די אַמאָליקע משכילים. חסידים זענען ביי אים געווען סיי אָפּטריניקע פון דרך־התורה און סיי פאַנאַטישע פינצטערלינגען. מאיר פאָנער דאַקעגן, ווי אַן אייביקער נייצייטלער און רעוואָלוציאָנער, האָט גראָד שטאַרק פאַרטיידיקט דעם דרך פון חסידות.

ר׳ בנימין קאַצענעלנסאָן האָט אַרויסגענומען זיין שטאַרקסטן וואָפן און געשריגן — ווי אַזוי קאָן זיך אַ פאַרשטענדיקער מענטש שטעלן אַקעגן דעם ווילנער גאון ? פאָנער האָט זיך צעהוסט און געזאָגט אַז דער „ווילנער גאָן״ איז פאַר אים נישט קיין אויטאָריטעט. מער האָט אים נישט געפעלט. ביי ר׳ בנימינען האָט זיך די באָרד צעטרייסלט ווי אַ שטורעם־ווינט, ער האָט געקלאַפּט מיט די פויסטן אין טיש אַריין און געשאָסן אויף פאַ־נערן מיט מאמרי־חז״ל. פאָנער האָט צוריקגעשאָסן מיט מאמרי־חז״ל. דער סוף איז געווען, אַז קיינער האָט שוין מער נישט פאַרשטאַנען קיין וואָרט פון דעם וואָס אָט די יידן שרייען. ר׳ בנימין האָט אַ מאַך געטאָן מיט די פויסטן און זיך אַוועקגעזעצט שרייבן זיינע פערזן. פאָנער האָט זיך אין גאַנצן געטרייסלט פון הוסטן און מע האָט געמיינט אַז אַלצדינג אין אים וועט זיך צעשיטן. ערשט ווען די אַלטע מאַדאַם קאַצענעלנסאָן האָט אים מיט אַ גוטמוטיק שמייכעלע אונטערגעטראָגן אַ הייס גלעזעלע טיי האָט זיך פאָנער ווי עס איז באַרואיקט און אַריינגעטאָפּטשעט צו יצחק קאַ־צענעלנסאָנען אין קאַבינעט.

דאָרט פלעגט ער אָפט טרעפן יידישע שרייבער. אָם מייִנסטן איז ער געווען צופרידן ווען ער האָט דאָרט געטראָפן משה בראָדערזאָנען און די יינג־יידישיסטן. הגם זייערע לידער זענען אים גלייך געווען ווי קליאַטשע, פונדעסטוועגן האָט אים תמיד אימפּאָנירט די עקסטראַוואַגאַנץ און דאָס טאָן אַלעמען אויף קאַפּויער. קיין סך באַטייליקן זיך אין זייערע שמועסן האָט פאָנער נישט געקאָנט, אָבער די אייגעלעך האָבן זיך אים צעברענט אין טונקעלן טויטנשאַרבן זיינעם ווען עס איז אים געראָטן די שמועסן אַרויפצופירן אויף די פאַרצייטישע יאָרן. ער האָט געהוסט און גע־כראַקעט און דערציילט פון די אַמאָליקע ווייבלעך וועמענס הערצער ער האָט געבראָכן, — און דערביי נישט פאַרגעסן צוצומישן אַ פעפערדיקן ניבול־פה.

קאַפּיטל צוויי און דרייסיק

אַן אַלטער וואָלאָזשינער אַפּיקורוס. די גמרא האָט אים אָװעקגעקױלעט די קאַפּאָטע. ר׳ בנימין מוז נעבעך שווייגן אויב ער וויל נישט זיין קיין רוצח. שמעיה צימערמאַן קוקט נאָך אין שולחן־ערוך כדי דין ביי דין צו טאָן קאַפּויער. דער געשוואָרענער דם־שונא פון רבונו־של־עולם. יום־כפור־סעודה ביי די לאָדזשער אַפּיקורסים. אין פאַרכצומען טאָג פון יום־כפור פאָרן שמעיה און קאַרלאָווסקי בפרהסיה אויף די לאָדזשער גאַסן.

דער צווייטער פון ר׳ בנימין קאָצענעלנסאָנס מקורבים, קאַרלאָווסקי, איז זייער זעלטן געקומען. ער איז געווען אַ פּאַראַליזירטער אַלטער בחור און איז תמיד געלעגן צו בעט. אַמאָל פלעגט צו אים אַרויפקומען זיין תלמיד און שאַלאָטן־שמש שמעיה צימערמאַן, האָט אים אָנגעטאָן און אַראָפּגענומען פון די טרעפּ, אים אַרייגעזעצט אין אַ דראָשקע און געפאָרן צו די קאָצענעלנסאָנס.

פאַר קאַרלאָווסקין איז דאָס קומען צו די קאָצענעלנסאָנס געווען דער איינציקער גליקלעכער טאָג אין זיין פּאַראַליזירטן לעבן, אַ טאָג אויף וועלכן ער האָט געהאָפּט און אים אויסגעקוקט צווישן די קישנס פון זיין בעט. פאַר ר׳ בנימינען — נישט געקוקט אויף דער גרויסער שמחה וואָס ער האָט געהאַט צו זען אַמאָל אַן אַלטן פריינט, אַ געוועזענעם פייערדיקן עילוי פון דער וואָלאָזשינער ישיבה — איז עס פונדעסטוועגן פאַר אים געווען אַ פּיינפולער טאָג. ער האָט נישט געטאָרט שרייען און נישט

קלאַפּן מיט די פויסטן, הגם יעדעס וואָרט וואָס קאַרלאָווסקי האָט געזאָגט האָט ר׳ בנימינען געהויבן אין דער לופטן. ר׳ בנימין האָט געוואוסט, אַז ער האָט פאַר זיך אַ שווער־פּאַראַליזירטן מענטש וואָס דאָקטוירים זאָגן אים אָפּ דאָס לעבן ווען ער וועט זיך דאָס מינדסטע אויפרעגן. קאַרלאָווסקי קאָן נאָך חלילה אויסהויכן די נשמה ביי ר׳ בנימינען אין שטוב און צוליב ר׳ בנימינס אַקעגנריידן — און ר׳ בנימין קאָן נאָך חלילה אויף דער עלטער טראָגן אויף זיין געוויסן דאָס לעבן פון אַ מענטש. עס האָט ר׳ בנימינען געקאָסט גענוג כוח און געזונט צו בייסן זיך אויף דער צונג און הערן און שווייגן בעת קאַרלאָווסקי זיצט אַקעגנאיבער אים אויף אַן אויסגעבעטע שטול און די פּאַראַליזירטע צונג שיט פּעך און שוועבל.

עס האָט באַשיימפּערלעך אויסגעקוקט, אַז די דאָזיקע צונג איז אויסגעווייקט אין מאמרי־חז״ל און אין די נעמען פון תנאים און אַמוראים. דערביי האָט זי געשפּריצט מיט גיפט און זלזולים אויף דער גמרא און אויף די חז״ל. יעדן נאָמען פון אַן אַמורא אָדער תנא וואָס האָט זיך אַרויסגעשיט בשפע פון קאַרלאָווסקיס מויל, האָט ער, קאַרלאָווסקי, באַלד צעדרייט אין אַ צונעמעניש און אים, דעם אַמורא, דערביי אַריינגעזאָגט אויפן גרעבסטן אופן. עס האָט אויסגעקוקט ווי די גמרא וואָלט אים, קאַרלאָווסקין, און די וועלט געקוילעט די קאַפּאָטע. אַ פּאַראַליזירטער האָט ער געשפּריצט מיט כעס און גאַל אויף דער גמרא און אויפן פאָלק ישראל. ר׳ בנימין קאַצענעלנסאָן איז שיעור צעשפּרונגען. ער האָט זיך געביסן די פויסטן און געמוזט שווייגן. ווען קאַרלאָווסקיס כעס האָט דערגרייכט די העכסטע מדרגה איז ער פאַרחלשט געוואָרן און פאַרגלייזט די אויגן. מע האָט געמיינט אַז סע האַלט מיט אים ביי יציאת־נשמה. דאַן האָט אים זיין תלמיד שמעיה צימערמאַן איינגעוויקלט — סיי זומער און סיי ווינטער — אין אַ וואַרעם טוך און מיט אים צוריק געפאָרן אויף אַ דראָשקע אַהיים, און אים אָוועקגעלייגט אין בעט אַריין ביז צום נאָענטסטן יום־כפור אָדער ביז צום נאָענטסטן וויזיט ביי די קאַצענעלסאָנס.

שמעיה צימערמאַן האָט געשטאַמט פון קרושנעוויץ לעבן קוטנע. ער האָט זיך אויסגעוואַלגערט אין אַלע פּוילישע ישיבות און זיך אָנגע־

פילט דעם בויך מיט ש״ס און פוסקים. ער איז געקומען קיין לאָדזש און אַריינגעפאַלן צווישן אַ חברה פון וויסטע אַפּיקורסים. אין שמעיהס אויגן איז אויפגעגאַנגען אַ „ליכט״. ער האָט אַמאָל בחורוויז געמוזט זיין אַן אַסקעטישער פּרזמאַק, וואָרעם די דאָזיקע אַסקעטישע פרומקייט האָט ער אַריבערגעטראָגן אין זיין שפּעטערדיקער אַפּיקורסות. עס איז געווען אַ רחמנות צו קוקן אויף אים. עס האָט פון אים אַראָפּגעווייעט אַן עצבות און אַ מרה־שחורה ווי עס וואָלטן אים אונטערגעגאַנגען אַלע וועלטן. אויף פיזיאָנאָמיש האָט ער אויסגעקוקט ווי דער געשוואוירענער שונא פונם רבונו של עולם און ווי איינער וואָס דרייט זיך אַרום אויף דער זינדיקער וועלט מיט אַ שליחות אונטערצוברענגען די געטלעכע ממשלה. ער איז געווען אַ הויכער, אַ דאַרער און אַ קרענקלעך־אויסגעגעלטער ווי פון איי־ביקע תעניתים. אויפן סריסישן פּנים האָט ער געטראָגן אַ לאַנגע שפּיציקע נאָז וואָס האָט אויסגעקוקט תמיד אַרומצונישטערן און אַרומצושמעקן אין דער לופטן ווי דער שנאָבל פון אַ בייזן יענע־וועלטישן רויב־פויגל. וואָס שמעיהס נאָז האָט כסדר געזוכט, ווייס איך נישט. טיילמאָל האָט ער אויפגעהויבן אַ לאַנגע שווערע האַנט און אויסגעשטרעקט אַ שפּיציקן פינגער מיט אַ שוואַרצן באַבע־נאָגל. ווען ער האָט אויפגעהויבן דעם דאָזיקן אימהדיקן פינגער, האָט זיך אויסגעדוכט אַז ער גייט ברענגען אויף גאָטס וועלט דאָס חשכות פון פרום־אַסקעטישער אַפּיקורסות.

שמעיה צימערמאַן האָט זעלטן־ווען אויפגעהויבן און געוויזן זיינע אויגן. ער האָט כסדר געקוקט אויף דער ערד. ווען ער האָט אַמאָל אויפ־געהויבן די אויגן און עמעצן אָנגעקוקט, האָט אין האַרצן אַ נאָג געטאָן אַן עצבות.

מענטשן האָבן דערציילט, אַז שמעיה צימערמאַן קוקט כסדר נאָך אין שולחן־ערוך כדי דין־ביי־דין דאָרט אַלצדינג צו טאָן אויפן קאַפּ־פויער. דער רבונו של עולם האָט געהאַט פון אים צו זינגען און צו זאָגן. שבת און יום־טוב האָט מען אים געזען הינקען — און דאָס איז געווען דערפאַר ווייל אין יענע טעג — ווען עס איז אַ מצווה צו האָבן תענוג — איז שמעיה צימערמאַן ספּעציעל געגאַנגען אין זייער ענגע שיך כדי נישט צו האָבן קיין עונג שבת ויום־טוב. אַזוי ווי ער איז געווען אַ כהן, האָבן מענטשן דערציילט, אַז ער האָט ליב טיילמאָל צו נעכטיקן אויפן

בית־הקברות. ער האָט געדאַוונט אין פּסולע תּפילין און אין אַ טלית מיט פּסולע ציצית. פּסח צום סדר האָט ער מיט גרויס פרומקייט געגעסן אַ כּזית חמץ. תּשעה־באָב האָט ער געלייענט די מגילה און געגעסן המן־טאַשן. שמחת־תּורה איז ביי אים געווען דער שוואַרצסטער טאָג אין יאָר. ער איז דאַן געגאַנגען אין די זאָקן און זיך געשיט אַש אויפן קאָפּ. ראש־השנה האָט ער געבלאָזן מיט אַ געשפּאָלטענעם שופר. שמעיהס מקורבים האָבן געשוואָרן אַז אַזוי איז עס טאַקע. ס׳איז דעם האַר פון די וועלטן בישט געווען מיט וואָס מקנא צו זיין ווען ער האָט אויף זיך געהאַט אַזאַ שונא ווי שמעיה צימערמאַן.

קאַרלאָווסקין האָט שמעיה צימערמאַן באַטראַכט ווי דעם זקן פון לאָדזשער אַפּיקורסים און זיך געדרייט לעבן אים ווי אַ געטרייער שאַ־לאַטן־שמש. ער האָט אים אַמאָל אַרויפגעפירט צו די קאַצענעלנסאָנס, — אָבער דער עיקר איז געווען יום־כּפּור.

יום־כּפּור איז ביי שמעיהן געווען דער דערהויבנסטער טאָג אין יאָר. אין יום־כּפּור האָט ער מער געהינקט ווי אין אַלע שבתים און יום־טובים און די שפּיץ נאָז האָט ביי אים רויט געבליט ווי זי וואָלט געווען באַלויכטן מיט די זינדיקע פייערן פון גיהנם. ביי זיינעם אַ פריינט אין באַלוט האָבן זיך געזאַמלט פרומע לאָדזשער אַפּיקורסים כּדי צו פייערן צוזאַמען די טראַדיציאָנעלע יום־כּפּור־סעודה. אָרעם און רייך האָבן זיך צוזאַמענגעלייגט איינצוקויפן כּל המינים טרפותן צו דער דאָזיקער סעודה. אויך קאַרלאָווסקי האָט צושטייער געגעבן ביד רחבה. צוועלף אַזייגער בייטאָג איז שמעיה צימערמאַן אַרויפגעקומען צו קאַרלאָווסקין, אים אַרויסגענומען פון בעט, אָנגעטאָן, איינגעוויקלט אין אַ וואַרעם טוך, אַראָפּגעפירט אויף דער גאַס און זיך מיט אים אַריינגעזעצט אין אַ גוישער דראָשקע. זיי זענען דעמאָנסטראַטיוו געפאָרן אויף די לאָדזשער גאַסן אין דעם טאָג פון ערפורכטיקן יום־כּפּור. אַלע שולן און שטיבלעך אין לאָדזש זענען געווען אָנגעפּאַקט מיט יידן. די קראָמען אויף די לאָדזשער גאַסן זענען געווען פאַרהאַקט. ס׳האָט זיך געפילט דער יום־כּפּור. קאַר־לאָווסקי מיט שמעיה צימערמאַנען זענען געפאָרן. זיי האָבן ביידע גע־שוויגן. אין באַלוט האָבן שוין די לאָדזשער אַפּיקורסים געוואַרט אויף די חשובע געסט. ס׳האָט זיך אָנגעהויבן די סעודה. קאַרלאָווסקי האָט

נישט געקאָנט עסן, נאָר ער איז געזעסן אויבנאָןביים טיש, אויף אַ שטול אַרומגעבעט מיט קישנס. די פּאַראַליזירטע צונג האָט נישט אויפגעהערט צו רעדן. זי האָט געגאָסן פּעך און שוועבל אויף יידן און אויף יידישע הייליקייטן. חברה אַפּיקורסים האָבן געגעסן די טריפה מאכלים און געֿהערט. שמעיה צימערמאַן האָט פרום גענאָגט די ביינער פון אַ געֿפגרטן האָן. ווען ביי קאַרלאָווסקין איז ענדלעך אָפּגעשטאַנען דאָס לשון פון שוואַכקייט און ער האָט אָנגעהויבן צו פאַרגלייזן די אויגן, האָט אים שמעיה צימערמאַן צוריק אַהיים געפירט.

קאַפּיטל דריי און דרייסיק

ביי יצחק קאַצענעלנסאָן אין קאַבינעט טרעפן זיך די לאָדזשער יידישע אינטעליגענץ. הייסע וויכוחים וועגן יידיש און העברעאיש. עס פאַרגייען די יאָרן און דאָס אַלטע דור שטאַרבט. נאָך של רמעות. געזאָנגען צו פוילן און צו פוילישע יידן.

פאַרמיטאָג אין די וואָכנטעג איז יצחק קאַצענעלנסאָן געווען פאַר־נומען אין זיין שולע. ער האָט דאָרט געלערנט מיט די קינדער העברע־איש און תנ״ך. נאָכמיטאָג האָבן ביי אים אין קאַבינעט אָנגעהויבן אָנ־צוקומען אַלערליי געסט. מע קאָן זאָגן: די גאַנצע מאָדערנע יידישע אינטעליגענץ אין לאָדזש—די אינטעליגענץ פון כמעט אַלע געזעלשאַפטלעכע ריכטונגען—האָבן זיך געזאַמלט ביי יצחקן אין קאַבינעט. אַחוץ יידישע שרייבער וואָס האָבן זיך דאָרט געפילט ווי ביי זיך אין דער היים, זענען אויך געקומען לערער, יידישע און העברעאישע משכילים און סתם אינ־טעליגענטע יידן. מע האָט דיסקוטירט די ברענענדיקע פראַגן פון דעם טאָג און די קילערע פראַגן פון דער אייביקייט. מענטשן וואָס האָבן זיך קיין מאָל נישט צוזאַמענגעטראָפן, האָבן זיך געטראָפן ביי יצחקן אין קאַבינעט. נישט איין מאָל זענען די שמועסן געוואָרן זייער היציקע און שאַרפע. ערשט ווען די מאַדאַם קאַצענעלנסאָן איז אַריינגעקומען מיט אַ שמייכעלע און געברענגט טיי האָבן זיך די געמיטער באַרואיקט.

מיר זענען אַלע געווען יונג. דאָס יידישע לעבן אין פוילן האָט געברויזט פון אינעווייניקסטע אידעאָלאָגישע קאַמפן. ס׳איז נישט קיין וואונדער וואָס אין דעם דאָזיקן קאַבינעט — וואו עס האָבן זיך צונויפ־

געטראָפן קעמפערישע יידישיסטן מיט קעמפערישע העברעאיסטן — האָט עס נישט אַלע מאָל געקאָנט צוגיין גלאַטיק. און ס׳זענען געפאַלן ביטערע ווערטער. יצחק קאַצענעלנסאָן האָט נישט האַלט געהאַט די ביטערע ווערטער, ער האָט געשריבן אויף ביידע שפּראַכן און ליב געהאַט ביידע שפּראַכן. אויף זיין פּנים האָט כסדר געשוועבט דער ליב־האַרציקער שמייכל פון זיין מוטער. ער האָט מיטאַמאָל אָנגעהויבן צו זינגען אַ פאָלקס־לידל כדי דערמיט צו גיסן וואַסער אויפן פייער. ער האָט זייער זיס און באַחנט געזונגען. די אויפגעשטורעמטע וואַסערן זענען צוריק אַריינגעגאַנגען אין זייערע גרענעצן.

אַזוי זענען פאַרגאַנגען די יאָרן אין דער דאָזיקער וואונדערלעכער שטוב פון יצחק קאַצענעלנסאָן. פּאַמעלעכל איז דאָרט דאָס אַלטע דור אויסגעשטאָרבן. עס זענען געשטאָרבן יצחקס עלטערן, און זייערע מקורבים. עס זענען געשטאָרבן מאיר פּאַנער און קאַרלאָווסקי. ס׳איז געבליבן בלויז דאָס יינגערע דור פון יידישע שרייבער, לערער און אינטעליגענטן וועלכע האָבן זיך געזאַמלט ביי יצחק קאַצענעלנסאָנען. ס׳זענען ווייטער דאָרט אָנגעגאַנגען די אידעאישע קאַמפן. איבער דער וועלט האָט זיך אָנגעקליבן דאָס פינצטערע געוויטער פון היטלעריזם.

אין די הערצער פון פוילישע יידן האָבן זיך די ליכטיקסטע האָפע־נונגען אָנגעהויבן אויסצומישן מיט די פינצטערע אַונגען פון נאָענטן אומקום.

ווען די דייטשן זענען אַריינגעקומען קיין פוילן איז יצחק קאַצענעלנ־סאָן אַנטלאָפן פון לאָדזש קיין וואַרשע. ער האָט שוין דאַן געהאַט אַ פרוי מיט קינדער. שפּעטער האָט ער העראָאיש מיטגעלעבט מיט די פּיין און מיט די קאַמפן פון יידן אין דער וואַרשעווער געטאָ. אין מיטן דעם יידישן חורבן אין פוילן האָט ער געשריבן זיינע שטאַרקסטע און שענסטע געזאַנגען, געזאַנגען צו יידן וואָס קומען אום אויף דער פּוילישער ערד און געזאַנגען צו דער פּוילישער ערד וואָס ווערט פאַריתומט פון אירע יידישע שיינקייטן. עס איז דער לאָגל פון טרערן וואָס יצחק קאַצענעלנ־סאָן האָט אונז איבערגעלאָזט אַלס זיין שוואַנען־ליד — ער איז אומגעקומען מיט זיין גאַנצער פאַמיליע אויף קידוש־השם.

קאַפּיטל פיר און דרייסיק

קינדער וואָס שטאַרבן יינג. בעאַטי. די השגה פון גוטסקייט. איך האָב אייך געבערענגט די זון! בעאַטי שטאַרבט.

דאָס בילד און דעם זין פון דער מענטשלעכער געשיכטע אַזוי ווי זי לויפט אָפּ אויף די לאַנגע פליינען פון דער צייט איז שווער צו דערקענען. ערשט דער היסטאָריקער און דער קינסטלער וואַרפן אַרויס פון איר לויף אַלע נעבן־זאַכן און צופעליקייטן און באַמיען זיך אונז צו ווייזן די געשיכטע אין דער דראַמאַטישער לויטערקייט פון איר אידייע. געוויס קומט זי אין דעם דאָזיקן ליכט אַרויס סוביעקטיווער. די אידייע פון דעם מענטשלעכן באַנעמען סינטעטיזירט זיך דאָ מיט דער קאָסמישער אָביעקטיוויטעט פון דער געשיכטע.

אויך דאָס אינדיווידועלע מענטשלעכע לעבן וואָס וויקלט זיך פאַנאַנדער במשך צענדליקער יאָרן איז נישט אַזוי לייכט צו דערקענען מיטן אויג. דאָס פליסן פון איר ליניע איז אויך פול מיט נעבן־זאַכן און צופעליקייטן. אויך דאָ מוז קומען דער פסיכאָלאָג און דער קינסטלער און אַרויסשיילן אין אַ זינפולער גאַנצקייט דאָס געשטאַלט פון איר אידייע.

קינדער וואָס שטאַרבן יינג און זיי האָבן נישט מער געלעבט אונטער דער זון ווי געציילטע צוויי, דריי, צי אַפילו פינף יאָר — אין זיי זעען מיר טיילמאָל דאָס געשטאַלט און די אי־ראַציאָנעלע און זינפולע חכמה פון לעבן אין אַזאַ געפּרעסטער פאָרם ווי מיר זעען עס נאָר אין אַ קונסט־ווערק. פון זייער קינדעריש פּלאַפּלען הערן זיך טיילמאָל סענטענצן ווי פון גרייז־גרויע באַיאָרטע חכמים. אין אָט די קינדער ליגט אָפּטמאָל

אַ גוטסקייט וואָס מיר טרעפן נאָר ביי זקנים וואָס האָבן אַלצדינג איבער־געלעבט, אַלצדינג שוין געזען און דערמיט דערגרייכט צו דער לעצטער השגה, צו וואָס אַ מענטש איז נאָר בכוח צו דערגרייכן: די השגה צו זיין גוט.

די מענטשהייט האָט געזאָגט, אַז די געטער ליבן די קינדער וואָס שטאַרבן יינג. אויך מיר ליבן זיי פּונקט ווי עס ליבן זיי די געטער. די דאָזיקע ליבע בליט אומהיימלעך אין אונזער האַרץ ווי אַ טונקעלע און אומבאַקאַנטע רויז. אירע בלעטער הייסן — אַנונגען.

***

מיין יינגערע טאָכטער בעאַטי איז געבוירן געוואָרן אין ציריך. איר איז באַשערט געווען צו לעבן נישט מער ווי דריי יאָר. שוין אין דער וויג האָט פון איר געשטאַלט געלויכטן אַן אידעלע שיינקייט, וועלכע האָט אונז בסוד געשראָקן און אונז נישט אָנגעזאָגט קיין גוטס. דער עיקר האָט זי אָנגעהויבן אַרויסצואווייזן אַ גוטסקייט וואָס געפינט זיך נאָר ביי מענטשן וואָס ווייסן שוין פון אַלע פאַרגענגלעכקייטן און האָבן פון אַלצדינג רע־זיגנירט. זי האָט אויך דאָס מינדסטע נישט אַרויסגעוויזן דעם חיהשן עגאָאיזם וואָס עס האָבן קליינע קינדער. בעאַטי האָט געוואוסט צו פאַר־שענקען, אָוועקצוגעבן, און מוחל צו זיין.

איך און מיין פרוי האָבן מורא געהאַט דערפון צו רעדן. נאָר מיר האָבן כסדר געזען דעם שאָטן פון טויט אויף דעם דאָזיקן וואונדערלעכן קינד. מיר האָבן ביידע געהאַט די אינערלעכע זיכערקייט, — די זיכערקייט פונם אומבאַקאַנטן וואָס זי איז פאַר יעדן מענטש זיכערער ווי אַלע זיכער־קייטן — אַז בעאַטי איז נאָר געקומען צו אונז אויף אַ ווייל און זי וועט באַלד צוריקגערופן ווערן. עס זענען נישט געווען די קערפּערלעכע שוואַכ־קייטן אירע וואָס זאָלן אונז האָבן אַרויפגעפירט אויף טויט־געדאַנקען. גראָד קערפּערלעך איז בעאַטי געווען אַ געזונט און גוט אַנטוויקלט קינד. די גוטסקייט אירע וואָס האָט אויסגעקוקט צו קומען פון אַנדערע וועלטן און דער וואונדערלעכער אינסטינקט אירער זיך אויסצודריקן — האָט אונז אָנגעפילט מיט אַנונגספולער מרה־שחורה.

ווען בעאַטי איז געקומען אין אַ גאָרטן אַריין מיט איר שפּילצייג

און מיט אירע ליאַלקעס — זי איז סך־הכל קוים אַלט געווען צוויי יאָר — איז פאַר איר געווען די לייכטסטע זאַך אַוועקצושענקען פון אירע שפּיל־צייגן אַ קינד, וועלכעס האָט גאָר נישט געהאַט. זי האָט געוואוסט צו זיין גוט צו באַשעפענישן, צו עופות, צו קעץ און צו פאַרוואָרלאָזטע הינט. איינמאָל, אין דעם צווייטן זומער פון איר לעבן, זענען מיר מיט איר געווען אין אַ שווייצאַרישן דאָרף. מיר זענען געזעסן אויף אַ לאָנקע אויף וועלכער ס׳האָבן זיך געפּאַשעט קי. חנה האָט בעאַטין אויסגעטאָן אַ נאַקעטע כדי זי זאָל זיך וואַרעמען אויף דער זון. דאָס אַנטועכץ איז געלעגן אין דער זייט. שווייצאַרישע קי זענען זייער פרעסערישע. אַ קו האָט זיך מיישב געווען און צוגעגאַנגען צו בעאַטיס מלבושימלעך און אָנגעהויבן געשמאַק צו קייען איר העמדעלע. חנה איז צוגעלאָפן און געוואָלט די קו אַוועקיאָגן. בעאַטי האָט געזאָגט צו דער מוטער:

— לאָז זי עסן מיין העמדעלע. די קו איז הונגעריק.

שפּעטער זענען מיר געקומען פון דער שווייץ קיין פוילן. און די ערשטע צייט האָבן מיר געוואוינט צוזאַמען מיט מיינע עלטערן אין לאָדזש אויף פּיעטרקאָווער נומער 88. ווי אין אַלע גבירישע שטיבער האָבן די דינסטן געהאַט דאָס ערגסטע חדר פאַר זייערטוועגן. עס איז געווען אַ קליין חדרל אָן פענצטער לעבן דער קיך. אייביק איז דאָרט געווען טונקל. בעאַטי האָט באַלד נושא־חן געווען ביי די דינסטן. זיי האָבן זיך צו איר באַצויגן מיט אַ סך ליבשאַפט און זי גערופן „די קליינע מאַמע״. אין אַ זוניקן טאָג — בעאַטין האָט נאָך געפעלט עטלעכע חדשים צו דריי יאָר. עס איז געווען איר לעצטער זומער — האָט זי אַראָפּגענומען פון טיש אַ קליינעם וואַזאָן אין וועלכן עס איז געשטאַנען אַ רויטע רויז. זי האָט מיט אירע קליינע הענטעלעך דעם וואַזאָן מיט דער רויז אַריינגעטראָגן אין דעם טונקעלן חדר פון די דינסטן און צו זיי געזאָגט:

— ביי אייך איז אַזוי פינצטער. איך האָב אייך אַריינגעבראַכט די זון.

***

אין עטלעכע וואָכן אַרום איז בעאַטי אַלט געוואָרן דריי יאָר און זי איז קראַנק געוואָרן אויף דיזענטעריע. דער פאָדעם פון איר לעבן האָט

זיך צוגעשפּונען צום ענד און מען האָט זי געקטן. ס׳האָט אויסגעקוקט אַז דער טויט קלאַפּט גאָר גאָר שטיל אָן ביי דער טיר. די קראַנקייט האָט אויסגעזען צו האָבן נישט קיין שווערן פאַרלויף און דאָקטוירים האָבן באַרואיקט. ווען בעאַטי האָט זיך נאָר געלייגט אין קראַנקן־בעט אַריין האָט מיר אָבער חנה באַלד געזאָגט, אַז עס זענען די לעצטע טעג וואָס מיר האָבן נאָך מיט איר צוזאַמען צו זיין און בעאַטי גייט אַוועק.

באַלד האָט זיך אַרויסגעוויזן אַז זי איז פאַרלוירן. דער גיפט פון דער דיזענטעריע האָט געשלאָגן אויף איר האַרץ.

דער דאָקטאָר האָט איר אָפּגעזאָגט דאָס לעבן און אונז זיך געהייסן גרייטן זי צו פאַרלירן. בעאַטי איז ענדגילטיק געלעגן אין די נעצן פון טויט און אירע טעג זענען שוין געווען געציילטע. פון דעם מאָמענט אָן האָט עס אויסגעקוקט: גראָד פאַרן אַוועקגיין ווערט זי נאָך רייפער אין איר לעצטקייט, עלטער און רעזיגנירנדיקער.

זי האָט געהאַט גוואַלדיקע יסורים און סע האָט איר אויסגעפּעלט אָטעם. אָבער בעאַטי האָט כסדר גערעדט. זי האָט געדאַנקט פאַר אַלצדינג וואָס מען האָט איר געטאָן, — און איר בליק האָט זיך פאַרוואַנדלט אין איין טיפער ליבשאַפט צו דער מוטער.

ווען דער טויט האָט זיך דערנענטערט איז שוין געווען האַלבע נאַכט. אין צימער איז געווען האַלב־טונקל. בעאַטי האָט נאָך גערעדט אין אירע טויט־אַנגסטן און געזאָגט ווערטער, וואָס עס איז ממש אומגלויבלעך זיי איבערצוגעבן. זי האָט ליב געהאַט בלומען און חנה האָט איר אין בעט אַריינגעגעבן בלומען. מיר האָבן נישט געקאָנט וויינען צוזעענדיק אָט־אָ דאָס וואונדערלעכע שטאַרבנדיקע קינד.

בעאַטי האָט געהאַלטן אַ בלום אין האַנט ביז צו איר לעצטער מינוט — און געשטאָרבן.

חנה האָט איר צוגעדריקט די טויטע אויגן.

קאַפּיטל פינף און דרייסיק

ישראל ליכטנשטיין. אין די רויטע אָפּשיינען פון צעגאָסענעם מעטאַל. די שטיפמאַמע. ליכטנשטיין גייט אויף דער „לער" צו אַ בעקער. אויף די וואָלאָצלאַווקער גאַסן בליִען די קאַשטאַן־בוימער.

פאַר דער מלחמה האָב איך די פירער פון „בונד" גאָר נישט באַקומען צו זען פאַר די אויגן. זיי זענען ביי מיר געווען אַבסטראַקטע און לעגענדאַרישע פּערזענלעכקייטן וואָס באַלאַנגען גאָר נישט צו דער פּשוטער ווירקלעכקייט. זיי ליגן ערגעץ ווי הערמאַישע אַנאַנימען באַהאַלטן אין די טונקלקייטן און קירעווען מיט דער געשיכטע. שפּעטער בין איך געוואויר געוואָרן אַז — אַליין נישט וויסנדיק — האָב איך זיי טיילמאָל געזען ביי פּרצן. מען האָט מיר פאַרגעשטעלט אומבאַדייטנדיקע נעמען פון דער הגדה. איך האָב געמיינט, אַז זיי באַלאַנגען צו פּרצעס קרובים אָדער צו זיינע באַקאַנטע פון דער גמינע. זיי זענען געקומען זייער זעלטן און נישט געהאַט קיין שייכות צו דער שרייבער־משפּחה. עס האָט זיך אויסגעלאָזט — דאָס זענען געווען פאַרקאָנספּירירטע פירער פון „בונד" וואָס פלעגן טייל־מאָל אַרויפקומען צו פּרצן. פּרץ האָט זייער דיסקרעט געהיטן זייער קאָנספּיראַציע. נישט איינמאָל איז מיר אויסגעקומען צו רעדן מיט אַ מענטש וואָס ווען איך וואָלט געוואוסט ווער עס איז — וואָלט איך געשפּרונגען פון דער הויט פון באַגייסטערונג. ער איז געזעסן לעבן מיר ווי אַ פּשוטער בשר ודם, און איך האָב גאָר געמיינט אַז ער שוועבלט ערגעץ אַרום אין די טונקלקייטן פון אַ הערמאַישן מיטאָס.

ערשט נאָך דער מלחמה, ווען איך בין געקומען קיין לאָדזש, האָב

איך זיך צונויפגעטראָפן מיט בונדישע פּערזענלעכקייטן. דער „בונד" האָט דאַן שטאַרק און אָפן געווירקט צווישן די מאַסן פּוילישע יידן. די פירער פון „בונד" זענען כמעט אַלע נאָך געווען פון יענער ערשטער לעגענדאַרישער שיכט וואָס האָט געקעמפט קעגן צאַר.

די ערשטע באַדייטנדיקע בונדישע פּערזענלעכקייט, מיט וועלכער איך האָב מיך נאָענטער באַקאַנט און פּאַמעלעכל געוואָרן זייער אינטים באַפריינדעט, איז געווען ישראל ליכטנשטיין.

אין דער אַנטוויקלונג פון זיין פּערזענלעך לעבן האָט ישראל ליכטנשטיין מיטגעמאַכט די גענעזיס פון דער אידעאישער געשטאַלט פון „בונד". פּערזענלעכקייטן פון אַ באַוועגונג זענען — פּונקט ווי דער מענטש אין דעם געשטאַלט פון דער וועלט — אַ מיקראָקאָסמישע איבערחזרונג פון אַ מאַקראָקאָסמאָס.

ישראל ליכטנשטיין איז געקומען פון דער יידישער אָרעמקייט. זיין פאָטער איז, גלויב איך, געווען אַ קליינער מלמד אין וולאָצלאַוועק. ליכטנשטיין איז אין זיינע קינדער־יאָרן געוואָרן אַ יתום, מיט אַ בייזער שטיפמאַמע און מיט שטיפברידערלעך אין די וויגן. מען האָט אים געהאַלטן אין דער היים ווי אַן איבריק מויל. צו צוועלף יאָר האָט מען אים אַוועקגעגעבן צו אַ בעל־מלאכה אַלס לערניינגל.

דער קליינער ישראל האָט נאָך געוואָלט בלייבן ביי זיין פאָטער אין חדר און ווייטער לערנען דאָס ליב־האַרציקע חומש. — הגם דער פאָטער האָט אים נישט געקאַרגט דעם קאַנטשיק און די שטיפמאַמע האָט אים דערלאַנגט דאָס מאָגערע שיסעלע גריץ מיט אַ בייזן ברום ווי ער וואָלט צוגענומען דעם ביסן ברויט פון דעם מויל פון אירע אייגענע קינדער.

דער טאַטע האָט נישט געקאָנט אויסהאַלטן די בייזוויליקייטן פון דעם צווייטן ווייב און דעם קליינעם ישראלן אַוועקגעגעבן „אויף דער לער" צו אַ מעשנגיסער.

דער מעשנגיסער איז געווען אַן אַלטער בייזער ייד אויך מיט אַ יינג צווייט ווייב וואָס האָט געציילט די קאַרטאָפל אין טאָפּ אַריין און געקאַרגט אַלעמען, אַפילו דעם מאַן, דעם ביסן אין מויל אַריין. דערפאַר האָט זי אים נישט געקאַרגט קיין קינדערלעך אויף זיינע עלטערע יאָרן.

אין די הייסע טונקלקייטן פון וואַרשטאַט האָט מען כסדר געהערט די פלאַקערנדיקע גיהנם־פייערן אונטער די קעסלען מיט צעגאָסענעם מעטאַל און דאָס האַמערן פון האַמערס. מען האָט אויך געהערט דאָס אייביקע שרייען פון די קינדער און פון דעם צווייטן ווייב. זי האָט שטענ־דיק געשריגן און געווען אין כעס און כסדר געטראָגן אַ קינד ביי דער ברוסט. עס האָט נאָר געהייסן, אַז ליכטנשטיין לערנט זיך דאָ די מלאכה פון מעשנ־גיסעריי. אין דער אמתן האָט ער כסדר געמוזט העלפן דער בייזער באַ־לעבאָסטע, אַרויסטראָגן דאָס מיסט און טאָן אַלערליי שטוב־זאַכן. ער האָט געמוזט אָפּווישן די קינדער די נעזלעך בעת די מוטער האָט נישט געהאַט קיין צייט און אויסהערן פון אירע זידלערייען און קללות. עסן האָט זי אים געגעבן ווייניק, און בייז געברומט ווען זי האָט אים סוף־כל־סוף דערלאַנגט דאָס מאָגערע מאַלצייט.

ביינאַכט ווען די קולות אין שטוב האָבן זיך באַרואיקט, די יידענע און די קינדער זענען געשלאָפן — האָט דער אַלטער מעשנגיסער גענומען מישן און איבערגיסן דאָס צעגאָסענע פייערדיקע מעטאַל אין די קעסלען. דער אַלטער ייד איז געשטאַנען אין אַ יאַרמלקע לעבן די פייערדיק־צע־פלאָסענע עלעמענטן און גערעדט צו זיך. ליכטנשטיין, אַ הונגעריקער און שלעפעריקער האָט דאַן געמוזט שטיין לעבן דעם אַלטן, בייזן, צו זיך ריידנדיקן ייד, אין מיטן דעם רויטן אָפּשיין פון די פלאַמען און אים העלפן מיט רערן בלאָזן אויף די שווער־צעגאָסענע מעטאַלן.

פאַרן קליינעם ליכטנשטיין איז עס געווען אַ גיהנם וועדליק ווי עס ווערט באַשריבן אויף די בלעטער פון מוסר־ספרים אויף עברי־טייטש — בלעטער וועלכע ער האָט ביי זיין טאַטן דעם מלמד געלייענט מיט אַזאַ אינערלעכער אימה.

ליכטנשטיין האָט עס סוף־כל־סוף נישט אויסגעהאַלטן און אַוועק־געלאָפן אַהיים.

די שטיפמאַמע, אַ פינצטערע, האָט אים מקבל־פנים געווען און גע־וויזן דעם טאַטן אויף דעם קליינעם נידערשלאָגענעם יתום. „זע נאָר, דאָס „אומגליק“ איז דאָך אַנטלאָפן פון מעשנגיסער“ — האָט זי געזאָגט.

דער טאַטע האָט אים באַלד אַוועקגעגעבן אויף דער „לער“ צו אַ בעקער.

די בעקעריי איז געווען אין אַ טיפן קעלער, אין וועלכן מען האָט געמוזט אַראָפּגיין אויף אַ סך אויסגעקרומטע טרעפּלעך. די ליכטיקייט פון טאָג האָט מען דאָרט קנאַפּ געזען. אייביק איז דאָרט געווען נודנע וואַרעם ווי אין די אינעווייניקייטן פון אַ פריש־געבאַקן ברויט. מען האָט כסדר געשפּירט געבעקס. די מענטשן, סיי דער בעקער סיי די געזעלן, זענען דאָרט געווען ווייס־איינגעמעלטע און כסדר נישט אויסגעשלאָפענע. דער בעקער איז געווען אַ קליין שוויגנדיק יידל און האָט אויסגעקוקט צו קאָנען שלאָפן שטייענדיקערהייט. אַפילו באַקנדיק דאָס ברויט איז ער דוכט זיך, אויך געשלאָפן. קיינמאָל, דוכט זיך, איז ער נישט אַרויסגע־גאַנגען פון קעלער. שבת נאָכמיטאָג איז ער געזעסן ביים וואַרעמען באַק־אויוון, געלייענט אויפן הויכן קול צאינה־וראינה און צוגעטרונקען קאַלט וואַסער. די געזעלן זענען געווען הויכע און דאַרע. איינער מיט רויטע דערצונדענע אויגן און איינער אַ שיקלדיקער. זיי האָבן ביידע געהאַט לאַנגע אויסגעצויגענע הענט און אויך געקאָנט שלאָפן שטייענדיקערהייט. דעם בעקערס ווייב איז גראָד געווען אַ דריבניטשקע. זי האָט אייביק געטראָגן אַ שלאָף־קופּקע און דאָס מויל האָט זיך איר נישט פאַרמאַכט.

ווער עס האָט דאָ אויף אים געהאַט די דעה, האָט ליכטנשטיין נישט געוואוסט. ער האָט געמוזט זיין דער משרת ביי אַלעמען און אַלע האָבן אים ליב געהאַט צו קנייפּן, אַז די טרערן האָבן זיך אים געשטעלט אין די אויגן. ער האָט געמוזט אַרויסטראָגן די פּאָמעניצע. אַלעמען באַדינען. די בעקער־געזעלן האָבן אים גערופן „אינטעליגענטל“—דערפאַר ווייל זיי האָבן ביי אים אַמאָל געפּאַקט אַ לערנביכל אויף זיך צו לערנען פּויליש. בזכות זה האָט ער געקריגן גוט אויסגעקנייפּט און מען האָט אים אויס־געשמירט דאָס פּנים מיט טייג. ער האָט געוויינט. די בעקער־געזעלן האָבן זיך דערפון מער צעלאַכט און אים געגעבן אַ קאָפּ פון הינטן. ליכטנשטיין האָט זיך אויסגעלערנט אַז מען טאָר נישט וויינען ווען עס טוט וויי.

מיט וואָס מען האָט אים דאָ געלערנט בעקעריי האָט ער אַליין נישט געוואוסט. סיידן מיט דעם וואָס איינמאָל אין דער וואָך ביינאַכט האָט מען אים געגעבן אַ בעזים אין דער האַנט אַריין און ער האָט געמוזט אַריינקריכן טיף אין די אינעווייניקייטן פונם באַק־אויוון און דאָרט

אויסקערן די אַש. דאָ איז נאָך ערגער געווען ווי ביים מעשנגיסער. ישראל ליכטנשטיין האָט זיך געפילט ווי אין די אימהדיקע הייסע שטילקייטן פון אַ פאַרלאָזענעם גיהנם. פון די בערג אַש וואָס ער האָט געמוזט אויסקערן האָבן די פונקען צו אים אַרויסגעקוקט ווי די אויגן פון שלאָפנ־דיקע מלאכי־חבלה. ער האָט זיך דערמאָנט אין די גיהנם־מעשיות פון יידישע מוסר־ספרים. ער האָט זיך געפילט גאָר ביטער איינזאַם אינ־מיטן די הייסע טונקלקייטן פון באַק־אויוון. ער האָט געקערט די קאָכע־דיקע אַש און געוויינט.

ווען ער איז אַרויסגעקומען פון באַק־אויוון פלעגט ער אויף זיך כאַפּן אַ בליק אינם שפּיגל. ער האָט זיך נישט דערקענט. ער איז געווען שוואַרץ ווי דער שטן אין „קב־הישר". די פאַרוויינטע אויגן זענען געווען רויטע און דערצונדענע פון שלאָפלאָזיקייט און אויוון־היץ. דער אַלטער בעקער האָט אים געגעבן אַ בייגל און געהייסן זיך גיין לייגן שלאָפן אויפן פּיעקעליק, וואָרעם מאָרגן מירצעשעם אין פריסטן כאַאור מוז מען אויפ־שטיין און טאָן אַרבעט.

ליכטנשטיין איז אַרויפגעקראָכן אויפן פּיעקעליק. ער האָט נישט באַלד געקאָנט איינשלאָפן. אין קעלער איז מיטאַמאָל געוואָרן שטיל. אַ קליין נאַפט־לעמפּעלע האָט ערגעץ־וואו געקאָפּטשעט. אין באַק־אויוון האָט אומעטיק געגרילצט די גריל.

ווען ער איז איינגעשלאָפן האָט ער אַמאָל געהאַט אַ חלום. זייער אַ שיינעם חלום: ער זיצט אונטער אַ בוים און אין די צווייגן זינגט אַ פויגל.

צומאָרגנס אין דער פרי נאָך דעם שיינעם חלום האָט אים דער בעקער געשיקט אין גאַס אַריין עפּעס קויפן. דער קליינער ליכטנשטיין האָט מיט אַן אָפן מויל געטרונקען די פרישע לופט. ער האָט געטראַכט וועגן זיין חלום און דערווייל זיך פאַרגאַנגען אין שפּאַציר. ס'איז געווען פרילינג. איבער די וואָלצלאַווקער גאַסן האָבן געבליט די קאַשטאַנביימער. ליכטנשטיין איז געגאַנגען צווישן בליעכץ. ס'איז געוואָרן שפּעט און ער האָט מורא געהאַט אַהיים צו קומען צום בעקער. דערווייל איז ער דער־גאַנגען צום וואָקזאַל. ער איז אַריין אין וואָקזאַל. אויף די שינעס איז

געשטאַנען אַ צוג אָפּצופֿאָרן קיין וואַרשע. ליכטענשטיין איז אַריין אין אַ וואַגאָן און זיך דאָרט אַרונטערגעלייגט אונטער אַ באַנק. ער איז געלעגן שטיל און איינגעקאָרטשעט. ס׳איז אים געראָטן ווי אַ „בלינדער פּאַסאַ־זשיר״ צו דערגרייכן די הויפּט־שטאָט פֿון פּוילן.

קאַפּיטל זעקס און דרייסיק

אין די שוי־פּענצטער פון וואַרשעווער קראָמען. ביכער און מעשה־ביכלעך. סימכע פּלאַכטע און די „מעשה מגי אַחים.‟ אין דער וואַרשעווער ביכער־קראָם.

דער קליינער ישראל ליכטנשטיין איז אַריינגעפאַלן אין וואַרשע ווי אַ ווינציק שטויבעלע אין אַ גרויסן צערוישטן וואַלד. ער האָט זיך אַרומגעדרייט איבער די וואַרשעווער גאַסן אַ הונגעריקער. אָבער ער האָט כמעט דעם הונגער נישט געפילט. די גרויסע שטאָט האָט אימפּאָנירט זיין פאַנטאַזיע. ער האָט נישט געהאַט קיינעם — ער האָט אויך קיינעם נישט געזוכט. ער האָט זיך דאָס ערשטע מאָל געפילט פריי. פריי אין זיין איינזאַמקייט אין דער גרויסער רוישיקער שטאָט.

איינציקוייז האָבן זיך פון וואַרשעווער כאַאָס פאַר אים אָנגעהויבן אַרויסצושיילן איינצלנע זאַכן וואָס האָבן גיכער געוועקט זיין אינטערעס. דאָס זענען געווען די שויפענצטער אין די קראָמען. שוי־פענצטער הינטער וועלכע די גרויסע שטאָט האָט אויסגעשטעלט די אַלערליי גלוסטיקייטן פון דער וועלט. די שויפענצטער מיט אַלערליי עסנס האָט דער הונגעריקער ישראל אינסטינקטיוו געמיטן. ער האָט זיך נישט געוואָלט דערמאָנען אין זיין הונגער. דערפאַר האָט ער אַריינגעקוקט אין פאַרשידענע אַנדערע שויפענצטער. ס'ערשטע מאָל אין זיין לעבן האָט ער מיט די אייגענע אויגן אָנגעקוקט זאַכן פון וועלכע ער האָט בלויז געהערט דערציילן.

פּלוצעם איז ער שטיין געבליבן פאַר אַ שויפענצטער פון אַ בוכהאַנדלונג.

די ליבשאַפט צו ביכער איז ליכטנשטיינען געלעגן אין בלוט. ער האָט אויף זיי געקוקט ווי אויף דער איינציקער גרויסער טרייסט וואָס לייכט ווי אַ וואַרעם פּייערל אינם פינצטערסטן מענטשלעכן לעבן. אין זיינע ביטערע יתום־יאָרן אינדערהיים אונטער די בייזווילי־קייטן פון דער שטיפמאַמע, זענען די צעריסענע חומשים אויפן טיש פון זיין טאַטן דעם מלמד, געווען ווי ליבהאַרציקע שמעקנדיקע סעדער. סעדער וואו זיינע פאַנטאַזיעס האָבן אַרומגעשפּאַצירט ווי אין בוימער־צווייט און ווי אין וואַרעמער ליכטיקייט. און ס׳איז אים געווען אַזוי גוט. דערנאָך — די מעשה־ביכלעך אויף יידיש וואָס עס האָט געלייענט די שטיפמאַמע ווען זי איז נאָר געווען אַ קאָפּעטשקע רואיקער און אויפגעלייגטער. ליכטנשטיין פלעגט בסוד זיי ביי איר גנבהנען און שלינגען די אויסגעפּעצטע זייטלעך. אָ, איר מעשה־ביכלעך אויף יידיש! די מעשה פון סימכע פּלאַכטע דעם נאַרקאָווער וואַסער־טרעגער. קוואַלן פון שקאַצישער פרייד האָבן אַרויס־געשפּריצט פון דעם דאָזיקן מעשה־ביכל. אין דער פאַרחושכטער שטוב פון זיין טאַטן האָט עס פּלוצעם גוט און זאַפטיק אויפגעלאַכט ווען מען האָט געלייענט די בלעטלעך פון „סימכע פּלאַכטע״. ליכטנשטיין האָט זיך דערמאָנט אין דער מעשה מג׳ אחים וואָס עס פלעגט אויך לייענען די שטיפמאַמע. אַ צעשיט ביכל מיט דריבנעטשקע אותיות. אָבער פון אָט אָ די אותיות האָבן מיט דער גאָלדנסטער שפּע אַרויסגעלויכטן די מרחקים פון דער וועלט. צעשטורעמטע ימים. לאַנגע אומעטיקע מדבריות. אינז־לען און זעלטענע בוימער. פאַרביקע פויגל און אַלערליי פּאַפּוגייען. עס האָט געלויכטן דאָס גאָלד און דאָס זילבער פון בגדי־מלכות, פון טייערע חפצים און קיניגלעכע קרוינען, איידלשטיינער, פּערל, שמאַראַגדן און בריליאַנטן. די פאַנטאַזיעפולסטע רייכטימער פון דער וועלט האָבן געטאָן אַ לויכט־אויף אין דעם פינצטערן חדר פון זיין טאַטן דעם מלמד. פּלוצעם האָט זיך דערהערט דאָס קלינגען פון גלעקלעך אויף די העלדזער פון קעמלען. אין די הייסע מדבר־זאַמדן האָבן געצויגן און געצויגן קאַראַוואַנען פון ישמעאלים און מדינים. זיי האָבן געפירט די גלוסטיקייטן פון דער ערד פּונקט ווי זייערע אַמאָליקע זיידעס פון חומש. פויל און פאַמעלעך האָבן זיי געצויגן איבער די אומענדלעכע אומעטיקע זאַמדן. פּלוצעם זענען זיי באַפאַלן געוואָרן פון מדבר־גזלנים וואָס זענען ווי די שטורעם־ווינטן אָנ־

גערינטן אויף ווייסע פלינקע גמלים. אינמיטן די מדבר־שטילקייטן האָבן זיך פאַנאַנדערגעפלאַקערט בלוטיקע שלאַכטן אויף שפּיזן און פיילנבויגנס. דאַן — האָבן אויף די בלעטער פון דער „מעשה מג׳ אַחים״ — אויפגעשטורעמט ימים. גרויסע זעגל־שיפן זענען אַנגעשוואומען און באַלד פאַרשלונגען געוואָרן פון די צעיושעטע פאַליעס. בלויז דער העלד פונם ביכל, אַ ייד וואָס איז נזהר געווען אָפּצוהיטן די מצווה פון שלוש־סעודות — ער אַליין האָט זיך געראַטעוועט אויף אַ ברעט. די צעשטורעמטע וואַסערן האָבן אים געטראָגן ווי אַ ליב־האַרציקע מאַמע. פון זייטוועגן האָבן זיך די וואָלקנס פאַנאַנדערגעשפּרייט איבער די פאַרפינצטערטע הימלען און ס׳האָט געטאָן אַ שיין־אויף די זון. פּאַמעלעכל איז דער ים צוריקגעקומען צו זיך און געוואָרן רואיקער. דער ייד איז געשוואומען אויפן ברעט. עס איז אָנגעקומען דער הייליקער שבת. דער ייד אויפן ברעט אין מיטן די איינזאַמקייטן פון ים איז דערציטערט געוואָרן פון דעם געדאַנק, אַז ער וועט חלילה דאָס ערשטע מאָל אין זיין לעבן נישט קאָנען מקיים זיין די מצווה פון שלוש־סעודות.

זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז ווען אַ ייד קלויבט זיך אויס אַ מצווה און איז גרייט פאַר איר אָוועקצוגעבן דאָס לעבן, פאַרלאָזט אים נישט דער רבונו של עולם אין זיין נויט. דאָס ברעט האָט פונקט שבת צו שלש־סעודות דעם ייד אַרויסגעטראָגן אויף אַ ליכטיק אינדזל. אַן אינדזל פון בריליאַנטן און אַבנים־טובות. ס׳האָבן דאָרט געוואוינט די ליב־האַרציקע רויטע יידעלעך און זיי האָבן גראָד געהאַלטן אין סאַמע שלוש־סעודות. דער ייד איז מקיים די מצווה, בלייבט ביי די רויטע יידעלעך, האָט דאָרט חתונה מיט דער בת־מלכה, און ווערט מיט דער צייט דער מלך פון אינדזל. און אַלץ צוליב זיין עקשנות אין דער הייליקער מצווה פון שלוש־סעודות.

ליכטנשטיין איז געשטאַנען ביים שויפענצטער פון דער ביכער־קראָם. די ביכער זענען דאָרט געווען אויסגעלייגט ווי די וואונדערלעכע וועלטן פון גליק און שפע — וועלטן וואָס עפענען זיך אַפילו פאַר דעם אומגליקלעכסטן און אָרעמסטן מענטש און וויגן אים איין אין אַ זיסן פאַרגעסן. עס זענען געלעגן דאָרט ביכער אין אַלערליי שפּראַכן. אויף זייערע שער־בלעטער האָבן זיי צוגעזאָגט די גרעסטע תענוגים פאַר דער פאַנטאַזיע.

ליכטנשטיין האָט אַליין נישט געוואוסט ווען און ווי אַזוי ער האָט געעפנט די טיר פון דער ביכער־קראָם, געבליבן אינעווייניק שטיין ביי דער טיר און זיך אַרומגעקוקט אויף די ווענט און טישן פולע מיט ביכער.

דער באַלעבאָס פון דער וואַרשעווער ביכער־קראָם, אַן עלטערער ייד אין אַ הויכער סאַמעטענער יאַרמלקע, מיט גרויסע ברעמען איבער די אויגן און מיט אַ ברייטער און לאַנגער קיניגלעכער באָרד וואָס האָט אים דערגרייכט כמעט ביז צום בויך, אַ באָרד פון די מעשה־ביכלעך, האָט געפרעגט ביי ליכטנשטיינען וואָס ער וויל.

ליכטנשטיין האָט תחילת נישט געוואוסט וואָס צו ענטפערן, פּאַ־מעלעך אָבער האָט ער דעם ייד דערציילט זיין מצב אין וואַרשע און אַז ער זוכט דאָ אַרבעט.

— אויב דו ווילסט קאָנסטו בלייבן ביי מיר אין קראָם און העלפן ביי די ביכער, — האָט דער ייד געזאָגט.

ליכטנשטיין איז געבליבן.

⁂

עטלעכע יאָר האָט ישראל ליכטנשטיין געאַרבעט אין דער בוכהאַנד־לונג. ער האָט אָנגעהויבן ווי אַ געוויינטלעך שיק־יינגל, און שפּעטער געוואָרן אַ פאַרקויפער פון די ביכער. ער האָט אַ סך געלייענט און זיך געלערנט.

ס׳האָבן זיך אָנגעהויבן די רעוואָלוציאָנערע צייטן פון 1905. די אָרעמע יידישע מאַסן — פון וועלכע ישראל ליכטנשטיין איז געקומען און מיט וועלכע ער איז געווען טיף צונויפגעבונדן מיט אַלע פעדעם פון זיין שיקזאַל און געמיט — זיי האָבן אויפגעלויכטן אין אַ באַוועגונג וואָס איז געקומען צו זיי. בעסער געזאָגט: אַ באַוועגונג וואָס האָט אַרויסגע־שטראָמט פון זייערע אייגענע אינערלעכקייטן. דער „בונד" האָט דאַן אָנ־געצונדן די געמיטער פון יידישע אַרבעטער. גראָד די יעניקע פאָלקס־שיכטן וואָס זענען ביז איצט געשטאַנען גאָר פון הינטן אין דעם געזעל־שאַפטלעכן געשטאַלט פון דער יידישער נאַציע. מיט אַ רעוואָלוציאָנערן אימפּעט האָבן זיי זיך געגעבן אַ טראָג אַרויס פאַרויס אויף אַלע פראָנטן

פון יידישער היסטאָרישער טעטיקייט. דער „בונד" איז אַדורכגעגאַנגען ווי אַ שאַרפער ציטער פון טיפער באַנייאונג אין די אָרעמע אָפּגעשטאַנענע יידישע מאַסן. אין די פינצטערנישן פון יידישן לעבן האָט מיטאַמאָל אויפגעבליצט אַ ליכט פון אַ גרויסן מענטשלעכן ווילן. די יידישע מאַסע וואָס איז ביז איצט געשטאַנען אַ נידערגעשלאָגענע ביי די ראַנדן פון דער וועלט, האָט אויפגעהויבן אירע הענט צו זיין דער שליח און צו טראָגן פאַר דער וועלט גליק און באַפרייאונג. די יידישע מאַסע האָט זיך אינערלעך און אויסערלעך באַנייט אונטער די צעפלאַטערטע פענער פון „בונד".

די בשורה פון „בונד" איז פאַר ליכטנשטיינען אויך געווען די בשורה פון זיין פערזענלעך לעבן. די ביטערע נויטן פון זיין יוגנט אין קעגנזאַץ צו די שיינקייטן פון די ביכער — דאָס איז געווען דער ווידערשפרוך פון זיין לעבנס־גורל. אָט דער ווידערשפרוך האָט איצט באַקומען זיין תיקון אין דעם רעוואָלוציאָנערן אויפברויז פון די יידישע מאַסן. דער ווידערשפרוך האָט זיך סובלימירט אין אַ גרויסער באַציאונג. ליכטנשטיין האָט שטענדיק געלעבט צווישן טרוים און ווירקלעכקייט ווי צווישן פינצטערניש און ליכט. ענדלעך האָט אויך די ווירקלעכקייט אָנגעהויבן אויפצוּלויכטן אין דעם ליכט פון אַ טרוים.

ער האָט זיך מיט לייב און לעבן אַריינגעוואָרפן אין דער רעוואָלוציאָנערער אַרבעט פון „בונד". דורך דער סכנהפולער אומלעגאַליטעט אין וועלכער דער „בונד" האָט דאַן געאַרבעט, האָט אין ליכטנשטיינען אויפגעבליט דאָס גאַנצע העראָאישע טרוימהאַפטיקייט פון זיין וועזן. זיין ליבשאַפט צו דער יידישער אָרעמקייט פון וואַנען ער איז אַליין אַרויסגעקומען, האָט אָנגענומען די גלאָריע פון העראָאיזם.

ליכטנשטיינס פאַרטייאישער פסעוודאָנים איז געווען „סאַמואיל". ער פלעגט זיין איינער פון די פערזאָנען וואָס האָבן פאַרבונדן דעם אומלעגאַלן „בונד" מיט פרצן.

ליכטנשטיין האָט געהערט צו יענעם מין אידעאַליסטן, וואָס הגם אין זייער פערזענלעך לעבן, פון זייער אייגענער דערפאַרונג, האָבן זיי לײדער ניט געקאָנט אויסגעפינען, אַז דער מענטש איז טאַקע באמת גוט, פונדעסטוועגן זענען זיי איינגעגלויבט אין דער מענטשלעכער גוטסקייט ווי אין אַן אמת אָן וועלכן מען קאָן גאָר נישט לעבן. עס לוינט זיך גאָר־

נישט צו לעבן, אויב דער מענטש איז נישט גוט. פאַר די דאָזיקע אידעאַ־ליסטן איז דער קאַמף פאַר אַ גערעכטער וועלט אַ זיכערער וועג צו דער־גרייכן די מענטשלעכע גוטסקייט אין וועלכער זיי זענען אַזוי טיף איבער־צייגט.

ישראל ליכטנשטיין האָט געגלויבט אַז הינטער דער טיר שטייט שוין די בעסערע וועלט און מען דאַרף נאָר די טיר אויפצורייסן און זי אַריינ־צולאָזן. אומעטום דאַרף מען אָנצינדן דעם גלויבן אין דעם גערעכטן מענטש, און עס וועט ווערן ליכטיק. פאַר ליכטנשטיינען איז נישט געווען קיין אָפּרו אין דער דאָזיקער וואונדערלעכער אמונה פון אַ מענטש אין דער מענטשהייט.

ער האָט זיך געלערנט זיין אַ לערער פאַר טויב־שטומע, און ער האָט טאַקע אָנגענומען אַזאַ פּאָסטן אין די טויב־שטומע שולן פון דער יידישער גמינע אין וואַרשע. אומעטום וואו עס איז נאָר פינצטער אינם מענטש האָט ער געוואָלט אַריינטראָגן דאָס וויסן און די פרייהייט.

קאַפּיטל זיבן און דרייסיק

אַ בונדישער תלמיד חכם. אָפּטימיזם.

ווען איך האָב מיך נעענטער באַקאַנט מיט ישראל ליכטנשטיינען האָט ער געוואוינט אין לאָדזש. בעת דער דייטשער אָקופּאַציע איז דער „בונד" אַרויסגעקומען פון די אומלעגאַלע באַהעלטענישן און האָט אָנגעהויבן צו ווערן אַ גרויסע מאַסן־באַוועגונג. זיינע איינפלוסן זענען געוואַקסן. דעם בונדס וויזיאָנערישע קאָנסטרוקציע פון יידישן לעבן האָט ביז גאָר צוגעפּאַסט צו דער שטימונג פון דער יידישער באַפעלקערונג אין פוילן. יידן האָבן אויסגעקוקט זיך צו באַנייען אויף דער פוילישער ערד. דער „בונד" האָט די דאָזיקע באַנייאונג וויזיאָנעריש סינטעטיזירט מיט דער באַנייאונג פון דער גאַנצער מענטשהייט. עס האָט אויסגעזען, אַז הינטער די טירן פון דער געשיכטע שטייט שוין דער גרויסער רענעסאַנס פון דער גאַנצער מענטשהייט. דער היסטאָרישער פרילינג וואָס האָט זיך אָנגעהויבן נאָכן וועלט־חורבן האָט זיך מיט אַ באַזונדערן אימפּעט צעשפּראָצט צווישן יידן אין פוילן. פוילישע יידן האָבן ממש געפיבערט. ווי שיין, ווי נײַ און ווי פרוכטבאַר עס וועט זיין די צוקונפט פון די יידישע מאַסן אין פוילן און אין גאָר דער וועלט.

עס איז שווער היינט צו שרייבן די דאָזיקע שורות און נישט צו דערמאָנען ווי ביטער איראָניש דאָס שיקזאַל האָט דעמאָלט צוגעשמייכלט צו דעם האָפערדיקן חלום־שפּיל פון מאַסן, וואָס די געשיכטע האָט שוין פאַמעלעך זיך גענומען צוצוגרייטן פאַר זיי דעם אומברענגער.

דער „בונד" איז אַרויס פון די באַהעלטענישן. זיינע לאָזונגען און זיינע קאַמפן האָבן אָנגעצונדן די יידישע אָרעמקייט און די פּשוטסטע פון

די פוילישע יידן. דער „בונד״ האָט געוואָלט זיין דער פיאָנער פון דער היסטאָרישער באַנייאונג פון די יידישע מאַסן אויף די ערטער וואו זיי וואוינען. פוילן — איז געווען דער טויזנט־יאָריקער צענטער פון גרויסע שעפערישע יידישע מאַסן. פוילן איז געווען דאָס וויגל פון דער פאַר־טיפטסטער יידישער שפראַך. די לאַנדשאַפטן פון פוילן זיינען דורך דורות געהאַט אַריינגעוואַקסן אינם יידישן געמיט, און האָבן מיטגעהאָלפן בילדעריש צו געשטאַלטיקן דעם יידישן געדאַנק, די יידישע פאַנטאַזיע און די פאַרביקייט פון דער יידישער שפראַך. פוילן איז פאַרן יידישן וועלט־פאָלק געוואָרן אַ פונקט פון שפע. דער דאָזיקער שפע־פונקט האָט אָנגע־הויבן יינגער און פרילינגדיקער צו ווערן, און אַלע געזעלשאַפטלעכע שטרעמונגען פון פוילישע יידן האָבן אים געוואָלט אויסנוצן ווי אַ שפרינג־ברעט צו אַן אָנהויבנדיקער תקופה אין דער יידישער געשיכטע. אַ תקופה, וואָס האָט געזאָלט זיין אי אַ המשך און אי אַ געוואָגטער ווייטער־גאַנג באַרג־אַרויף אויף דעם גרויסן וועלט־וועג וואָס הייסט געשיכטע פון יידן.

די גייסטיקע חשיבות פון די יידישע פאָלקס־מאַסן אין פוילן האָט דער „בונד״ געוואָלט פירן אין דער סינטעזע מיטן סאָציאַליזם. דאָס איז געווען זיין וועג צו די צוקונפט־פליינען פון יידישער געשיכטע.

דער „בונד״ האָט געוואָלט פירן די יידישע געשיכטע אויף די שליאַכן וואו עס גייט די וועלט־גערעכטיקייט.

***

ישראל ליכטנשטיינס שטוב איז לאָדזש איז געווען דער „סאַלאָן״ פון דער בונדישער אידייע. ליכטנשטיין איז געווען דער ליבלינג פון די יידישע מאַסן אין לאָדזש און ער האָט אויך פאַר זיי געהאַט אַ טיפע און פלאַמיקע ליבשאַפט. דער „בונד״, ווי דער וועג אויף וועלכן די יידישע מאַסן אין פוילן באַדאַרפן גיין צום היסטאָרישן פאָראויס — איז פאַר ליכטנשטיינען געווען די אומדערמידלעכע טאָט פון זיין לעבן. ער האָט זיין לעבן פאַרוואַנדלט אין אַט אַ דער טאָט. דער „בונד״ איז פאַר אים געווען נישט בלויז די עקאָנאָמישע און פּאָליטישע תשובה פאַר די יידי־שע מאַסן. דער „בונד״ איז געווען דאָס בילד פון אַ גאַנצן סך־הכל. דאָס

בילד אי פון דעם המשך, אי פון דער רעוואָלוציאָנערער באַנייאונג פון די יידישע מאַסן אין שייכות צום יידישן פאָלק און אין שייכות צו דער וועלט. אַלצדינג האָט ביי ליכטנשטיינען באַלאַנגט צום בילד פון „בונד": דער פּאָליטישער קאַמף פאַר יידישע רעכט אויף דער פוילישע ערד. דער סאָציאַליסטישער קאַמף פאַר דער מאַכט פונם אַרבעטער־קלאַס. די יידי־שע ליטעראַטור. די יידישע שול. און דער עיקר: דער קאַמף פאַר די השפעות פונם „בונד" אויפן יידישן לעבן. אומעטום איז ליכטנשטיין גע־שטאַנען אין דער שפּיץ פון דער בונדישער טאַט אין לאָדזש.

זיין שטוב האָט אין זיך געהאַט פון דער אַמאָליקער פּרץ־שטוב אין וואַרשע. ליכטנשטיינס הויז איז געווען אַ צענטער אין וועלכן עס האָבן זיך געזאַמלט די יעניקע וואָס האָבן געאַרבעט אויף די אַלע געביטן וואו דער „בונד" איז טעטיק געווען אין יידישן לעבן. און איך וויל דערציילן פון דער דאָזיקער שטוב אין שייכות צו דער פּערזאָן פון ישראל ליכטנ־שטיין:

קיין גרויסער גביר איז ער אויך אין לאָדזש נישט געווען. ער איז געווען אַ לערער פון געשיכטע אין אַ לאָדזשער גימנאַזיע. זיין פרוי גוטקע האָט געשטאַמט פון די אַמאָליקע בונדישע קעמפעריננס און געטאָן גע־פערלעכע אומלעגאַלע רעוואָלוציאָנערע שליחותן אין די צאַרישע צייטן. אין לאָדזש איז זי געווען אַ לערערין אין אַ שול פאַר טויב־שטומע. זיי האָבן ביידע שווער געאַרבעט, און די פּרנסה איז זיי ווייט נישט געווען איבערן מויל. פונדעסטוועגן איז ליכטנשטיינס הויז — פונקט ווי דאָס הויז פון די קאַצענעלנסאָנס — געווען אַ„ביתו פתוח לרוחה", מיט אָפענע טירן און מיט אַ געגרייטן טיש פאַר יעדן וואָס איז דאָרט אַריינגעקומען אַ הונגעריקער. שטענדיק זיינען ביי די ליכטנשטיינס געווען געסט און פרעמדע מענטשן. אָרעמע קרובים זענען געקומען צו אים נאָך הילף גלייך ווי ער וואָלט געווען אַ גביר. ליכטנשטיין האָט געגעבן און געהאָלפן ווי ווייט ער האָט געקאָנט.

ער איז געווען אַ בונדיסט אַ תלמיד־חכם. ער האָט געהאַט די טיפסטע סימפּאַטיעס פאַר פּראָסטע נישט־געלערנטע מענטשן, און די פּשוטקייט פון די יידישע פאָלקס־מאַסן איז פאַר אים געווען אַ הויכע מדרגה פון מענטשלעכער איידלקייט. אין דער זעלבער צייט איז ער געווען דער

פאַרליבטער אין דער ליטעראַטור און אין אַלטע יידישע ספרים. פאַר מענטשן וואָס האָבן ווייניק פאַרשטאַנען דעם בונדס טיפע וואָרצלען אין דער יידישער קאָנטינואיטעט, איז עס אויסגעקומען פרעמדלעך צו זען ווי אַ פירער און קעמפער פונם „בונד" זיצט ביי אַ העברייאישן ספר, ביי אַ מדרש צי ביי אַ ספר־אגדה. איך ווייס נישט צי איז עס ליכטנשטיי־נען גופא געקומען צום באַוואוסטזיין אַז דאָס דאָזיקע פאַרליבטע לייענען זיינס אין די אַלטע יידישע ספרים איז נישט בלויז די ביבליאָפילישע נייגעריקייט, נייערט דאָס געפיל: אַז די פסיכיק פון אַ יעדער טאָט פון די יידישע מאַסן איז אַ היסטאָרישע קאָנטינואיטעט, און אַז אויך דער „בונד" קומט אַרויס פון די אַלטע יידישע קוואַלן. בלויז דאָס געשטאַלט פון „בונד" איז אַ מאָדערנעס, אָבער זיינע וואָרצלען גרייכן זייער טיף אין דער יידישער אַמאָליקייט. דערין ליגט דער גרויסער רעוואָלוציאָנערער באַ־טייט פונם „בונד".

קאַפּיטל אַכט און דרייסיק

פּראָאים לאָזער. ווי דער גמרא־מלמד קוקט אויף יידן און יידישקייט. פּראָאים לאָזער ווערט אַן „אחדות״. לא יזכר ולא יפקד פּראָאים לאָזער! „זאָרג זיך נישט, מאַמע!״. פּראָאים לאָזער דערציילט פון גבירים און זייער שוואוילטאָג. ווי וועט באַלד אויסקוקן אין דעם סאָציאַליסטישן לעתיד־לבוא און וואָס וועלן מיר עסן אויף דעם סאָציאַליסטישן סעודהניו? פּראָאים לאָזער האַלט וואָרט.

לעבן ליכטנשטיינען איז דער צווייטער ליבלינג פון די יידישע מאַסן אין לאָדזש געווען פּראָאים לאָזער. אויב אויף ליכטנשטיינען האָבן זיי געקוקט מיט יחוסדיקן שטאָלץ, איז פּראָאים לאָזער געווען דער סימבאָל פון דעם רעוואָלוציאָנערן פּראָטעסט פון די יידישע מאַסן לגבי דער גבירי־שער אָרדענונג. ער האָט הויך און מוטיק געטראָגן די פלאַמיקע פאָן פון דער יידישער רעוואָלוציאָנערער אָרעמקייט. אין לאָדזש איז פּראָ־אים לאָזער געווען דער שם־דבר פון אויפגעשטאַנענעם און בונטאַרישן יידישן פּראָלעטאַריער. זיין נאָמען איז געווען אויף אַלעמענס ליפּן. די לאָדזשער גבירים האָבן אים געהאַסט פּונקט ווי די אָרעמע יידן האָבן אים ליב געהאַט.

פּראָאים לאָזער איז געווען אַ באַלוטער וועבער. אַלע האָבן געמיינט, אַז פון אָבות אַבותינו שטאַמט ער פון דעם יידישן האָרעפּאַשנעם עולם. אין דער אמתן איז ער גאָר געווען אַ זון פון אַן אָרעמען באַלוטער גמרא־מלמד. פּראָאים לאָזערס טאַטע, איז טאַקע געווען אַ קבצן אין זיבן פּאַ־לעס, דאָך וואָלט עס אים קיינמאָל נישט איינגעפאַלן אַוועקצוגעבן זיינס

אַ זון צו אַ בעל־מלאכה און אים אָוועקצונעמען פון דער גמרא. פּראַאים לאָזערס טאַטע האָט געוואוסט, אַז אַ ייד קאָן ס׳גאַנצע לעבן פאַרשוואַרצט ווערן ביי מלמדות, און פּאַרט אַדורכשטופּן דעם וואָגן צוזאַמען מיט ווייב און קינדערלעך. ס׳קאָן זיך, נישקשה, אַזוי אָוועקציען אויף דורות. מען דאַרף גראָד נישט צו זיין קיין גביר כדי צו זיין אַ ייד. אפשר זענען די יידן אויף דער פּיעטרקאָווער גאַס — יידן וואָס קאָנען נישט אַנדערש לעבן סיידן אין ראַסקאַש. אין באַלוט קאָנען קיין עין־הרע יידן אויסקומען מיטן בלויזן ווינט. דער רבונו של עולם קאָרמעט זיי מיט שה״י פּי״ה ווי די נאַקעטע פייגעלעך אויף די ביימער. פּראַאים לאָזער — אַזוי האָט געטראַכט דער טאַטע — קאָן אויך גיין אין יידישע וועגן און אויסגעריסן ווערן ביי דער גמרא ביז הונדערט און צוואַנציק יאָר.

עס זענען אָבער אויפגעקומען די „אַחדות״. באַלוט האָט אָנגעהויבן אויפצופלאַקערן אין די רעוואָלוציאָנערע פייערן פון 1905. פּראַאים לאָזער האָט געירשנט פון זיין טאַטן דאָס שאַרפע יידישע עקשנות פון אַ גמרא־מלמד. ער האָט נישט געוואוסט פון קיין קאָמפּראָמיסן און ליב געהאַט צו גיין דווקא אויף די שאַרפן פון אַ מעסער. פּראַאים לאָזער איז באַלד פאַרכאַפּט געוואָרן פון די „אַחדות״, און ער האָט ניט געמאַכט קיין לאַנגע צערעמאָניעס. ער האָט נישט ליב געהאַט דאָס קווענקלען זיך. אין אַ שיינעם טאָג איז פּראַאים לאָזער נעלם געוואָרן פון דער היים. אין באַלוט האָט מען נישט געקאָנט האַלטן קיין סוד. דער שטרענגער גמרא־מלמד האָט באַלד באַקומען צו הערן: לא די וואָס פּראַאים לאָזער אַרבעט ערגעץ אין אַ פאַבריקל, גייט ער אויך אַרום אָן אַ היטל, האָט זיך אָפּגעשוירן די פּאהלעך און איז געוואָרן אַן „אחדות״.

צווישן פרומע יידן אין באַלוט זענען דעמאָלט אַרומגעגאַנגען די מאָוימדיקסטע לעגענדעס וועגן די „אַחדות״. די פאָרשטעלונגען וועגן די באַלוטער רעוואָלוציאָנערע פּראָלעטאַריער זענען געווען צונויפגעמישט פון יענעוועלטישע פאַנטאַזיע און פרעמדאַרטיקע ווירקלעכקייט. ווי־דערשפּעניקייט צו גאָט און צום קייסער גראָד אינמיטן דער גרעסטער יידישער אָרעמקייט — אַזאַ מוט מוז אונטערטרייבן סיידן אשמדאַי בכבודו ובעצמו. אַ סך יידן האָבן נאָך געדענקט ווי די כאָלירע האָט געבושעוועט

צווישן באַלוטער אָרעמעלייט. מען האָט די רעוואָלוציאָנערע „אַחדות״ געהאַלטן פאַר נישט קיין קלענער בייז. וואָס עס ווילן די „אַחדות״ האָט קיינער נישט געוואוסט. מען האָט פון זיי בלויז דערציילט ווילדע מעשיות. די אומלעגאַליטעט, דאָס גיין אויף די גרעסטע פּערזענלעכע קרבנות מצד די יידישע אַרבעטער, די רייד זייערע, די געזאַנגען זייערע, די דעמאָנ־סטראַציעס און די רויטע פאָנען — דאָס אַלצדינג האָט זיך געלייגט אויף די אויגן פון די אַלטע באַלוטער יידן ווי אַ שוואַרץ שטיק געמיט. זיי האָבן מיט שרעק געקוקט אויף זייערע קינדער און נישט דערוואַרט קיין גוטס.

ווען דער גמרא־מלמד האָט געהערט אַז דאָס בנאָקל פּראַאים לאָזער איז געוואָרן אַן „אַחדות״, האָט ער תחילת אים געוואָלט אָראָפּלאָזן די אמתע פּעטש. ווי אַזוי פּאַטשט מען ווען דאָס פייגעלע איז אַוועקגעפלויגן? ער האָט נאָכגעקוקט אין „שולחן־ערוך״ צי באַדאַרף ער זיך גאָר אַוועקזעצן שבעה נאָכן אַנטלאָפענעם זון. דער דין איז נישט געווען קלאָר — און ער האָט זיך גענומען שווייגן און אָנגעזאָגט אַז פּראַאים לאָזערס נאָמען זאָל ביי אים אין שטוב פון קיינעם נישט געברענגט ווערן אויף די ליפּן. לא יזכר ולא יפקד. געשטאָרבן פּראַאים לאָזער. די מאַמע האָט פאַרבראַכן די הענט און געוויינט סיי אויף דעם גייסטיקן חורבן צווישן אירע קינדער און סיי פון דעם מוטערלעכן פּחד טאָמער חס־ושלום ווערט פּראַאים לאָזער געפּאַקט פון פּאָליציי און אַריינגעוואָרפן אין תפיסה. מען וועט אים דאָרט נישט באַקן קיין לעקעכלעך. די מאַמע האָט געוואוסט: איר פּראַאים לאָזער איז נישט דער מענטש קאַטאָרי וואָס וועט זיך אויסהיטן. דער ערשטער וועט ער קריכן אין פּנים אַריין דעם רב און דעם קייסער.

לאַנג האָט די מאַמע נישט באַדאַרפט וואַרטן. שכנותטעס האָבן זי גערופן צו זען ווי זעלנער מיט ביקסן פירן איבער דער גאַס פּראַאים לאָזערן בייזאַמען מיט נאָך אַ חברה אַחדות־יינגען און אַחדות־מיידן. דער יידענע איז געוואָרן פינצטער פאַר די אויגן, זי האָט פאַרבראָכן די הענט און אַרויסגעלאָפן קוקן אויפן גרויסן אומגליק. פאַר אירע אויגן האָט מען אַדורכגעפירט דעם זון. זי האָט נישט געגלויבט די אויגן צו זען אין וואָסער חברותא עס קאָן זיך היינטיקע צייטן געפינען אַ שאַרף גמרא־יינגל.

זי האָט זיך נישט געקאָנט איינהאַלטן און הויך געשריגן:

— פּראַאים לעבן, צו וואָס האָב איך דערלעבט . . .

פּראַאים לאָזער האָט געמוזט הערן דער מוטערס קול, וואָרעם אין מיטן פון דעם קאָנוואָי פון באַוואָפנטע צאַרישע זעלנער האָט ער זיך אויסגעשמייכלט און אויפגעהויבן די האַנט און געווינקען צו דער מוטער. די יידענע האָט געהערט פּראַאים לאָזערס קול וואָס רופט פון צווישן די ביקסן אַרויס:

— זאָרג זיך נישט, מאַמע!

במשך פון דער דייטשער אָקופּאַציע, ווען דער „בונד" איז אַרויס־געקומען פון די באַהעלטענישן אויף דער אויבערפלאַך — איז פּראַאים לאָזער געוווען די פּאָפּולערע פּערזענלעכקייט צווישן יידישע אַרבעטער און צווישן דער באַלוטער אָרעמקייט. מען האָט געקוקט אויף אים ווי אויף בלוט פון דעם אייגענעם בלוט, און ווי אויף דעם פּאַרקערפּערטן פּראָ־טעסטירנדיקן קעמפער קעגן די עוולות פון דער אַלטער וועלט.

פּראַאים לאָזער האָט זיך געהאַלטן פאַר דעם עוולה־מאָנער פון באַלוטער נויט. ווי יעדער רעוואָלוציאָנער האָט ער איינגעטיילט די וועלט אויף שאַרפע גרענעצן פון שוואַרץ און ווייס. אויף באַלוט האָט ער אַרויפגעלייגט דאָס גאַנצע ליכט און אויף דער פּיעטרקאָווער גאַס די גאַנצע פינצטערניש. באַלוטער אָרעמקייט האָט דאָס איינציקע רעכט צום שענסטן אין דער וועלט. פאַר דער פּיעטרקאָווער גאַס האָט פּראַאים לאָזער געהאַט נישט מער ווי די טיפסטע שנאה.

זיין פּאָפּולאַריטעט צווישן די יידישע אַרבעטער ווי אויך זיינע פייערדיקע רעדעס וואָס ער האָט געהאַלטן אויף אַרבעטער־פאַרזאַמלונגען, האָבן אין זיך געהאַט אַ סך פון אַן אַמאָליקן שטראָפנדיקן אַפּאָסטל. אַ בי־טערער מוכיח וואָס זאָגט אָן דער זינדיקער וועלט איר נאָענטן סוף און אַליין פאָכעט ער מיטן פאַקל זי אונטערצוצינדן. ער איז געווען דער פאָלקסטימלעכער רעדנער. מאַלנדיק די אומגערעכטיקייטן פון דער אַל־טער וועלט האָט ער דערציילט פון די קומענדיקע ליכטיקייטן וואָס דער

„בונד" און דער סאָציאַליזם וועלן ברענגען פאַר אַלע אָרעמע מענטשן. פון פּראָאים לאָזערס מויל האָט אַרויסגערעדט באַלוט אין איר קולטורעלן ניוואָ, אין איר טעמפּעראַמענט און איר אירע קריוודעס. די באַלוטער אַרבעטער האָבן זיך געקוויקט ווען זיי האָבן געהערט פּראָאים לאָזערן ריידן. קיינער האָט זיי נישט אַזוי אַרויסגערעדט פון די האַרץ־טיפעניש ווי ער.

ווי עס לעבן די גבירים וועמעס געדעכעניש פּראָאים לאָזער האָט תמיד דערמאָנט מיטן טיפסטן האַס — האָט ער אייגנטלעך נישט געוואוסט. ער איז קיינמאָל נישט געווען אין זייערע היימען און נישט געזען מיט די אייגענע אויגן זייער וואוילטאָג פון וועלכן ער האָט גערעדט מיט שוים אויף די ליפּן. ער האָט זיי, די גבירים, געזען בלויז אויף דער גאַס — און דאָס איז פאַר אים גענוג געווען צו שילדערן דעם גאַנצן סדום פון דער בורזשואַזער וועלט. אַלע גבירים האָבן ביי אים געהאַט איין פּנים: זיי גייען אין רייכע פעלצן און האָבן גראָבע בייכער און האַלטן פעטע ציגאַרן אין די פּיסקעס. אויף זייערע אויסגעכאָוועטע פינגער בליצט און בלאַנקט אַ מטמון מיט גאָלדענע רינגען. די גבירישע ווייבער טראָגן לאַקירטע שיכעלעך און קאַראַקולענע זשאַקעטן. דאָס בלוט און דער שווייס פון דעם אונטערגעיאָכטן אַרבעטער־קלאַס שרייט ממש אַראָפּ פון דעם דאָזיקן גבירישן עשירות און מאָנט נקמה און פאַרגעלטונג. פּראָאים לאָזער האָט דערציילט ווי די אַרבעטער־רעוואָלוציע וועט מאַכן אַ וויסטן תל פון דעם דאָזיקן גבירישן רשעות. דערפאַר וועט באַלוט אויפבליען ווי אַ רויז אין גליק און אין שפע. פּראָאים לאָזער האָט געשילדערט ווי באַלוט וועט אויסקוקן אין דעם גליקלעכן סאָציאַליסטישן מאָרגן. אויף אַלע ערטער אין באַלוט וואו עס זיינען היינט פאַראַנען עפּושדיקע בלאָטעס וועלן וואַקסן גערטנער. אָרעמעלייט וועלן דאָרטן שפּאַצירן מיט זייערע ווייבער און קינדער פּונקט אַזוי ווי די היינטיקע פאַרהאַסטע בורזשואַזיע גייט שפּאַצירן אין זייערע פּאַרקן אויף ווילקע.

אין די צייטן פון דער דייטשער אָקופּאַציע איז טאַקע איינער פון פּראָאים לאָזערס צוזאָגן מקוים געוואָרן, און עס האָט אויסגעקוקט ווי אַ דערוויילִיקער אַן אַדערויף אויף אַלע הבטחות, וואָס פּראָאים לאָזער

האָט צוגעזאָגט און וואָס וועלן קומען ווען מען וועט נאָר קעמפן פאַרן סאָציאַליזם.

אויף דער אַלטשטאָט האָט געשווימען דאָס באַרימטע אַלטע לאָדזשער טייכל „לודקע". דאָס דור יידן וואָס האָט געדענקט ווען די לודקע איז נאָך געווען אַ קלאָר האָפערדיק טייכל און גויים האָבן דאָרט געכאַפּט פיש און געשוואומען אויף שיפלעך — יענע יידן ליגן שוין אויפן לאָד־זשער בית־עלמין. דערפאַר האָט די רייכע פּיעטרקאָווער גאַס געוואָלט ביי באַלוט צונעמען דעם איין און איינציקן תענוג וואָס זי האָט נאָך געהאַט, נעמלעך, דאָס טייכל לודקע. אַלע לאָדזשער פאַבריקן האָבן דאָרט אַהין אַריינגעגאָסן זייערע הייסע אָפּפאַלעכצן. יעדעס לעבעדיקע וועזן אין די וואַסערן פון דער לודקע איז אויסגעשטאָרבן מחמת דעם גיפט פון די לאָדזשער פאַבריקן. די וואַסערן זענען געוואָרן בלוי־מוטנע און שטענדיק געפאַרעטע מיט אַ שטינקענדיקן עיפּוש. אַרום און אַרום דער אַמאָליקער שיינער לודקע האָט מען זיך געמוזט צוהאַלטן די נאָז מחמת די עיפּושדיקע ריחות.

פראַאים לאָזער האָט נישט פאַרגעסן דאָס פאַרסמטע טייכל לודקע און אויך פאַר איר צוגעזאָגט אַ ווידערגעבורט אין דעם שיינעם סאָציאַליס־טישן מאָרגן. דאָס זיגרייכע באַלוט וועט די ברעגעס פון דער לודקע פאַרפלאַנצן מיט שיינע שמעקנדיקע ביימער און דאָרט גיין שפּאַצירן אַלע שבת נאָכמיטאָג.

איבער היגיעניש טעמים האָבן טאַקע די דייטשן פאַרפלאַנצט ביימער אויף דעם אָרט, וואו די לודקע האָט פאַרעיפּושט דעם מאַרק אויף דער אַלט־שטאָט. אין די שבתדיקע נאָכמיטאָגס האָט באַלוטער ייִנגוואַרג דאָרט פונדאַסניי אָנגעהויבן צו שפּאַצירן. צווישן די דאָזיקע ביימער האָבן די דייטשן אָוועקגעשטעלט עטלעכע בענק. אַלטע יידן פלעגן דאָרט זיצן און אַרומריידן די לעצטע נייעסן.

קוקנדיק אויף אָט־די ביימער האָט באַלוט זיך דערמאָנט אין פראַ־אים לאָזערס צוזאָג. מען האָט די ביימער אָנגערופן אויף זיין נאָמען: „פראַאים לאָזערס גאָרטן".

קאַפּיטל ניין און דרייסיק

אַן אַלטע לאָדזשער משפּחה. צו די פּרוסאַקס אין דער קעשענע גיסט זיך נישט אַריין פון דעם לאָדזשער גאָלד־מבול. צוויט־ראַנגיקע לאָדזשער פאַבריקאַנטן. פאַר די פּרוסאַקס בין איך דער צדיק אין סדום. וואָס וואָלט שיין געווען פאַר אונז יידן? פּרשת „ויחי" ביי דער משפּחה פּרוסאַק. דער זעליקער פאָטער זאָגט זיינע לעצטע ווערטע.

די לעצטע דריי יאָר וואָס מיר איז אויסגעקומען צו פאַרבלייבן אין לאָדזש האָב איך געוואוינט ביי אַ באַלעבאָס וואָס האָט נאָך באַלאַנגט צו אַ משפּחה פון די עלטסטע לאָדזשער יידישע תושבים. זיי האָבן געהייסן פּרוסאַק און זענען געווען פאַבריקאַנטן באַגלייך די ערשטע דייטשן. די פּרוסאַקס האָבן געאַרבעט לאָדזשער סחורות איידער נאָך ס׳זענען אויפגעקומען די פּאָזנאַנסקיס און די זילבערשטיינס. צי זיי האָבן נישט געהאַט קיין סך פאַנטאַזיע, צי דאָס לאָדזשער מזל האָט זיי בכלל באַ־האַנדלט שטיפמוטעריש — אַ פאַקט איז, אַז דאָס פאַרמעגן פון די פּרוסאַקס איז נישט געוואַקסן אין קיין גרויסע דימענסיעס. זיי זענען געבליבן האַרטע און סאָלידע מעטלמעסיקע לאָדזשער פאַבריקאַנטן, נישט געקוקט דערויף, וואָס עס זענען טיילמאָל געווען צייטן ווען עס האָט באַשיימפּער־לעך אויסגעקוקט, אַז איבער לאָדזש האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אַ וואָלקנבראָך פון משוגענע שפע.

דער לאָדזשער גאָלד־מבול האָט עפּעס אויסגעמיטן די טירן פון די

פּרוסאַקס. דערפאַר האָבן זיי, די פּרוסאַקס, אפשר די איינציקע אין לאָדזש, איינגעהאַלטן דעם אַלטן נוסח פון לאָדזשער פאַרצייטישקייט. זיי האָבן אין זיך געהאַט די שווייגנדיקע עקשנות פון די פאַרצייטישע לאָדזשער דייטשן. זיי האָבן געקוקט אויף אַלע לאָדזשער יידן ווי אויף ליטוואַקעס. פרעמדע וואָס זענען אַהער געקומען צו די לאָדזשער זאַמדן און דרייען דאָ אַ ספּאַדיק און מאַכן פון לאָדזש אַ כישוף־מיל, וואָס שטייגט איבער די געזעצטע באַלעבאַטישע השגות פון די פּרוסאַקס. די פּרוסאַקס האָבן גע־וואוסט זייער אַנמעכטיקייט אַקעגן דעם לאָדזשער אימפּעט. און הגם זיי זענען די עלטסטע און די ערשטע וואָס זענען געקומען אַהער — וועלן זיי פונדעסטוועגן קיינמאָל נישט באַוויזן אַרויפצושווימען אויף די גרויסע וואַסערן. אייביק וועלן זיי מוזן בלייבן די צווייט־ראַנגיקע און אין שאָטן.

אָבער אויך די צווייט־ראַנגיקייט האָט איר איינגעפונדעוועטן נוסח. די וואָס לעבן אין שאָטן ווייסן ווי זיך דאָרט צו מאַכן גאָר באַקוועם.

אויב לאָדזש האָט זיי נישט געוואָלט אַרויפלאָזן אויף איר גאָלדענעם אויבנאָן, האָבן אויך די פּרוסאַקס לאָדזש אָפּגעצאָלט מיט דער זעלביקער מטבע און נישט געוואָלט מיטשפּרינגען די אַלע קאַזשעלקעס, וואָס לאָדזש מאַכט במשך דער לאַנגער צייט וואָס די פּרוסאַקס זענען פּרוסאַקס. זיי האָבן זיך בעסער געהאַלטן ביי דעם לאָדזשער אַמאָל.

אַמאָל — איז לאָדזש געווען באַשיידענער און נישט געהאַט די צע־לאָזענע פליגל. יידן און דייטשן האָבן געוואוינט גרענעץ ביי גרענעץ צווישן ווילקע און אַלטשטאָט. די דייטשן זענען געווען פויערישע און פרומע. יידן אין לאָדזש זענען געווען האַרטע און מיושבדיקע און נישט געפלויגן אין דער לופטן.

די יידן וואָס זענען דעמאָלט פּאַמעלעך געקומען צו עשרות האָבן זיך אָפּגעטיילט פון דער אָרעמער האַרעפּאַשנער מאַסע און האָבן גערעדט דייטשמעריש. די פּרוסאַקס האָבן טאַקע נאָך גערעדט דעם אַלטן לאָדזשער דייטשמעריש אַפילו ווען אַלצדינג אין לאָדזש האָט זיך אָפּגעקערט צום קאַפּויער און אינטעליגענטע ניימאָדישע יידן האָבן גאָר אָנגעהויבן צו רעדן פשוטן מאַמע־לשון. די פּרוסאַקס האָבן דערין באַשולדיקט די ליט־וואַקעס. ווערליק די פּרוסאַקס זענען די ליטוואַקעס שולדיק געווען אין דעם וואָס לאָדזש האָט זיי, די פּרוסאַקס, אָנגעהויבן צו וואַקסן איבערן קאָפּ.

אַזוי ווי די פּרוסאַקס זענען געבליבן די צווייט־ראַנגיקע, די געלאַסענע און די האַרטנעקיקע, האָבן זיי זיך אינערלעך פאַרשלאָסן לגבי דעם, וואָס געשיט אַזוי ראַפּטום אין לאָדזש, — און זענען געגאַנגען אויפן אַלטן דרך פון אַמאָליקער לאָדזשער באַלעבאַטישקייט. אַליין האָבן זיי זיך גע־האַלטן פאַר דער בירגערלעכער סמעטענע, און ס׳איז זיי נישט אָנגעגאַנגען צי עמעץ אין לאָדזש האַלט זיי אויך אַזוי. זיי האָבן גערעדט דייטשמעריש, געמאַכט סאָלידע סחורות און געהאַלטן, אַז פון ששת ימי בראשית ביז סוף כל הדורות איז באַלוט באַשאַפן געוואָרן כדי פאַרפינצטערט צו ווערן אין אָרעמקייט און צו זיצן גאַנצע מעת־לעתן ביי די וועב־שטולן און וועבן סחורות פאַר דעם בירגערלעכן קלאַס. די פּרוסאַקס זענען אין לאָדזש געווען די גרעסטע פּאַטריאָטן פון דער בורזשואַזיע, הגם זיי זענען ביי איר גאָר נישט געשטאַנען אויפן אויבנאָן. די אַרבעטער־רעוואָלוציע פון 1905 איז די פּרוסאַקס כמעט נישט דערגאַנגען ביז צום קנעפּל. זיי האָבן באַ־שולדיקט דערין די פרעמדע ליטוואַקעס און מער דערפון נישט גערעדט. זייער בטחון אין צאַרישן קאַנטשיק איז געווען אויסערגעוויינטלעך. קאַ־זאַקן וועלן שוין דאָס צעהוליעטע באַלוט לייגן איבערן בענקל און לערנען דרך־ארץ. די פּרוסאַקס זענען דערין געווען זיכער ווי דער טאָג און גע־בליבן רואיק, געטריבן זייערע פאַבריקן און מיט אַלע לאָדזשער יידן גערעדט אויף דייטשמעריש.

אין לאָדזש איז פּלוצעם אין מיטן דערין געוואָרן אַ בהלה אויף הייי־זער. באַגלייך מיט פאַבריצירן סחורות האָט זיך ביי לאָדזשער יידן צע־ברענט דער חשק צו מויערן. לאָדזש האָט זיך פּלוצעם גענומען צעוואַקסן אין דער לענג, אין דער ברייט און אין דער הויך. ווידער האָבן עס די פּרוסאַקס באַטראַכט ווי אַ שפּיצל פון די נייע און פון די ליטוואַקעס וועלכע ווילן לאָדזש אָוועקפירן אויף נישט־לאָדזשער וועגן. אויפן שאַרפסטן דייטשמעריש האָבן די פּרוסאַקס צווישן זיך געשמועסט אַז די הייזער־בהלה וועט נישט ברענגען קיין גוטס. נאָר ווער האָט זיי געהערט?

מיין באַלעבאָס מאַאוריצי פּרוסאַק איז געווען אַ לייבלעכער זון פון דעם אַלטן פּרוסאַק. אַמאָל האָט ער פאַר מיר אָראָפּגענומען די האַנט פון מויל און מיט מיר זיך צעשמועסט. ער האָט מיר דערציילט זיין לעבנסגעשיכטע, זיינע טענות צו דער וועלט, און זיינע אָנשויאונגען אויפן

שיינעם און אויפן ביטערן לעבן. דער עיקר האָט ער גערעדט וועגן דער פּיעטרקאָווער גאַס און וועגן באַלוט. פאַרשטייט זיך אַז אַלץ האָט ער געזאָגט אויף אַ לאָדזשער דייטשמעריש.

פאַר קיין אַנדערן וואָלט מאַאוריצי פּרוסאַק נישט אַזוי לייכט אויפגעעפנט די טירן פון זיין הארץ. ווי אַלע פּרוסאַקס איז ער געווען אַ פאַרביסענער שוויגער און צו אַלעמען געהאַט דעם טיפּסטן אומצוטרוי. נאָך דערצו אין אַזעלכע צייטן ווי די צייטן פון נאָך דער מלחמה. צייטן אויף וועלכע די פּרוסאַקס האָבן געקוקט מיט אויפגעריסענע אויגן און בשום אופן נישט געקאָנט באַנעמען וואָס עס איז געשען מיט זיי גופא און מיט דער וועלט. עס האָט שוין גוט געמוזט זיין אַנגעמאַזאָלעט מאַאוריצי פּרוסאַקן אויפן האַרץ אַז ער האָט ענדלעך ביי זיך געפּועלט אַראָפּצורעדן די שטיינער פונם געמיט. ער האָט, זעט אויס, לאַנג געזוכט די אויערן פאַר וועלכע ער זאָל זיך קאָנען ווי עס איז פאַרטרויען.

פון דער משוגענער שאַלקהאַפטיקער נאָך־מלחמה־וועלט בין איך אים אויסגעקומען עפּעס אַזוינס ווי דער צדיק אין סדום. און דאָס אײבער די איינציקע פאַלגנדיקע טעמים: איך בין אַן איבערבלייבעכץ פון די אַמאָליקע גבירים און פאַרמאָג מיין אייגנס אַ הויז אין לאָדזש. איך בין אויך, אַזוי צו זאָגן, אַ קרבן פון דעם דעוואַלואירטן געלט און פון דעם בייזווילליקן לאָקאַטאָרן־דעקרעט — אַ ביטערע גזירה וואָס האָט זיך אַרויפגעלייגט ווי אַ רוצחישע לאַפּע אויף די הכנסות פון דירה־געלט. די לאָקאַטאָרן וואוינען אין גרויסן וואוילטאָג אין אונזערע הייזער. מיר, הויזבאַלעבאַטים מוזן צוקוקן, באַקומען צוגעוואָרפן עטלעכע נישטיקע גראָשן און טאָרן נישט רירן מיט קיין פינגער. די נייע וועלט אין איר גאַנצער רשעות האָט זיך אין אָט דעם לאָקאַטאָרן־דעקרעט אַנטפּלעקט פאַר מאַאוריצי פּרוסאַקן און אים פינצטער געמאַכט אין געמיט.

טאָג און נאַכט האָט ער וועגן דעם געטראַכט און זיך ענדלעך געוואָלט אַראָפּרעדן פון האַרץ. ענדלעך האָט ער מיך געפּאַקט ווי אַן אָח לצרה מיט וועלכן מען קאָן זיך צונויפרעדן. צוזאַמען וועלן מיר זיך גיכער קאָנען אויסווײַנען אויף דעם ביטערן תכלית וואָס די וועלט האָט פון אונז געמאַכט. מאַאוריצי פּרוסאַק איז נישט געווען קיין מענטש מיט שאַרפע ליידנשאַפטן און אַפעקטן. עס האָט אים שוין געמוזט טיף זיצן

אין די ביינער וועז רעדנדיק וועגן לאָקאַטאָרן־דעקרעט בכלל און בפרט וועגן זיינע אייגענע לאָקאַטאָרן, האָט ער זיך פאַר מיר אויסגעדריקט מיט גרויסן פּאַטאָס, אַז הגם די פּרוסאַקס זענען קיינמאָל נישט געווען קיין רוצחים, פונדעסטוועגן וואָלט ער דאָ סאַמע אויפן אין מיטן הויף אָנגע־לייגט אַ גרויסן שייטער־הויפן און דאָס גאַנצע לאָקאַטאָרן־געזינדל פאַר־ברענט אויף אַש. ער האָט צוגעגעבן: חלילה, מיינט ער נישט דערמיט בלויז זיין אייגענע קריוודע. ער איז גאָר אויסן די קריוודע פון דער וועלט און דעם כבוד פון פאָלק ישראל. „עס מעכט שעהן געווען פאַר אונז יודען" — האָט ער צוגעגעבן אויף דייטשמעריש.

דערביי האָט ער מיר דערציילט, ווי אַזוי קומט עס גאָר בכלל צו אַ פּרוסאַק צו האָבן אַ הויז און זיך מאַטערן מיט לאָקאַטאָרן? סך־הכל האָט מען אין זייער משפחה רק געהאַלטן פון פאַבריקאַציע און געמיטן אַנדערע לאַדזשער גליקן ווי די פּעסט. אין דעם איז אויך שולדיק די מלחמה. ער, מאַאוריצי פּרוסאַק, האָט באַקומען זיין עונש דערפאַר, וואָס ער האָט געבראָכן די צוואה פון דעם „זעליקן פאָטער" און זיך געלאָזן פאַרפירן פון מעקלערס וואָס האָבן אים צוגעזאָגט גליקן.

די מעשה ווי אַזוי דער „זעליקער פאָטער" האָט אויסגעדריקט זיין לעצטן ווילן האָט אין מאַאוריצי פּרוסאַקס מויל געקלונגען ממש ווי אַ שטיק חומש פון פּרשת „ויחי". דאָרט וואו יעקב אבינו זאַמלט אַרום זיין בעט די צוועלף שבטים און זאָגט זיי זיינע לעצטע ווערטער. מאַאוריצי פּרוסאַק האָט זיך דערביי דערהויבן צו אַן אמת טראַגישן פּאַטאָס, און עס איז דעריבער כדאַי, אַז איך זאָל עס איבערדערציילן פאַרן חשובן לייענער.

דער „זעליקער פאָטער" האָט אויך געהאַט אַ היפּשע צאָל זין. איך ווייס נישט צי פּונקט צוועלף אַקוראַט ווי יעקב אבינו. אַ סך ווייניקער זיכער נישט. זיי זענען אַלע גלייך געווען איינער צום אַנדערן ווי די גלייכע טראָפּן וואַסער. אמתע פּרוסאַקס. צוויִיט־ראַנגיקע פאַבריקאַנטן און גע־רעדט דייטשמעריש.

דער „זעליקער פאָטער" האָט ענדלעך געהאַלטן ביים אויסלעבן זיינע יאָרן און האָט זיך געגרייט צו פאַרלאָזן דאָס אַלטע שיינע לאָדזש. ער האָט לאַנג געקרענקט אין בעט. ענדלעך האָט זיך דערנעענטערט די שעה ווען דער „זעליקער פאָטער" האָט געמוזט אָפּזאָגן די פאַר גילדן. די

קראַנקן־שטוב האָט געשמעקט מיט רעצעפּטן. אַלע זין האָבן זיך פאַרזאַמלט צו דעם פייערלעכן אַקט און זענען געשטאַנען אין גרויס שוויַיגעניש. ס׳האָט זיך שוין כמעט אָנגעהויבן די גסיסה. מען האָט זיך געגרייט אַריינצורופן אַ מנין יידן און אָנצינדן ליכט. דער „זעליקער פאָטער" האָט מער נישט געקאָנט רעדן. „ביי אים אין האַלדז" — ווי מאַוריצי פּרוסאַק האָט זיך מיט טרויער אויסגעדריקט — „האָט אים שוין געשפּילט דאָס פידעלע".

פּלוצעם זעט מען ווי דער ערפורכטיקער קראַנקער גיט אַ ריר מיטן פינגער און באַוועגט מיט די ליפּן.

אַלע זין האָבן צוגעבויגן די אויערן און געוואָלט הערן די לעצטע וואונטשן פונם „זעליקן פאָטער".

מאַאוריצי פּרוסאַק האָט באַקומען טרערן אין די אויגן. זיין קול האָט געציטערט מיט אַ טיפער גערירטקייט בעת ער האָט מיר איבערגעגעבן ווערט ביי וואָרט דעם לעצטן רצון פון דעם שטאַרבנדיקן אַלטן פּרוסאַק. היינו: זיינע קינדער זאָלן למען־השם געדענקען צו פאַרבלייבן ביי פאַבריקאַציע און נישט האָבן צו טאָן מיט קיין הייזער און מיט לאָקאַטאָרן.

„דיזע לעצטע וואָרטע פאָן זעליקן פאָטער, האָב איך אין מיין הערצן געהאַלטן ווי איין הייליקטום", האָט מאַאוריצי פּרוסאַק צוגעגעבן מיט אַ טראַגישער פייערלעכקייט. „נאָר ווייסן זי, הער טרונק", האָט ער זיך פאַר מיר פאַרענטפערט, אין די פינצטערע מלחמה־יאָרן האָט מען נישט תמיד געקאָנט ביישטיין די שעפּטשענישן פון יצר־הרע. אַ מעקלער האָט זיך צו מיר צוגעטשעפּעט און מיר צוגעזאָגט גאָלדענע גליקן. ווען איך האָב אויף אַ רגע פאַרגעסן וואָס דער זעליקער פאָטער האָט אונז קינדער געוואָרנט אויף זיין טויטנבעט, בין איך, אַליין נישט ווויסנדיק ווען און ווי אַזוי, אַריינגעפאַלן מיט אַ הויז אין לאָדזש.

קאַפּיטל פערציק

דאָס בעסטע פון די עשר־מכות. אין די טיפעניש
פון פּראָסאַקס קעלער. סענטימענטן וואָס ליגן אין
תפיסה, שטומע בינשטאָקן שווייגנדיקע ווייסע טויבן
און אומעטיקע העזעלעך. יאָ, העד טרונק איך בין איין
גראָסער נאַטור־פרוינד!

דאָס הויז מיט וועלכן מאַאוריצי פּראָסאַק איז אַזוי ביטער געשטראָפט געוואָרן איז געווען אַ היפּשע מויער וואָס האָט זיך געצויגן קווער פון צוויי לאַדזשער גאַסן, דורך דער פּאַנסקע און ליפּאָווע. פּראָסאַק האָט עס אָפּגעקויפט ביי אַן אַלטן דייטש. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז פון דער קניה ביז צום באַצאָלן איז דערווייל דאָס געלט דעוואַלואירט געוואָרן און מאַאוריצי פּראָסאַק האָט דאָס „אומגליק" באַקומען פאַר גאָר ווינציקע גראָשנס. נאָר אַ שטראָף רעכנט זיך נישט לויט איר מאַטעריעלן ווערט נייערט ווערליק איר מאָראַלישן תוך. וויפל מציאה דאָס הויז זאָל נישט זיין אויסגעפאַלן פאַר מאַאוריצי פּראָסאַקן, האָט ער פאָרט זייער אויפריכטיק זיך באַדויערט ווי אַ באַשטראָפטן מענטשן.

אַחוץ דעם הויז — וואָס איז געווען אָנגעפּאַקט מיט דירות — איז אויף דער זייט פון ליפּאָווע געשטאַנען אַ קליין צווישטאָקיק פּאַלאַצל וואָס דער אַלטער דייטש האָט אויפגעבויט פאַר זיין אייגענעם געברויך. עס איז אויך אַריבערגעגאַנגען אין פּראָסאַקס באַזיץ. דאָס פּאַלאַצל איז געשטאַנען אין מיטן אַ גערטנדל און איז אויסגעבויט געוואָרן אין שטרענגן גאָטישן סטיל. מאַסיווע מויערן און גרויסע לופטיקע צימערן. די טירן האָט דער דייטש געבראַנגט מן־הסתם ערגעץ פון אַ מיטלאַלטערלעכן קלויסטער.

גרויסע מאַסיווע טירן פון אַלטן האָלץ און געשניצטע ווי די טירן פון אַ קירכע. טירן מיט ברייטע און פעסטע שוועלן, גלייך ווי עס וואָלטן באַ־דאַרפט אויף זיי טרעטן פּראָצעסיעס פון מתפּללים. אין דעם קאָרידאָר פון דעם שיינעם גאָטישן טרעפּן־הויז זענען די פענצטער געווען געמאָלט אין בלויע, גאָלדענע און רויטע פאַרבן. געמאָלט מיט פרומע לאַנד־שאַפטן און מיט מלאכים. דאָס ליכט אין טרעפּן־הויז איז דעריבער תמיד געווען אַ טונקלס און אַ קאַלטס.

דעם פּאַרטער אין דעם דאָזיקן פּאַלאַץ האָט פאַרנומען מאַאוריצי פּרוסאַק אַליין. פאַר דעם ערשטן שטאָק האָט ער געזוכט אַ שכן. ער האָט נישט געוואָלט אַרייננעמען אַבי וועמען צו וואוינען מיט אים אונטער איין דאַך. ראשית, דערפאַר וואָס ער האָט געוואָלט האָבן לעבן זיך אַן איי־גענעם מענטש. צווייטנס: מאַאוריצי פּרוסאַק האָט געהאַט — ווי מיר וועט שפּעטער אויסקומען צו דערציילן — אַ פּאַנישע שרעק פאַר גנבים. ער האָט ממש דער זון נישט געטרויט און האָט געגלויבט אַז כמעט אַלע מענטשן טראָגן זיך אַרום קעגן אים מיט שאַלקהאַפטיקע כוונות. פון אַלע ווינקעלעך לויערן אויף אים גנבים און רוצחים וואָס קוקן נאָר אויס אים צו כאַפּן פאַרן האַלדז. די נאָך־מלחמהדיקע וועלט און אירע גלוסטונגען האָבן אים נאָר געשטאַרקט אין זיינע שרעקיקע חשדים. ער האָט געוואָלט וויסן ווער עס וועט טרעטן אויף די דילן אים איבערן קאָפּ?

וואָסערע שכנים מעקלערס האָבן אים נישט געברענגט, האָט זיך מאַוריצי פּרוסאַק מיט גרויס ווידערווילן אָפּגעטרייסלט. ער האָט אַלעמען חושד געווען, אַז מען וויל נאָר צו אים אַריינשטעלן אַ פּוס. ווען מען האָט אים געברענגט מיין ווינציקייט האָט ער לאַנג געוואויגן און געמאָסטן. אונזער נאָמען אין לאָדזש האָט געגאָלטן ווי פון שטילע אָרנטלעכע מענטשן און דערצו גבירים פון פאַר דער מלחמה, גוט־באַזיצער און רבנישע קינ־דער.

פּרוסאַק האָט מיך באַטראַכט ווי דאָס בעסטע פון די עשר־מכות. ענדלעך האָט ער מיט אַ שווער האַרץ באַשלאָסן מיך אַריינצונעמען אין זיין פּאַלאַץ.

שוין פון די ערשטע שמועסן מיט מיר איז אים אויסגעקומען אַז ער האָט זיך נישט אַנטוישט. מאַאוריצי פּרוסאַק האָט זיך פּאַמעלעכל אי־

בערצייגט אַז איך ווי ל נישט זיין שלעכטס און האָב גאָר אָפּענע אויערן פאַר די ביטערקייטן פון זיין האַרץ. זיין צוטרוי צו מיר איז אַזוי ווייט דערגאַנגען, אַז אין אַ שיינעם טאָג האָט ער מיך אַנגענומען פאַר דער האַנט און אַראָפּגעפירט אין די קעלערס פון זיין פּאַלאַצל.

הגם עס איז מיר אויסגעקומען היפּש אומהיימלעך וואָס מאַאוריצי פּרוסאַק וויל פון מיר אין די קעלערס — אָבער עס האָט ווי צוגעפּאַסט צום גאַנצן וועזן פון זיין נשמה. זיין נשמה האָט געהאַט אין זיך פון אַ שטומען, שווייגנדיקן קעלער. אַ קעלער וואָס האָט מורא פאַרן ליכט פון טאָג און באַהאַלט אַלצדינג אין די פינצטערנישן. לאַדזש און די תקופות וואָס זענען איבער איר אַריבערגעגאַנגען, האָבן אַלצדינג אין דעם מיטלמעסיקן באַלעבאַטישן פּרוסאַק אַריינגעטריבן אין די טיפענישן. ער האָט אַלצדינג אין זיך פאַרשלאָסן אין אַ שווייגן. פּונקט ווי ער האָט מורא געהאַט אַז זיי, די בייזוויליקע מענטשן, וועלן באַגנבהנען זיין פאַרמעגן, אַזוי האָט ער געציטערט אַז עמעצער זאָל וויסן פון זיינע סענטימענטן און פּערזענלעכע ליידנשאַפטן. אויך דאָס קאָן מען ביי אים צונעמען. אַלצדינג האָט ער געוואָלט אויסבאַהאַלטן פאַרן פרעמדן אויג.

עס זעט זיך אויס: מאַאוריצי פּרוסאַק האָט געהאַט אַ סענטימענט פאַר דער נאַטור. מיט גרויס ליבשאַפט האָט ער געקוקט אויף די עטלעכע בוימער אין זיין גערטנדל און האָט פאַרפלאַנצט אַ בייטל מיט בלומען וועלכעס ער האָט אַלע טאָג זאָרגפעלטיק באַגאָסן. איך האָב געגלויבט: דעם דאָזיקן נאַטור־סענטימענט קאָן ער סוף כל סוף נישט באַהאַלטן. די זון און מענטשן קאָנען פריי צוקוקן און זען וואָס מאַאוריצי פּרוסאַק האָט ליב. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן אַז, אויך אין דעם האָב איך מיך טועה געווען: מאַאריצי פּרוסאַק האָט אַפילו זיינע נאַטור־סענטימענטן געקאָנט אויסבאַהאַלטן פאַר פרעמדע אויגן.

תחילת האָב איך נישט באַנומען צו וואָס ער פירט מיך אַראָפּ אין קעלער. איך בין שוין געהאַט געווען אין די אומהיימלעכע קעלערס פון אַלטע ריטערלעכע פּאַלאַצן. ס׳רוב זענען דאָס געווען פינצטערע תפיסות וואו די ריטער האָבן געהאַלטן געפאַנגען זייערע שונאים. זיי האָבן זיי דאָרט געהאַלטן אין טויטער פאַרגעסנקייט. אויבן אין די מיט ליכט און פּאַקעלן באַלויכטענע זאַלן זענען אָנגעגאַנגען בעלער. קאַפּעליעס האָבן

געשפּילט. ווייַן האָט זיך געגאָסן אין שווערע גאָלדענע באָקאַלן. אין די ווינקלען האָבן זיך פאַרליבטע פּאָרלעך צוגעפּליסטערט אין פאַר־חלומטער ליידנשאַפט. און אונטן, אונטער די דיל־געוועלבן, האָבן מענטשן געשמאַכט אין פינצטערניש און אין קייטן. צי האָט מאַאוריצי פּרוסאַק אַ טייל פון זיינע שונאים איינגעשלאָסן אין אַ קעלער און ער וויל זיי מיר וויַיזן?

ער האָט מיך טאַקע אַראָפּגעפירט אין אַ תפיסה וואו עס האָט גע־שמאַכט אַ לעבן אין איינזאַמער קילער טונקלקייט. עס זענען געווען די ליבשאַפטן און סענטימענטן פון מאַאוריצי פּרוסאַק, וועלכע ער האָט אויסבאַהאַלטן פאַר די בייזע אויגן פון מענטשן און פון דער זון. בלויז די בוימער פון זיין גערטנדל און דאָס בייטל מיט בלומען האָט ער נישט געקאָנט אויסבאַהאַלטן פאַרן שאַלקהאַפטיקן ליכט פון דער וועלט. אָבער די איבעריקע נאַטור צו וועלכער פּרוסאַק האָט זיך באַצויגן מיט האַרטער שווייגנדיקער ליבשאַפט האָט ער באַהאַלטן אונטער די דילן פון זיין דירה.

איך האָב פשוט מיינע אויגן נישט געגלויבט צו טרעפן אין די קע־לערס דאָס גאַנצע נאַטור־געמיט פון פּרוסאַקן. עס זענען דאָרט געשטאַנען בינשטאָקן פולע מיט בינען. בינען וואָס האָבן נישט געוואוסט צו זומען אין די גאָלדענע ליכטיקייטן פון דער זון, מחמת זיי האָבן זי נאָך קיינמאָל נישט געהאַט געזען. די בינשטאָקן זענען געווען שווייגנדיקע און די בינען זענען דאָרט געלעגן אין אַן אייביקן ווינטער־שלאָף. דאָן האָט מיר פּרוסאַק געוויזן שטייגן מיט וואונדערלעכע ווייסע טויבן. די טויבן האָבן אור־מעטיקע געשווינגן אין זייערע שטייגן. אויך העזעלעך האָט ער געהאַט ביי זיך אין קעלער. העזעלעך ערנסטע, אומעטיקע, וואָס זענען געלעגן רואי־קע און געשוויגן. עס זענען אַפילו דאָרט געווען זעלטענע פאַרביקע פייגל, וואָס זענען פאַרמרהשחורהטע און שלאָפנדיקע געזעסן אין זייערע שטייגן און נישט געוואוסט פונם ליכטיקן טאָג אין דרויסן.

מאַאוריצי פּרוסאַק האָט מיר דאָ געוויזן די גאַנצע פרייד פון זיין האַרץ, אַ פרייד וועלכע ער האָט איינגעשלאָסן אין אַן אייביקער תפיסה. ער האָט צוגעשאָטן קערנער אין די שטייגן פון די ווייסע טויבן און פאַר־ביקע פייגל. ער האָט דאָרט צוגעגאָסן וואַסער כדי זיי זאָלן האָבן צו טרינקען. אָבער קיינער פון די לעבעדיקע אין קעלער האָט פון זיך נישט

אַרויסגעגעבן דאָס מינדסטע קול פון צופרידנקייט. ווען פּרוסאַק האָט געפּרוּווט צו זיי אַ פּיף צו טאָן אָדער זאָגן אַ צערטלעך וואָרט, האָט אַלצ־דינג געשוויגן אין גרויסן אומעט.

ווען מיר זענען צוריק אַרויסגעקומען אויפן ליכט פון טאָג האָט זיך מיר אויסגעדוכט, אַז איך בין יאָרן לאַנג געווען צוזאַמען מיט פּרוסאַקן אין די טונקלקייטן. איך האָב אין זיך אַריינגעאָטעמט די טאָג־לופט מיט אַ פולער ברוסט. פּרוסאַק האָט צו מיר געזאָגט מיט אַ שטילן שטאָלץ:

— יאָ, וויסן זי, הער טרונק, איך בין אין גראָסער נאַטור־פריינט. אין לאָדזש איסט דאָס איינע זעלטענהייט.

קאַפּיטל איין און פערציק

ליטעראַרישע פרייטיק־צו־נאַכטסן אין פּרוסאַקס פּאַלאַצל. עס פּלאַקערט אַ פייערל און מיר טרינקען די אַלטע ווײַנען פון זיידן ברוכס קעלער. איך טרינקט ווייַן און נישט קיין באָרשטש! פרוסאַק קאָן זיך נישט כאַפּן ווער עס זענען מײַנע קאַלעגן.

איך האָב מיך אײַנגעאָרדנט אויפן ערשטן שטאָק פון פּרוסאַקס פּאַלאַצל. טיילמאָל אין די פרייטאָגצונאַכטסן פלעגן צו מיר אַרויפקומען יידישע שריפטשטעלער, ווי אויך ישראל ליכטנשטיין און אַנדערע בונדישע טוער אין לאָדזש. צוליב דער רחבות פון דער דירה האָבן מיר די דאָזיקע פרייטאָגצונאַכטסן געמאַכט גאָר אויף אַן אַלטן פּריצישן שטייגער. אין דעם גרויסן עס־צימער — צו וועלכן עס האָבן אַרייַנגעפירט קלויסטערלעכע גאָטישע טירן, — איז געווען אַ פּאַרצייטישער מאַרמאָרנער קאַמין. דער קאַמין איז אַנגעלייגט געוואָרן מיט טרוקענע דעמבאָווע העלצער און מען האָט אָנגעצונדן אַ פייער. די לאָמפּן אין דעם עס־צימער זענען געוואָרן אויסגעלאָשן. אַלצדינג איז בלויז באַלויכטן געוואָרן מיט דעם היימישן וואַרעמען ליכט פון די צעפלאַקערטע האָלץ־שייטן. ס׳האָט אויסגעקוקט גאָר פּאַרצייטיש. יידישע שריפטשטעלער און בונדיסטן האָבן זיך אויסגעלייגט אַרום דעם פייערל. מען האָט, אַזוי ליגנדיק אין קרייז, געפירט געשפּרעכן וועגן ליטעראַטור און אַנדערע ענינים. יצחק קאַצענעלנסאָן און משה בראָדערזאָן האָבן אָפט געזונגען זיסע פאָלקס־לידער. מיר אַלע האָבן מיטגעזונגען אין כאָר. איטשל ברוינער פלעגט אָפט דערציילן וואונדערלעכע מעשיות פון אַלערליי הינט מיט וועלכע ער האָט זיך צוזאַמענגעטראָפן אין לעבן. טיילמאָל זענען אויך געקומען

געסט פון װאַרשע, צװישן זיי, י. י. זינגער, פרץ מאַרקיש און שלמה מענדעלסאָן. װען ס׳זענען געקומען פּרעמדע געסט איז דער קרייז אַרום דעם פּייערל געװאָרן גרעסער און מען האָט צוגעלייגט מער שייטן האָלץ.

אין אַזעלכע אָװנטן װען עס זענען געקומען װאַרשעװער געסט פלעגט פּיניע — איך האָב פון אים דערציילט אין די פריערדיקע בענדער — ברענגען פון מיין פאָטערס װיין־קעלער עטלעכע פאַרשימלטע פלאַשן מיט אַלטן אונגאַר־װיין. פון די װייַנען װאָס שטאַמען נאָך פון זיידע ברוכס קעלערס אין אַסמולסקער „הויף״. װען דער זיידע ברוך האָט זיי מיט יאָרן און יאָרן צוריק געקויפט ביי ר׳ לייבוש בערלינער אויף די נאַלעװקעס, זענען זיי שוין דעמאָלט אויך געװען אין היפשער זקנה.

די דאָזיקע אַלטע פלאַשן האָט פּיניע אויפגעפּראָפּט מיט גרויס ערפורכטיקייט. ער האָט געהאַט עפּעס װי אַ געטלעכע פאַרערונג פאַר אַט די טונקל־גאָלדיקע געטראַנקען אין װעלכע די אַלטע יאָרן פאַרװאַנדלען זיך אין אַראָמאַטן און ריחות. די פייכטע פאַרשימלטע פּראָפּנס האָבן זיך פּאַמעלעך אַרויסגעצויגן פון די פאַרבלאָטיקטע פלאַשן־העלדזער. דער שװערער װאונדערלעך־פאַנטאַזיעפולער און װאונדערלעך־זיסער אַראָ־מאַט פון אַלטן טאָקאַיער האָט זיך צעטראָגן אין דעם גאַטישן עס־צימער, װאָס האָט געציטערט אין אָפּשיין פון די פלאַמען אינם שייטער־הויפן. עס האָט אין זיך געהאַט גאָר אַלטס און פריצישס, און ס׳האָט געװירקט אויף אונזער שטימונג.

פּיניע האָט קיינעם נישט געלאָזט זיך צורירן צו די אויפגעפּראָפּטע פלאַשן. ער האָט נישט געװאָלט צולאָזן צו די דאָזיקע הייליקטימער די יעניקע פּראָפּאַנען, װאָס פאַרשטייען נישט די געהיימניש פון אַט אַ די אַלטע באַהאַלטענע אַראָמאַטן. ער האָט פּאַמעלעך און ציטערדיק געגאָסן דעם װיין אין שמאָלע קריסטאָלענע גלעזער. צופריער האָט ער אַליין געניפּט מיט די ליפּן און צעקייעט דעם אַראָמאַט אויף דער צונג װי אַ געהיימנישפולע זעלטנקייט. שפּעטער ערשט האָט ער אַרום דערלאַנגט די װייַן־גלעזער, און אַלעמען אָנגעזאָגט, אַז מען זאָל למען־השם געדענקען װאָס מען טרינקט. דער עולם האָט פּאַמעלעך געטרונקען דעם װיין און די געמיטלעכע שמועסן זענען װייטער אָנגעגאַנגען.

פלוצעם האָט זיך פּיניען עפּעס ווי אויסגעדוכט, אַז י. י. זינגער טוט אַ צו האַסטיקן זופּ. פּיניע וואָס איז געזעסן אַ שווייגנדיקער, איז אויפגעשפּרונגען ווי מען וואָלט אים אָפּגעבריט. ער האָט צו זינגערן אַ געשריי געטאָן מיטן כעס פון אַן אייביקן שתקן:

— איר טרינקט ווײַן און נישט קיין באָרשטש!

י. י. זינגערן איז אָט דער שאַרפער אַריינזאָג פון אַ ווײַן־מבין אַזוי געפעלן געוואָרן, אַז ער האָט די דאָזיקע רעפּליק שפּעטער אויסגענוצט אין זײַן ראָמאַן „ברידער אַשכנזי".

דאָס זײַנען געווען זעלטענע פּרייטיקצונאַכטסן אין פּרוסאַקס פּאַ־לאַצל.

מחמת שכנישן טאָקט האָב איך אויך טיילמאָל געמוזט פאַרבעטן דעם באַלעבאָס מאַאוריצי פּרוסאַק. ער האָט זיך אייגנטלעך נישט אָריענטירט אין וואָסערע געזעלשאַפט ער איז אַריינגעפאַלן. תחילת האָט ער געמיינט אַז עס זענען קאָלעגן הויז־באַזיצער. דער שאַרפער קלאַסן־אינסטינקט ביי מאַאוריצי פּרוסאַקן האָט אים גאָר נישט צוגעלאָזט צו גלויבן אַז איך בין ביכולת צו האָבן אַנדערע פּריינט סיידן באַזיצער פון הייזער. אָבער די געזעלשאַפט ווי אויך די שמועסן זענען אויסגעקומען צו ווילד און תרגום־לשונדיק פאַרן סטאַטעשנעם הויז־ווירט. דערצו האָט זיך אים נישט צוגעגלויבט, אַז רייכע בירגערלעכע מענטשן זאָלן רעדן אַזאַ גע־שמאַקן פּשוטן יידיש, און נישט קיין לאָדזשער דייטשמעריש ווי עס רעדן אַלע שיינע מענטשן פון די אַלטע לאָדזשער. ער איז געזעסן אַ שווייגנדי־קער און טעמפּ צוגעקוקט. ערשט ווען איטשל ברוינער האָט אָנגעהויבן צו דערציילן זײַנע איבערלעבונגען מיט הינט האָבן זיך פּרוסאַקס אויערן געעפנט און ער האָט אַפילו אַ שמייכל געטאָן.

שפּעטער איז צו דער געזעלשאַפט צוגעקומען נאָך אַ נפש וואָס האָט ליב געהאַט צו ליגן מיט אונז לעבן פּייערל, און דווקא לעבן איטשל ברוינערן. און דאָס נעמלעך, אַ קליין ווייס און שקאַציש הינטל, אַ פאָקס־טעריער, מיטן נאָמען באָבעק.

קאַפּיטל צוויי און פערציק

באַבעקן קומט אויס אַז די זון שײַנט אַפילו בײַ־נאַכט. שמועסן וועגן הינט. פאַקסטעריערס האַלטן פון לײַבניצעס פילאָזאָפיע. לאָמיר זיך שפּילן מיט דער שײַנער וועלט!

דאָס הינטל האָב איך געבראַכט פון וואַרשע ווען ס'איז אַלט געווען כמעט פיר וואָכן. ווער עס האָט אַמאָל געהאַט צו טאָן מיט הינט ווייס ווי שווער עס קומט אָן דער חינוך פון אַ קליין הינטל. באַבעק איז געווען אַ ווילדער עקשן און אַ וויינער. דווקא בײַנאַכט ווען אַלע זענען געשלאָפן האָט זיך אים פאַרגלוסט צו וואָיען פאַר בענקשאַפט און איינזאַמקייט. ער האָט כסדר געוואָלט, אַז מען זאָל זיך מיט אים שפּילן. ער האָט נישט גורס געווען די איינטיילונג פון דער צייט און אַז בײַנאַכט שלאָפט אויך די זון וועלכע ער האָט אַזוי ליב. באַבעקן האָט זיך אויסגעדוכט, אַז די זון שײַנט במשך דעם גאַנצן מעת־לעת. נאָר מיר האָבן געמאַכט פינצ־טער אין שטוב כדי אים איבערצולאָזן אַליין און זיך אָוועקצולייגן ווי פּגרים אין די בעטן.

דערפאַר איז ער בײַטאָג געווען אַ פריילעך שקאַציש הינטל און אַ געוואַלדיקער אָפּטימיסט.

אין די אַלערליי מינים פון הינט דערקענט מען — אַזוי גלויב איך — דאָס פּסיכישע וועלט־בילד אינעווייניק אין אַן עקזיסטענץ פון אַ נפש אין דער וועלט. אפשר דערזעט מען עס גיכער ווי בײַ די מינים פון

דעם מענטשלעכן מין. אפשר. מענטשן קענען זיך מכלומרשט אַזוי גוט אויסדריקן אין זייערע שפּראַכן. דערפֿאַר קענען זיי — פֿון דער אַנדערער זייט — אַזוי גוט זיך אַפּשליסן פֿאַר זיך אַליין און פֿאַר אַלעמען. עס איז ממש טשיקאַווע: גראַד מענטשן קענען מיר צום קנאַפּסטן פֿון אַלע ברואים צו לאַנד און וואַסער. גראַד ווייל דער מענטש קאָן רעדן, דעריבער האָט ער פֿאַרלוירן אַלע שליסלען צום ווען. שליסלען וואָס עפֿענען די וועלט נאָך בעסער ווי דאָס וואָרט. דער באַרעדעוודיקער מענטש איז סוף־כל־סוף פֿאַרבליבן דאָס שטומסטע און געהיימנישפֿולסטע נפֿש אויף דער וועלט. ער אַנטוישט אונז כסדר — ווייל מיר ווייסן נישט וואָס ער איז און וואָס ער וויל. די חיה האָט נישט קיין אַנדער אופֿן אויסצודריקן איר וועלט־צושטאַנד סיידן אין די באַוועגונגען פֿון איר גוף און אין דעם ברומען פֿון איר קעל. דערפֿאַר אָבער קאָן זי איר גאַנצע נשמה סינטעטיזירן מיט די דאָזיקע באַוועגונגען, — און מיר זעען אויף אַ קלאָרן און פּלאַסטישן אופֿן דאָס בילד פֿון איר, דער חיהס, הייסט עס, פּסיכישן מהות.

נאָר צוריק צו הינט.

אַ יעדע באַזונדערע ראַסע פֿון הינט דריקט אויס אַן אַנדערן געמיט־צושטאַנד. אַן אַנדערע — אַזוי צו זאָגן — באַציאונג צו דער וועלט. פֿאַראַן הינט פֿינצטערע און מרה־שחורהדיקע. זיי גייען און באַוועגן זיך פֿאַמעלעך ווי זיי וואָלטן געוואוסט, אַז עס איז זיך נישטאָ וואָס צו אײַלן. זיי קענען — אַזוי צו זאָגן — דעם גאַנג און דעם גורל פֿון דער וועלט — און ער איז נישט מער ווי אַ ביין וואָס עס וואַרפֿט זיי צו דער באַלעבאָס. צו אַנ־דערע מענטשן און באַשעפֿענישן האָבן אָט די הינט ווייניק צוטרוי. דעם באַלעבאָס מוז מען ליב האָבן און אים זײַן געטריי, מחמת ער איז די איינ־ציקע גאָטהייט פֿון זייערע השגות. פֿאַר דער דאָזיקער גאָטהייט זענען זיי גרייט דורס צו זײַן אַלעמען, וואָס עס דוכט זיך זיי אויס אַז זיי האָבן וועגן גאָט שאַלקהאַפֿטיקע געדאַנקען, היטן דאָס פֿאַרמעגן פֿון גאָט־באַלעבאָס און דרייען הכנעהדיק און צופֿרידן מיטן ווידל ווען אָט אַ דער גאָט טוט זיי אַ גלעט. אַן אַנדערע ראַסע פֿון הינט, ווי צום בײַשפּיל, וועלף, זענען די גרעסטע בעלי־גאווה אונטער דער זון. זיי ריידן זיך איין, אַז

זיי טראָגן אַרום מיט זיך דעם יחוס פון אַמאָליקע פינצטערע וועלדער און אַז זיי זענען אַמאָל געווען פרייע חיות אין די פרייקייטן און פּאַרצוקט אַלע שוואַכערע פון זיי. די דאָזיקע וועלף באַטראַכטן אַנדערע הינט גאָר נישט פאַר הינט, נייערט פאַר סתם צוטשעפּענישן וואָס ווילן זיך אויך אַריינקריגן אין דער משפחה פון גרויסן יחוס. וועלף חברן זיך זעלטן מיט נישט קיין וועלף. אויפן באַלעבאָס קוקן זיי האַלב ווי אויף אַ דע־מיורג און האַלב ווי אויף אַ שותף מיט וועלכן זיי האָבן געמאַכט אַן אָפּמאַך אים צו היטן טריי. דערפאַר זאָל ער זיי געבן אַ ביין. זיי האַלטן ערלעך דעם אָפּמאַך און פאַרלאַנגען אויך אַז דער דעמיורג זאָל האַלטן דעם אָפּ־מאַך. טאָמער דוכט זיך זיי אויס, אַז דער מענטש האַלט נישט דעם צוזאָג וואָס ער האָט זיי אַמאָל געגעבן ווען ער האָט נאָך געלעבט אין די היילן און זיי אין די וועלדער — דאַן זענען זיי קאַפּאַבל אויפן אייגענעם באַלע־באָס צו שטשירען די ציין און צו מאַכן אַ באַוועגונג ווי זיי וואָלטן געהאַט בדעה אים צו כאַפּן פאַרן האַלדז ווי אַמאָל אין די גרויע פאַרצייטנס.

עס וואָלט מיר אויסגעקומען אַנצושרייבן דיקע באַלערנדיקע פאָליאַנטן ווען איך זאָל וועלן דערציילן אַלצדינג וואָס עס טוט זיך אין דער פּסיכי־שער וועלט פון הינט. אָט אַ די וועלט איז טיף און קאָמפּליצירט מיט באַוואוסטזיינס און אונטערבאַוואוסטזיינס. ביי דעם מכלומרשטן שלל פון אונזער וויסן, ווייסן מיר פון איר פונקט אַזוי ווייניק ווי מיר ווייסן פון דעם פּסיכישן וועלט־צושטאַנד פון מענטשן. פונקט ווי אומעטום אויף דער וועלט טרעפן מיר אויך דאָרט אויף נאָך טיפערע אָפּגרונטן ווען מיר גלויבן, אַז מיר האָבן זיך שוין צו אַ געוויסן אָפּגרונט דערגרונטעוועט.

איך וועל בלויז דערציילן פון דער הינט־ראַסע פון פאָקסטעריערס צו וועלכער עס האָט באַלאַנגט מיין קליינער שקאָצישער באָבעק.

די פאָקסטעריערס זענען נישט קיין גרויסע הינט. דערפאַר זענען זיי זייער גראַציעז אין זייער געשטאַלט. שלאַנק אין דער ליניע, מיט ווײַ־סע גלאַטע פעלן, מיט הויכע, שיינע און געשיקטע פיס, מיט אַ וואונדער־לעכע לאַנגע מאָרדע — און מיט די שענסטע אויגן וואָס הינט פאַרמאָגן. אויגן האַרציקע, אָפענע און ערלעכע. אויב ס'זענען אונטער דער זון פאַראַנען אָפּטימיסטן, זענען עס די דאָזיקע פאָקסטעריערס. אין זייערע

שיינע און ערלעכע אויגן קומט אויס, אַז די וועלט איז נישט מער סיידן אַן אייביקע פריילעכע חתונה. אַ חתונה וואָס וועט קיינמאָל נישט אויפ־הערן, — און זיי האַלטן מיט לייבניצן, אַז אונזער וועלט איז די בעסטע פון אַלע וועלטן און אַלצדינג אויף איר איז גוט און וואויל; און אַז אַלע באַשעפענישן לעבן אין אייביקער פריינטשאַפט און טריישאַפט און עסן זיך פון די פיסקלעך. פאַקסטעריערס האָבן צו אַלעמען און צו דער וועלט אַ זעלטענעם צוטרוי און וערן לייכט מיט אַלעמען גוט־פריינט. נאָר איין זאַך פאַרלאַנגען זיי; מען זאָל זיך מיט זיי כסדר שפּילן. און פאַרוואָס זאָל מען טאַקע אויף אַזאַ ליכטיקער זוניקער וועלט — אויף וועלכער מיר געפינען זיך — נישט אייביק זיין פריילעך און שפּרינגען אין דער לופטן מחמת שמחה?

פון דעם דאָזיקן אָפּטימיזם פון אונזער באָבעקן, אַן אָפּטימיזם וואָס באַלאַנגט זינט צענדליקער־טויזנטער דורות צו דער טבע פון זיין ראַסע, אַן אָפּטימיזם אויף וועלכן די טרויעריקע וועלט־געשיכטע האָט נאָך נישט באַוויזן צו וואַרפן דעם מינדסטן שאָטן — פון דעם דאָזיקן אָפּטי־מיזם האָבן מיר נישט איינמאָל געהאַט דעם גרעסטן שאָדן. באָבעק האָט געהאַלטן פאַר זיינע שפּיל־חברים נישט בלויז אַלע מענטשן וואָס זענען צו אונז אַרויפגעקומען, נייערט אויך צו די טויטע שטוב־חפצים האָט ער זיך באַצויגן ווי צו די ליב־האַרציקע געסט אויף דער וועלט־חתונה. ער איז געשפּרונגען אויף די טישן און זיך געוואָלט שפּילן מיט די געפּעסן און דערביי זיי אַראָפּגעוואָרפן אויפן דיל און זיי צעהאַקט. ווען מיר האָבן אויף אים אָנגעשריגן און אים טיילמאָל דערפאַר געגעבן אַ קלאַפּ, האָט ער נאַאיוו אויפגעהויבן זיינע גוטע געטרייע אויגן און אונז אָנגעקוקט און נישט פאַרשטאַנען דאָס בייז, וואָס ער האָט כלומרשט געטאָן און פאַרוואָס מיר אַלע אין שטוב טוען נישט דאָס זעלביקע וואָס ער. דער עיקר האָט ער זיך ליב געהאַט צו שפּילן מיט די דיוואַנעס אויף די דילן און זיי מיט גרויס ליבשאַפט צו בייסן און אויסצורייסן פון זיי שטיקער. אויך דאָ האָט ער נישט פאַרשטאַנען הלמאַי די גוטע מענטשן אין שטוב האָבן עפּעס דערקעגן צו דעם דאָזיקן גרויסן פאַרגעניגן, וואָס אַ הונט קאָן האָבן פון דער שיינער וועלט.

נאָר די טרויעריקע וועלט האָט נישט ליב קיין צו גרויסע אָפּטימיסטן.

זי איז קאַפּאַבל צו ווייזן די ציין אויך די יעניקע וואָס גלויבן אין איר מיט דער רירנדיקסטער תמימות.

און זי האָט אויך דעם קליינעם באָבעקן נישט געשוינט און צוגע־גרייט פאַר אים די ביטערסטע אַנטוישונג.

קאַפּיטל דריי און פערציק

אַ באַלוטער שטיבעלע אינמיטן פּרוסאַקס באַ־לעבאַטישן הויף. דער געלער ייִד, די געלע ייִדענע און די געלע קאַץ. די קאַץ האַלט נישט פון די אויס־געלאַסנקייטן פון עולם־הזה. עס פאַרקעט זי דער יצר־הרע פון דער אַכילה און זי וויל אַ קוק טאָן אויפן גן־עדן.

דער הויף פון מאַאוריצי פּרוסאַקס הויז איז געווען אַ לאַנגער און כמעט אין גאַנצן אַ פאַרמויערטער. פלוצעם, אַקוראַט אין דער מיט הויף האָבן זיך די מויערן אָפּגעהאַקט און פון ביידע זייטן איז געווען ליידיקער פּלאַץ. וואָס דער אַמאַליקער באַלעבאָס, דער דייטש, האָט געהאַט בדעה צו טאָן מיטן ליידיקן פּלאַץ ווייס קיינער נישט. אויך פּרוסאַק האָט געשוויגן און נישט דערציילט זיינע פּלענער. דערוויילע זענען פון איין זייט הויף דאָרט געשטאַנען אַ ריי פּרימיטיווע, הילצערנע און אָפענע בית־הכסא׳ס. אין מיטן פון די בית־הכסא׳ס — אַ גרויסער מיסט־קאַסטן. פונם גאַנצן הויף האָט מען דאָרט צוגעטראָגן אַלע אָפּפאַלעכצן. ווען מען איז דאָרט פאַרבייגעגאַנגען האָט זיך פון מיסט־קאַסטן געטראָגן דאָס הו־זשעריי און געלויפעריי פון מייז און שטשורעס.

פונקט אַקעגנאיבער דעם דאָזיקן אומרייִנעם מקום פון מענטשלע־כער אָפּפאַלעכץ איז געשטאַנען אַ קליין הילצערן הייזל.

ווען דער דייטש האָט געמויערט דאָס הויז וואָס באַלאַנגט איצט צו פּרוסאַקן האָט ער, זעט זיך אויס, בכיוון איבערגעלאָזט אָט־אָ די קליינע הילצערנע מפולת, וואָס האָט נאָך געשטאַמט פון די צייטן פון גאָר גאָר

אַלטן לאָדזש. אפשר האָבן דאָרט אַמאָל געוואוינט דעם דייטשס עלטערן. אַ דייטש איז סענטימענטאַל און ער האָט געוואָלט אין דער זייט פון זיין פּאַלאַצל אויך האָבן דאָס געדעכעניש פון זיינע קינדער־יאָרן. דעם דייטשס סענטימענטן האָט קיינער נישט געוואָלט נעמען אין אַכט. די פּאַנסקע גאַס איז געוואָרן אַ גאַס פון באַלעבאַטישע סוחרים. ווער וואָלט זיך אַפילו אומזיסט געוואָלט אַריינציען אין אַזאַ הילצערנער מפּולת אַקעגנאַיבער די אומריינינקייטן? באין ברירה האָט עס דער דייטש גע־מוזט פאַרדינגען צו אַ ייד אַ ביטערן אָרעמאַן, אַ ייד וואָס באַלאַנגט גאָר צו די אָרעמסטע הינטערגעסלעך פון באַלוט.

עס איז געווען אַ קליינע, אָרעמע, נידערגעשלאָגענע יידישע פאַ־מיליע וואָס האָט געוואוינט אין דער מפּולת אינמיטן פּרוסאַקס באַלע־באַטישן הויף. מיט וואָס די דאָזיקע פאַמיליע האָט זיך מפרנס געווען האָב איך נישט געקאָנט געוואויר ווערן. זיי האָבן זיך געפילט אויף דעם באַ־לעבאַטישן לאָדזשער הויף ווי פרעמדע און מען האָט זיי זעלטן געזען. בלויז אין די שטאַרקע זומערדיקע היצן, ווען דער לאָדזשער טאָג האָט אומ־ברחמנותדיק געפּאַרעט און די פאַרנאַכטן זענען געווען דעמפּיקע — אַ סך איינוואוינער פון פּרוסאַקס הויף זענען געווען אויף די זומער־וואוינונגען הינטער לאָדזש און ס׳זענען געווען וויניק מענטשן אויפן הויף — דעמאָלט האָט מען געזען זיצן אויף דער שוועל פון דער מפּולת אַ דריבנעם געלן ייד מיט אַ שיטער בערדל, שוין אַן עלטערער ייד היפּשלעך אין די זעכ־ציקער. ער איז געזעסן אין שפּאַנצער און הויזן, מיט אַ צעריסן צעכראַס־טעט העמד און אַ קורצן אַרבע־כנפות. לעבן דעם ייד — אַ דריבנע און דאַרע עלטערע געלע יידענע אין אַ שלאָף־קופּקע. קיין קינדער האָט מען נישט געזען. אפשר זענען זיי געווען קינדערלאָז, און אפשר האָבן זיי געהאַט קינדער אין באַלוט צי גאָר אין אַמעריקע. דאָס פּאָר־פאָלק איז שווייגנדיק געזעסן אַקעגנאַיבער די הויפישע אומריינינקייטן וואָס האָבן אין די זומערדיקע היצן נאָך מער געעיפּושט.

נאָך אַ באַשעפעניש האָט זיך טיילמאָל אַרויסגעוויזן פון דער קליי־נער הילצערנער מפּולת — און דאָס איז געווען אַקאַץ.

ס׳איז געווען אַ שווערע עלטערע קאַץ, אויך אַ געלע. אַ גרויסע אַ פעטע און גאָר אַ געלאַסענע. אַ קאַץ וואָס האָט, זעט אויס, נישט גע־

האָט צו טאָן מיט די אויסגעלאַסנקייטן פון עולם־הזה און געמיטן אַלע קאָטערס ווי די פּעסט. מען האָט זי, די קאַץ, קיינמאָל נישט געזען אַרומ־לויפן אויפן הויף אָדער קריכן איבער די דעכער וואו ברונסטיקע קאָטערס האָבן געטשאַטעוועט אויף קעציכעס. אויף אַ פאַרתאווהטן קאָטער האָט זי געקאָנט טאָן אַזאַ בייזן און פרום־מרהשחורהדיקן בליק, אַז ער האָט עס פאַרזאָגט אַ צענטן מיט דער דאָזיקער קאַץ צו וועלן האָבן וואָסער עס איז מחזקות. דערצו איז זי שוין געווען אין היפּשלעכער זיקנה און אַ שווערע. בעלנים אויף איר זענען געוואָרן ווינציקער און ווינציקער און מען האָט זי געלאָזט צורו. זי האָט זיך דעריבער זעלטן געוויזן אויפן הויף, רק שעהן־לאַנג געלעגן אויפן קאַלטן פּיעקעליק אין דער הילצערנער מפּולת. אַמאָל אַמאָל האָט זי אַרויסגעשטעקט דעם געלן פאַרשלאָפענעם קאָפּ פון דער טיר־שפּאַלט, און אַ גענעץ געטאָן אויף דער זינדיקער וועלט.

איר איינציקער גאַנג אונטער דער זון — און דאָס אויך זייער זעלטן — איז געווען אַ קוק צו טאָן וואָס עס טוט זיך אויפן קעגנאיבערדיקן מיסט־קאַסטן.

דעם דאָזיקן גאַנג האָט זי געטאָן, מן־הסתם, ווען זי האָט שוין מער נישט געקאָנט אויסהאַלטן די שעפּטשענישן פון יצר־הרע צו זוכן אויפן מיסט־קאַסטן די אַרויסגעוואָרפענע מטעמים פון די טישן פון די רייכערע לאָקאַטאָרן אויפן הויף פון מאָוריצי פּרוסאַק. קיין גרויס שוואוילטאָג האָט זי ביי דעם אָרעמען ייד זיכער נישט געהאַט. וויפל די אַלטע קאַץ האָט שוין מער נישט געהאַט צו טאָן מיט עולם־הזה — פונדעסטוועגן איז דער חשק צו דער אכילה ביי איר נישט אויסגעלאָשן געוואָרן. פאַרקערט, ער איז שטאַרקער געוואָרן מיט דער עלטער. אין אירע חלומות אויפן פּיעקעליק, איז דער קעגנאיבערדיקער מיסט־קאַסטן נישט איינמאָל מן־הסתם דערשינען ווי דער לעתיד־לבוא פון פרומע אַסקעטישע קעץ, — און זי האָט אים, מעשה־יצר, אויך געוואָלט אַמאָל זען בעת איר לעבן אויף דער חומרדיקער זינדיקער וועלט, — די וועלט פון פאַרשייטע קאָטערס.

דעם גאַנג צום מיסט־קאַסטן איז זי געגאַנגען מיט גרויס עניוות. פּאַ־מעלעכל, פּאַמעלעכל האָט זיך איר אַלטער פעטער גוף געשלעפּט אויף דער ערד. די קאַץ האָט געהאַלטן דעם קאָפּ אַראָפּגעבויגן ווי נישט צו

קוקן אויף דער ליכטיקער און זינדיקער וועלט. אין איר בויך האָבן גע־
בורטשעט די זיסע שעפּטשענישן פון יצר־הרע אַ קוק צו טאָן וואָסערע
מטעמים די רייכע לאָקאַטאָרן האָבן אַרויסגעוואָרפן אויף יענעם גן־עדן.
און — אַגב־אורחא אַליין אַ לעק צו טאָן צו די אָפּפאַלעכצן פון די רייכע
טישן.

קאַפּיטל פיר און פערציק

וואָס איז די וועלט, אויב נישט קיין שאַליק גע־
זאַנג פון פרייד? די קאַץ האַלט נישט פון קיין וועלט־
שמחה און עס צינדן זיך אַן אירע טונקעלע און קאַלטע
געבלוטן. די קאַץ לערנט אַן באַבעקן ווי אַזוי צו זיין
אַן אָפּטימיסט. צי איז אונזער וועלט טאַקע די בעסטע
פון אַלע וועלטן?

פונקט האָט זיך געמאַכט אַז אין דעם זעלביקן טאָג און אין דער־זעלביקער שעה, ווען די אַלטע געלע קאַץ האָט געטאָן איר פּאַמעלעכן גאַנג פון דער מפּולת צום מיסט־קאַסטן — האָט מען ס׳ערשטע מאָל אַרויסגעלאָזט באַבעקן אויפן הויף. גאָר אַ קליין הינטל קאָן מען נישט אַליין אַרויסלאָזן. ער קאָן זיך פאַרבלאָנדזשען אָדער גאָר צעביסן ווערן פון גרעסערע הינט. פּאַמעלעך האָט באַבעק דערגרייכט זיין הינטישע רייפקייט און מען האָט אים אַראָפּגעלאָזט אַ קוק צו טאָן אויף דער שיינער וועלט אינדרויסן.

די שיינע וועלט אינדרויסן צו וועלכער באַבעק האָט ס׳ערשטע מאָל אַ שמעק געטאָן מיט זיינע שאַרפע נאָז־לעכער — זי האָט טאַקע אויף הונ־דערט פּראָצענט באַשטעטיקט די אָפּטימיסטישע וועלט־אַנשויאונג, וואָס באַלאַנגט צו דער פּסיכישער ירושה פון דורות און דורות פון פּאָקסטע־ריערס. שוין דאָס ערשטע ווינטל וואָס האָט אים געבלאָזן אין די אויגן אַריין האָט באַבעק באַטראַכט ווי אַ שקאַצישע אַרויספאָדערונג פון דער וועלט זיך מיט איר צו שפּילן. אַלצדינג איז אין באַבעקס אויגן געווען בלויז שפּיל. דער ווייכער זאַמד אונטער זיינע לאַפּקעלעך האָט זיך

לייכט געקרישטלט און באָבעק האָט געזען, אַז מען קאָן דערין גראָבן מיט אַ פּיסל צי גאָר דערין אַריינשטעקן דאָס מאָרדקעלע און שמעקן צו דער וואונדערלעכער פייכטקייט און דאָס זאַמד אויפשטויבן. דאַן האָט ער געזען די גראָזן וואָס וואַקסן אין פּרוסאַקס גערטנדל און מען קאָן זיי אַזוי געשמאַק רייסן מיט די ציין. ער האָט געפונען אַ שטיינדעלע מיט וועלכעס מען קאָן זיך שפּילן און עס אַרייננעמען אין פּיסק און טראָגן צווישן די ציין. אָדער מען קאָן זיך גלאָט אַוועקלייגן אויפן רוקן מיט די פיר פּיסלעך אויף אַרויף און קוקן אויף דער שפּילנדיקער זוניקער בלויקייט פון די הימלדיקע הויכענישן.

באָבעק האָט באַטראַכט די וועלט אַרום און אַרום ווי איין שאַליק גע־זאַנג פון פרייד.

פּלוצעם האָט זיין שאַרפער בליק געזען פונדערווייטנס ווי אַ געל באַ־שעפעניש, עפּעס אויך כמעט ענלעך צו אַ הינטל — וואָרעם עס האָט אויך אַ לענגלעכן קליינעם גוף און פיר פּיסלעך — גייט זיך פּאַמעלעכל איבערן הויף. באָבעק האָט נאָך נישט געהאַט געוואוסט פון דער אייביקער שנאה צווישן קעץ און הינט וואָס ציט זיך שוין זינט טויזנטער דורות. אין זיין יונג לעבן האָט באָבעק נישט געהאַט קיין אַנדערע דערפאַרונג אַחוץ, אַז די דאָזיקע וועלט איז די שענסטע און בעסטע פון אַלע וועלטן, און אַז זי איז אַן עקזיסטענץ פון אמתער פריידיקער ברודערלעכקייט צווישן אַלצדינג און אַלעמען. און אַז די קאַץ פונדערווייטנס איז זיכער אויך איינע פון די ליבע האַרציקע באַשעפענישן אונטער דער זון. ס'איז דער גרעס־טער יושר צו איר צוצולויפן און זיך מיט איר אַ שפּיל צו טאָן.

באָבעק האָט זיך נישט לאַנג מיישב געווען. אַ האָפּערדיקער האָט ער אַ הויב־אויף געטאָן זיין קליין אָפּגעהאַקט וויידעלע, זיך אַ לאָז געטאָן צו דער אַלטער געלאַטענער קאַץ און געפּרואווט צו איר אַ פריינטלעכן שמעק טאָן.

אויב די אַסקעטישע פעטע קאַץ האָט פיינט געהאַט אַלע אַנדערע קעץ און די קאָטערס פון איר מין — האָט די גיפטיקע שנאה צו הינט געברענט אין אַלע אירע אינגעווייידן. זי האָט די הינט געהאַסט מיטן האַס פון איר ראַסע און מיט איר אייגענעם פּערזענלעכן כעס. די לעבעדיקע און רירעווודיקע לוסטיקייט פון הינט אין אַ וועלט וואָס — לויט אונזער

קאַצס השגות — דאַרף מען אַרומגיין טיף פינצטער און מרה־שחורהדיק אין געמיט — אַט־די הינטישע וועלט־שמחה האָט ביי דער קאַץ אָנגעצונדן אירע טונקעלע און קאַלטע געבליטן. דאָ נאַדיר גאָר אַזאַ פאַרשייט צע־שפּרונגעניש פון אַ כלבל.

פּאַמעלעכל פּאַמעלעכל האָט זיך די קאַץ אויפגעשטעלט. אירע גרויסע גרינע אויגן האָבן געברענט ווי ביי אַ גיפטיקע שלאַנג. די וואַנ־צעס אַרום איר באַהאַלטן מויל האָבן זיך אויפגעשטעלט ווי שפּיציקע שפּיזן. די קאַץ האָט אַ דריי געטאָן מיטן קאָפּ און אַ סיק געטאָן צו באָבעקן, אַז ער האָט באַלד אַראָפּגעלאָזט דעם וויידל און אַנטלאָפן וואו דער פעפער וואַקסט.

— וואָס טוט זיך דאָס אויף דער שיינער וועלט? — האָט באָבעק געטראַכט, ווען ער איז שוין געשטאַנען ביי דער טיר פון פּרוסאַקס פּאַלאַצל און די אומהיימלעכע שרעק האָט אין אים אַ ביסל נאָכגעלאָזט. דער אָפּטימיזם האָט ווידער גענומען די אויבערהאַנט אין זיין געמיט. עס איז נישט מעגלעך אַז דאָס דאָזיקע ליבע באַשעפעניש זאָל זיך נישט וועלן מיט אים שפּילן. באָבעק האָט אָנגענומען, אַז מן־הסתם האָט ער געהאַט אַ טעות און מען דאַרף פונדאָסניי צוצולויפן צו דער קאַץ.

די קאַץ איז נאָך אַלץ געשטאַנען צווישן דער מפּולת און דעם מיסט־קאַסטן. די פאַרשייטקייט פון דעם הינטל האָט זי גאָר אַרויסגעבערענגט פון די כלים. זי האָט זיך נישט געקאָנט באַרואיקן. איר קיילעכדיקער געלער קאָפּ האָט ביי איר אַראָפּגעהאָנגען ביז צו דער ערד.

באָבעק האָט ווידער אַ הויב אַרויף געטאָן דעם אָפּגעהאַקטן וויידל און מיט גאָר אַ נייער גוט־פריינטשאַפט אַ שאָס־צו געגעבן צו דער קאַץ.

דאָס איז שוין פאַר דער קאַץ געווען צו פיל. מיט דעם כעסיקן טעמ־פּעראַמענט וואָס איז נאָך געלעגן אין אירע געבליטן האָט זי אַ שפּרונג געטאָן אין דער הויך. אירע גרינע אויגן האָבן געשיט מיט פונקען. איי־דער באָבעק האָט באַוויזן זיך אומצוקוקן איז די קאַץ אים אַריינגעשפּרונ־גען אין פּנים אַריין.

באָבעקן איז פינצטער געוואָרן אין די אויגן. מיט די אויערן האָט ער פאַרנומען אַ שאַרף סיקן. זיינע נאָז־לעכער האָבן אין זיך אַריינגעזאָ־טעמט ריחות וועלכע באָבעק האָט גאָר נישט געגלויבט צו טרעפן אויף

דער בעסטער פון אַלע וועלטן. די קאַץ האָט אים געוואָלט אָנלערנען מיט אירע שפּיציקע ציין און מיט די נעגל פון אירע פיס. באָבעק האָט גאָר נישט געפילט, מחמת אינם האַרצן האָט אים פּלוצעם געבויערט אַ ביטערע אַנטוישונג, און ער האָט געטראַכט: אפשר איז די וועלט פאָרט נישט אַזוי ווי ער וואָלט געוואָלט אַז זי זאָל זיין.

קאַפּיטל פינף און פערציק

אויך הינט האָבן זייערע כעלעמער נאַראָנים. מאַאוריצי פּרוסאַק הויבט זיך אָן צו פאַרהיטן פאַר גנבים. אימהדיקע פאַנטאַזיעס פון אַ לאָדזשער באַ־לעבאָס. אַ שמועס וועגן שאַלקהאַפּטיקן לאָדזש און אַז מען איז הי נישט זיכער מיטן אָטעם. פּרוסאַק רופט מיך פון זיינע נויטן און איך גיי אים ראַטעווען.

אויף ווי ווייט אַ מענטש קאָן זיך נאָר פאַרזיכערן פאַר דער שאַלק־האַפּטיקייט פון מענטשן און פאַר די גנבים וואָס לויערן אויף אים פון אַלע ווינקעלעך און ווילן אים באַראַבעווען און איבערלאָזן אָדם־נאַקעט — אויף ווי ווייט אַ מענטש קאָן זיך נאָר קעגן אַלעמען און אַלצדינג פאַר־זאָרגן, האָט עס מאַאוריצי פּרוסאַק געטאָן מיט דער פולער האַנט. קודם־כל האָט ער געהאַלטן אַ הונט וואָס זאָל אים היטן און האָבן אַן אויג אויף יעדן איינעם וואָס פּרוּווט זיך נאָר צו דערנענטערן צו פּרוסאַקס פּאַ־לאַצל. מיט דעם דאָזיקן הונט האָט מאַאוריצי פּרוסאַק געטראָפן פּונקט דערנעבן. עס איז געווען אַ הונט פון דער ראַסע פון די „שפּיצן" — אַ ראַסע וואָס באַלאַנגט גראָד נישט צו די גרויסע חכמים אין דער הינטישער וועלט. פּרוסאַקס הונט איז דערצו נאָך געווען דער אמתער כעלעמער צווישן די הינטישע כעלמער נאַראָנים. אויסערלעך איז ער געווען אַ שיינער וואָליקער הונט, ענלעך צו אַ שעפּס, און האָט געהאַט אַ שוואַרצע שפּיציקע מאָרדע. אַ קול צום בילן האָט ער געהאַט, אַז ווען ער האָט גענעפנט דאָס מויל און געבילט האָט מען געמיינט די וועלט גייט אונטער. שכל האָט ער אָבער געהאַט פאַר אַ גראָשן, און אַ האַרץ האָט ער געהאַט,

אַ האַרץ ווי אַ שטיין אָן שום סענטימענטן און געפילן. וויפל מאַאוריצי פּרוסאַק האָט אים געגלעט און געגעבן פון שענסטן און בעסטן — דער הונט האָט נישט אַרויסגעוויזן די מינדנסטע דאַנקבאַרקייט און האָט עס גענומען גלייך עס וואָלט אים געקומען ווי אַ חוב. ער האָט כמעט ווי נישט געמאַכט קיין חילוק צווישן זיין באַלעבאָס מאַאוריצי פּרוסאַק און די שאָלקהאַפטיקע מענטשן, וואָס טראָגן זיך אַרום קעגן פּרוסאַקן מיט בייזע כוונות. האָט ער, דער הונט, געהאַלטן ביים בילן, דעמאָלט האָט ער גע־בילט אויף אַלעמען. ער האָט געבילט אַפילו אויף מאַוריצי פּרוסאַקן, גלייך ווי אויך ער, פּרוסאַק, וואָלט געווען אַ פרעמדער צווישן די פרעמדע און דער הונט זעט אים ס׳ערשטע מאָל אויף די אויגן. האָט ער נישט געבילט — דעמאָלט האָט ער נישט געמאַכט קיין חילוק צווישן פריינט און פיינט. מען האָט געקאָנט דעמאָלט פּרוסאַקן בדלות שטעלן — דעם הונט האָט עס געאַרט ווי דער פאַראַיאָריקער שניי. ער איז רואיק געלעגן מיטן קאָפּ צווישן די לאַפּעס און געשלאָפן.

אויף אַזאַ שומר איז זיך געווען קנאַפּ וואָס צו פאַרלאָזן. גנבים וויסן מן־הסתם דערפון, און שמידן געשמאַק עצות און תחבולות ווי אַזוי זיך סוף־כל־סוף אַריינצובאַקומען צו מאַאוריצי פּרוסאַקן און פון אים צו מאַכן קאַשע.

האָט זיך פּרוסאַק מיישב געווען: אַרום די טירן פון דעם קאָרידאָר און דירה פון זיין פּאַלאַצל האָט ער אַרומגעלייגט באַהאַלטענע דראָטן. טאָמער גיט מען זיי אַ ריר, איז געוואָרן אין פּרוסאַקס פּאַלאַצל אַ מהומה און אַ געקלינגערײ אַז עס וואָלט געקאָנט אויפוועקן אַ טויבן. די גנבים וועלן זיך גוט דערשרעקן בעת זיי וועלן באַקומען אַזאַ אומגעריכטן קבלת־פּנים. זיי וועלן שוין אָנזאָגן אַ צענטן נישט צו האָבן קיין חשק צו זען וואָס עס טוט זיך ביי מאַוריצי פּרוסאַקן. און אפשר? ביי אַזאַ ווילד געקלינגערײ אין מיטן פון דער נאַכט וועט אויך הערן די פּאָליציי און קומען ראַטעווען? און אפשר? ווער קאָן עס באַרעכענען? דער הונט וועט דעמאָלט גאָר זיין אין גוטער שטימונג און אַרויסבייסן ביי אַ גנב אַ שטיק פלייש פון דער ליטקע?

אין די ערשטע נעכט, ווען פּרוסאַק איז געשלאָפן אַרומגערינגלט

מיט אַזאַ שלל פון באַהאַלטענע עלעקטרישע גלעקלעך האָט ער געהאַט רואיקערע חלומות. עס האָט זיך אים נישט כסדר אויסגעדוכט, אַז מען גייט הינטער די טירן.

אָבער אינעווייניק אין שווייגנדיקן מאַאוריצי פּרוסאַק האָט געהויזט אַ שפע מיט פאַנטאַזיע.

פאַמעלעך האָט זיך אים פּאַרט אָנגעהויבן אויסצודוכטן, אַז אָט די אַלע גלעקלעך אויף וועלכע ער בויט די זיכערקייט פון זיין לעבן און פאַרמעגן, זענען נישט ווערט קיין שמעק־טאַבאַק. די גנבים קאָנען גאָר שיין מיט שאַרפע שערן איבערשניידן אַלע באַהאַלטענע דראָטן. דער הונט וועט שוויגן ווי די וואַנט. און ווען ער, מאַאוריצי פּרוסאַק, וועט ליגן אין בעט און שלאָפן אין דער גרעסטער זיכערקייט — דעמאָלט וועט אים פּלוצעם עמעצער אַ טאַרע טאָן ביי דער האַנט, ער וועט עפענען די אויגן און זען ווי אַרום זיין בעט שטייען פאַרמאַסקירטע גנבים מיט בלאַנקנדיקע מעסערס אין די הענט און וועלן פאַרלאַנגען פון אים זיין לעבן און זיין פאַרמעגן.

אַ קאַלטער שוויס האָט באַגאָסן פּרוסאַקן ווען די דאָזיקע פאַנטאַזיעס האָבן זיך צעשפּילט אין זיין געהירן בעת ער איז געלעגן צווישן די לייַלעכער פון זיין שיינעם מאַכאָנענעם בעט. ער האָט געקוקט אויפן זייגער ווי שפּעט עס איז. ער איז אויפגעשטאַנען, אַריינגעשטעקט זיינע פיס אין שטעק־לאַטשן און אַרויסגעגאַנגען צו דער קאָרידאָר־טיר, און געהאָרכט און נאָכגעקוקט די דראָטן. דער הונט האָט אמת אַ ביל געטאָן, אָבער דאָס האָט ער בלויז געבילט אויף זיין אייגענעם באַלעבאָס, אויף מאַאוריצי פּרוסאַקן.

פּרוסאַקס נעכט אין בעט האָבן זיך פונדאָסניי פאַרוואַנדלט אין זעע־לישע גיהנומס און ער האָט זיך געוואַנדן צו זיין לעצטן רעטונגס־ברעט, און דאָס בין איך געווען אין מיין גאַנצער ווינציקייט.

איינמאָל אין אַ נאָכמיטאָג טוט אַ קלונג ביי דער טיר. איך עפן. אויף דער שוועל שטייט מאַאוריצי פּרוסאַק אַ בלאַסער און אַ דערשראָ־קענער. איך האָב געמיינט אַז עס איז עפּעס געשען אין הויז. איך האָב אים געפרעגט, וואָס עס איז?

— איך האָבע צו אינען איינע ביטע, הער טרונק, — האָט מאַאוריצי

פּרוסאַק געזאָגט מיט ביטערן אומעט און ער איז אַריין מיט מיר אין קאַ־בינעט.

ער האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ שטול און זיך אָפּגעווישט דעם פּייכטן שטערן מיט אַ טיכל. באַלד האָט ער מיט מיר אָנגעהויבן אַ שמועס וועגן נאָך־מלחמהדיקן לאָדזש. ער האָט גערעדט וועגן די אויפגעקומענע גבירים, וועגן די אַמאָליקע אָרנטלעכע לאָדזשער מענטשן, וועגן זיין „זעליקן פאָטער" וועמענס לעצטע „ווערטע" ער האָט געוויזן אַ פייג, און איז דעריבער אַריינגעפאַלן מיט אַ הויז אויף פאַנסקע. ער האָט גערעדט וועגן די דירה־געלטער וואָס זענען דעוואַלואירט געוואָרן אויף גראָשנס און דער לאָקאַטאָרן־שוץ ליגט ווי אַ בלוטיקער חלף אויפן האַלדז. אי־בערהויפּט האָט ער גערעדט וועגן דער שאַלקהאַפטיקער מענטשלעכער טבע. מען דאַרף אַלעמען קוקן אויף די פינגער און נישט געטרויען וואָס אַ האָר איז ווערט!

שפּעטער איז ער פּאַמעלעך אַרויפגעקומען דערזיף, אַז הגם לאָדזש איז תמיד געווען אַ מקום פון גנבים, האָבן זיי איצטער, אין די באַדינגונגען נאָך דער מלחמה, זיך געמערט ממש ווי שוואָמען נאָך אַ רעגן. איבערהויפּט האָבן זיי געוואָרפן אַן אויג אויף אונזער גאַס און מען איז דאָ נישט זיכער מיטן אָטעם. דער עיקר האַלטן זיי אַן אויג אויף פאַבריקאַנטן און הויז־אייגנטימער. איך האָב אַפילו אַ הונט, האָט געזאָגט מאָאוריצי פּרוסאַק, נאָר אויפן הונט קאָן מען זיך דאָס מינדסטע נישט פאַרלאָזן, האָט ער צו־געגעבן מיט אַ טראַגישן זיפץ. ער האָט מיר דערציילט ווי ער האָט די טירן אַרומגעלייגט מיט באַהאַלטענע דראָטן. נאָר די גנבים זענען קליגער און גיבן זיך מיט אַלצדינג אַן עצה.

איך האָב אויף אים געקוקט און כסדר נישט געקאָנט דערגיין וואָס ער איז אויסן און צו וואָס ער צילט מיט זיין איצטיקן וויזיט.

מאָאוריצי פּרוסאַקס אויגן זענען געוואָרן וואָס אַמאָל דערשראָקענער. ענדלעך האָט ער אַרויסגעזאָגט וואָס ער פאַרלאַנגט פון מיר. פאַר אייך, הער טרונק, איז עס אַ קלייניקייט, האָט ער צוגעגעבן, — פאַר מיר, אָבער, איז עס אַ פראַגע פון לעבן און זיכערקייט, נעמלעך:

אין אַ באַהאַלטן ווינקל פון מיין שלאָף־צימער, אויף אַן אָרט וואו

קיינער וועט עס נישט באַמערקן, וויל ער אויפהענגען אַן עלעקטריש גלעקל. דעם דריק־קנאָפּ צו דעם דאָזיקן גלעקל וועט ער פאַרשטעקן ערגעץ צווישן די ליילעכער פון זיין בעט. ווען די גנבים אונטן וועלן שוין האָבן איבערגעשניטן אַלע דראָטן און אַט וועלן זיי אים צולייגן דעם חלף צום האַלדז, וועט ער, מאַאוריצי פּרוסאַק הייסט עס, פּאַמעלעכל אויסשפּרייטן פאַר זיי די לעצטע און געפּערלעכסטע פּולאַפּקע. ער וועט גאָר בשתיקה אַ דריק טאָן פאַרן באַהאַלטענעם קנעפּל. דאָס גלעקל ביי מיין בעט וועט קלינגען — און איך האָב נישט מער צו טאָן, סיידן אַרויס־צולויפן אויפן באַלקאָן און שרייען אויף דייטשמעריש „דיעבע״. באַלד וועט קומען צולויפן פּאָליציע און די גנבים וואָס האָבן געמיינט, אַז אַט האָבן זיי שוין פּרוסאַקן ביי זיך אין קעשענע, וועלן ערשט געוואויר ווערן ווער עס איז עלטער.

פּרוסאַק האָט צו מיר אויפגעהויבן די אויגן מיט אַזאַ טיפער בקשה, אַז עס וואָלט גערירט דאָס האַרץ פון אַ שטיין. און איך האָב מיט אַ שמייכל מסכים געווען. איך האָב עס סוף־כל־סוף געהאַלטן פאַר אַ קלייניקייט וואָס וועט מיך נישט באַלעסטיקן, — וואָרעם איך האָב געהאַט קנאַפּ אמונה דעריין, אַז אַלע לאָדזשער גנבים טראַכטן נישט מער, סיידן ווי פּרוסאַקן צו באַראַבעווען. עס וועט מיט גאָטס הילף, האָב איך געטראַכט, קיינמאָל נישט אויסקומען מיך צו אַלאַרמירן אין מיטן דער נאַכט.

ער האָט מיר זייער וואָרעם געדאַנקט, ווי איך וואָלט אים דאָ געטאָן די גרעסטע לעבנס־טובה. ער האָט אַרויפגעשיקט אַן אַרבעטער און דאָס גלעקל איז געמאַכט געוואָרן.

עס זענען פאַרגאַנגען היפּשע וואָכן און איך האָב פאַרגעסן דאָס גלעקל וואָס הענגט ערגעץ באַהאַלטן איבער מיין בעט.

איינמאָל — עס האָט געמוזט זיין דריי אַזייגער ביינאַכט. איך האָב געהאַלטן אין סאַמע מיטן פון בעסטן שלאָף האָט דאָס גלעקל אָנגעהויבן שאַרף צו קלינגען. און איך האָב זיך האַסטיק אויפגעכאַפּט.

אין דער טיפער פינצטערקייט פון דער נאַכט האָט דאָס שאַרפע קלינגען פון גלעקל ממש אויסגעקוקט ווי אַן אַנגסטיקער רוף פון טיפס־טער נויט.

עס זעט זיך אויס, אַז פּרוסאַקס שרעקן זענען פּאַרט נישט געווען אומזיסטע. ווער ווייסט צי ער האָלט נישט אונטן שוין נאָך ווידוי, — האָב איך אַ טראַכט געטאָן.

קיין גרויסער העלד בין איך נישט. פּאַרט מוז מען ראַטעווען אַ מענטש פון די הענט פון זיינע פּייניקער! איך האָב פאַרגעסן דעם אָפּמאַך, דאָס הייסט, אייגנטלעך באַדאַרף איך איצט אַרויסלויפן אויפן באַלקאָן און אין דער פינצטערער נאַכט אַריין שרייען אויף דייטשמעריש „דיעבע!". קודם־כל האָב איך געעפנט די טיר פונם טרעפּן־הויז און אויפגעשפּיצט די אויערן.

טיפע ביינאַכטיקע שטילקייט.

אָבער מאַאוריצי פּרוסאַק רופט דאָך פּאַרט פון זיינע נויטן! איך האָב אָנגעטאָן די שטעק־לאַטשן און אַרויפגעכאַפּט אויף מיר דעם שלאָף־ראָק. מיט שטילע פאַרזיכטיקע טריט בין איך אַראָפּגעגאַנגען די טרעפּ. איך שטיי ביי פּרוסאַקס טיר און לייג צו איר צו אַן אויער. ס'איז שטיל.

— ס'איז דאָך נישט מעגלעך, טראַכט איך ביי מיר, אַז די רוצחישע גנבים זאָלן אָפּטאָן זייער פאַרברעך אין אַזאַ פרידלעכער שטילקייט? מאַאוריצי פּרוסאַק שלאָפט מן־הסתם אין זיינע ליילעכער אין דער גליק־זעליקסטער זיכערקייט. אַ דראָט האָט זיך מן־הסתם ערגעץ פאַרטשעפּעט און דאָס גלעקל האָט נישט געהאַט קיין אַנדערע צייט משוגע צו ווערן סיידן דריי אַזייגער ביינאַכט. איך האָב אויסגעבייטלט צום גלעקל אַלע בייזע חלומות און צוריקגעגאַנגען אין בעט אַריין.

ניין אַזייגער אינדערפרי קלינגט עס ביי מיין טיר. איך עפן. מאַאוריצי פּרוסאַק שטייט אויף דער שוועל אַ צעשויבערטער און אַ נישט־אויסגע־שלאָפענער. ער זאָגט צו מיר מיט דער ביטערסטער אַנטוישונג:

— וואָרום האָבען זי נישט געשריגן „דיעבע", הער טרונק? אַ גאַנ־צע נאַכט בין איך געשטאַנען אין די גאַטקעס ביים פענצטער און געוואַרט אויף אייער געשריי — לויט ווי מיר האָבן אָפּגעמאַכט.

מאַאוריצי פּרוסאַק האָט מיט מיר געמאַכט אַן אַלאַרם פּראָבע.

קאַפּיטל זעקס און פערציק

גע בענטשט זאָלן זיין די שטערן אין הימל! משה מאַנדל. אַ לעבן אין די אילוזיעס פון גייסט און אין די באַטראַכטענישן פון דער מחשבה.

עס האָט זיך אויסגעלאָזט: סוף־כל־סוף האָט מאַוריצי פּרוסאַק געבענטשט אַלע שטערן אין הימל וואָס זיי האָבן באַשערט, אַז איך זאָל וואוינען איבער זיין קאָפּ. מחמת אַ געוויס געשעעניש, וואָס איך גיי איצט דערציילן, איז אים אויסגעקומען אַז איך בין די שרעק פאַר די לאָדזשער גנבים, און נאָר צו זיין גרעסטער גליק האָט ער מיך, מאַאוריצי פּרוסאַק, אַריינגעקריגן פאַר אַ שכן אין זיין פּאַלאַצל.

נאָר איך וויל נישט פאָראויסאיילן דאָס טראַגי־קאָמישע געשעעניש.

אין לאָדזש האָב איך געהאַט אַ יוגנט־פריינט מיטן נאָמען משה מאַנדל. דאָס איז געווען איינער פון די זעלטנסטע מענטשן וואָס איך האָב געקאָנט. איך האָב געהאַט פריינט צווישן קינסטלער און שריפטשטע־לער. דאָס זענען געווען מענטשן וואָס די גייסטיקע וועלט איז געווען זייער באַרוף. זיי האָבן אין איר געשאַפן איטלעכער לויט זיין אופן. זיי האָבן געשטאַלטיקט פיגורן, סיטואַציעס און ליידנשאַפטן, לויט ווי זיי האָבן זיי געזען אין די וויזיעס פון דער וועלט פון געמיט און גייסט. משה מאַנדל איז נישט געווען קיין שריפטשטעלער און קיין מאָלער. אין

יענע געביטן איז ער נישט אַריינגעקומען בלויז ווי אַ גאַסט וואָס קומט אַהער פון די פּראָזאַאישע ווירקלעכקייטן, און וויל דאָ אויף אַ ווייל שעפּן פון די קוואַלן, שעפּן פּאַר זיינע שאַפערישע עמאָציעס. משה מאַנדל איז געווען אַן אייביקער תושב אין דעם מלכות פון מחשבה און גייסט. ער האָט נישט באַדאַרפט זיך צו אינספּירירן צו געשטאַלטונג ווי עס טוט דער גרעסטער רוב פון קינסטלערישע מענטשן. זיין טאָג־טעגלעכער אָטעם און זיין לעבנס־עלעמענט איז געווען די אינספּיראַציע. ער אַליין איז געווען די געשטאַלטונג. ער האָט קנאַפּ געליינט ביכער, אָבער איך האָב אים תמיד באַוואונדערט ווי ער האָט אַלצדינג געוואוסט.

ער איז געווען אַ שטילער און אַן איידעלער און עס האָט פון אים געשפּרודלט מיט חכמה. י. ל. פרץ האָט אים אַמאָל אַ קוש געטאָן אין קאָפּ אַריין.

משה מאַנדל האָט געשטאַמט פון אַ גערער חסידישער משפּחה און איז געווען אַ שאַרפער חסידישער בחור אין באַרימטן קרוטקער שטיבל. אין 1905, ווען די רעוואָלוציאָנערע יידישע גאַס האָט איבערגעשאַצט אַלע ווערטן, איז אויך משה מאַנדל מיטגעטראָגן געוואָרן מיטן שטורעם פון דער צייט. ער האָט נישט גענומען קיין שום טעטיקן אָנטייל אין דער טאָטפולער צייט. טאָט איז געווען אַ צו רעאַל געשעעניש אין דער מחשבה־וועלט פון דעם דאַזיקן טרוימער. אָבער די רעוואָלוציאָנערע כוואַליעס פון דער צייט האָבן זיך פאַרט אַריינגעריסן אין דער וועלט פון מחשבות אין וועלכער משה מאַנדל האָט געלעבט. די פרייהייט און די פרייזיניקייט האָבן אויפגעטרייסלט די אַלטע געהיימנישפולע שאָטנס פון דער טראַדיציאָנעלער יידישער מחשבה מיט וועלכער משה מאַנדל האָט געקוקט אויף דער וועלט. די נייע יידישע תקופה, איבערהויפּט די יידישע ליטעראַטור, און איבערהויפּט פרץ — האָבן דאָרט אָנגעהויבן אַריינצושיינען מיט נייע ליכטער און צו פאַרטיפערן די יידישע מחשבה אויף די פליינען פון דער וועלט.

משה מאַנדל האָט מיט עטלעכע חסידישע בחורים גערעדט וועגן זיין געמיט אין ליכט פון דער נייער תקופה און האָט זיי דערציילט פון פרצן. אין קרוטקער שטיבל, אין דער דאַזיקער אָפּגעשלאָסענער פעס־

טונג פון אַלטן גערער חסידות, האָבן נישט געפעלט קיין אונטערטראָגער. מען האָט דערציילט וועלוול קרוטקער אַז דער שטילער משה מאַנדל איז אַ מסית ומדיח.

וועלוול קרוטקער, וואָס האָט דורכאויס געהאַט דאָס געפיל פאַר דעם ווערט פון דערהויבענע נשמות, האָט פון תמיד אָן זייער געהאַלטן פון משה מאַנדלען און געוואוסט אים אָפּצושאַצן. דער שטאַנד פון קרוטקער שטיבל איז אָבער ביי וועלוולען געווען דאָס וויכטיקסטע פון וויכטיקסטן. דאָ האָט געלעבט אַ יוגנט וועלכע האָט אויפן פאַנאַטישסטן אופן באַדאַרפט צו באַשיצן די אַלטע מויערן פאַר די אַנגריפן פון דער נייער תקופה. אַזאַ פּערזענלעכקייט ווי משה מאַנדל איז אים געווען זייער געפערלעך אין דער דאָזיקער מחנה. וועלוול קרוטקער איז צוגעגאַנגען צו משה מאַנדלען, אויף אים אַ קוק געטאָן און געזאָגט, אַז קיין פּעטש וועט ער אים נישט געבן, נאָר עס וואָלט גלייך געווען, אַז זיין פוס זאָל מער נישט באַטרעטן די שוועל פונם שאַרפסטן גערער שטיבל אין לאָדזש.

פון דעמאָלט אָן איז משה מאַנדל געוואָרן אַרויסגעטראָגן אויף די ווינטן פון דער וועלט און אין אַלערליי סביבות. זיינע חברים זענען געווען סיי אַלטע חסידים און לומדים, סיי קינסטלער און שריפטשטעלער, און סיי גאָר פּראָסטע מענטשן, און אַפילו מענטשן פון דער אונטערוועלט וואָס זענען ביי אַלע זייערע מעשים פאַרבליבן אומעטיקע גאָט־זוכער. די איינ־ציקע אַקטיוויטעט אין זיין לעבן איז געווען דעמאָלט, ווען ער האָט געפריידיקט פרצן פאַר די שאַרפע בחורים אין קרוטקער שטיבל. שפּעטער איז ער ביי אַלע סיטואַציעס און צווישן אַלערליי מענטשן פון זיינע באַקאַנטע געבליבן דער פּאַסיווער באַטראַכטער. די האַנט האָט זיך אים מער נישט גע־רירט. דערפאַר האָבן די אויגן זיך אים געעפנט. ער האָט געקוקט אויפן שוי־שפּיל פון מענטשלעכע מעשים און מחשבות ווי אויף אַ וואונדערלעכע אילוזיע פון אַ געטער־חלום.

פיזיאָגנאָמיש האָט אויך משה מאַנדל געגליכן צו יענע גייסטיקע אַסקעטן, וואָס דער גוף איז ביי זיי נישט מער ווי אַ דין ווינציק ברעטעלע אויף וועלכן עס שטייט די נשמה און שוועבט איבער דער וועלט. ער איז געווען אַ דריבנער, אַ ווינציקער און אַ דאַרער, מיט קליינע הענטעלעך

און אַ קליין פנימל פון וועלכן עס האָבן אַרויסגעקוקט אַ פּאָר שיינע אָפענע אויגן. דערצו איז ער געווען אַ ביסל טורבעקולאָז און אַ קרענקלעכער. ער האָט געהאַט אַ גופל וואָס האָט באמת צו גאָר נישט געטויגט, סיידן צו לעבן אין די וויזיעס פון גייסט און אין די באַטראַכטונגען פון דער מחשבה.

קאַפּיטל זיבן און פערציק

אין אַ ווינטער־נאַכט אויף דער פּוסטער ליפּאָווע גאַס. העגט און פּיס ווערן אונז אָפּגענומען און מיר פאַרלירן די חושים. מזל טוב! מיר כאַפּן די געפּער־לעכסטע באַנדיטן פון דער שטאָט לאָדזש. שאַ! מען נעמט פאַר אונז אַראָפּ די היטלען און מען גיט אונז אָפּ גרויס כבוד. די העלדן ציטערן און פלאַטערן פון פּחד. לאָדזשער וואוילע־ייִנגען לויפן אַרויס קוקן אויף אונזער בייז וואונדער. י. י. טרונק און משה מאַנדל ווערן די טאָג־באַרימטקייטן פון דער שטאָט לאָדזש.

אין אַ קאַלטן ווינטערטאָג איז ה. ד. נאָמבערג געקומען קיין לאָדזש צו האַלטן אַ פאָרלעזונג אויף אַ ליטעראַרישער טעמע. די פאָרלעזונג איז פאָרגעקומען אין אָוונט און איך מיט משה מאַנדלען זענען מיר צוזאַמען געגאַנגען צו הערן נאָמבערגן. נאָך דער פאָרלעזונג זענען מיר, מיט נאָמ־בערגן און מיט נאָך עטלעכע לאָדזשער ייִדישע שריפטשטעלער, געגאַנ־גען אין אַ קאַפע. ווען מיר זענען אַהיים געגאַנגען איז געוואָרן צוויי אַ זייגער אין דער נאַכט.

חנה מיט מיין טאָכטער איטע זענען דעמאָלט געווען אין בערלין. מיין טאָכטער האָט דאָרט באַזוכט די שול. איך האָב איינער אַליין געוואוינט אין דער דירה איבער פּרוסאַקן. איך האָב פאָרגעשלאָגן משה מאַנדלען מיט מיר אַהיים צו גיין שלאָפן.

די לאָדזשער גאַסן זענען געלעגן אין שנייאיקער פּוסטקייט און עס האָט געקנאַקט מיט פראָסט. מיר זענען געגאַנגען און געשמועסט וועגן

נאָמבערגס פאַרלעזונג און זיך דערמאָנט די צייטן ווען פרץ פלעגט קומען קיין לאָדזש. פאַמעלעכל זענען מיר דערגאַנגען צו פּרוסאַקס פּאַלאַצל. די גאַסן זענען געוואָרן וואָס אַמאָל פוסטער. מען האָט זעלטן געזען אַן איינצלנעם פאַרשפעטיקטן פאַרבייגייער.

די ליפּאָווע גאַס אויף וועלכער דאָס פּאַלאַצל איז געשטאַנען איז געלעגן אין טיפע שטילע שנייען און אין טיפער ביינאַכטיקער שטילקייט.

איך האָב געהאַט אַ שליסל צום אייזערנעם טירל פונם גערטנדל. וואָרעם נאָר אַזוי אַרום האָב איך געקאָנט קומען אַהיים. איך האָב אַריינגעשטעקט מיין האַנט אין טאַש, גענומען דעם שליסל און געפּרואווט צו עפענען דאָס טירל.

אַזוי ווי איך האָב מיך נאָר אָנגעהויבן צו פּאָרען ביים שליסל־לאָך, האָט זיך דאָס טירל געעפנט מיט אַ דערשראָקענער האַסטיקייט. צוויי הויכע פרעמדע פאַרשוינען האָבן געטאָן אַ לויף אַרויס פון אינעווייניק און געפּרואווט אַנטלויפן.

וואָלטן מיר, איך מיט מאַנדלען הייסט עס, נישט געווען אַזעלכע שרעקלעכע פּחדנים און זיך ווי עס איז אָריענטירט אין דער סיטואַציע — איז מן־הסתם וואָלטן מיר נישט געוואַרט ביז די פרעמדע פאַרשוינען זאָלן אַנטלויפן. מיר וואָלטן אַנטלאָפן די ערשטע. די פוסטע שנייאיקע נאַכט און די פוסטע ליפּאָווע גאַס האָבן אַלצדינג געטאָן כדי ביי אונז ביידן צו שטעלן די האָר קאַפּויער אויפן קאָפּ און ביי אונז צוצונעמען דאָס לשון. דער כוח פון דער פּלוצעמער שרעק איז געווען גוואַלדיק, און אונזערע הענט און פיס זענען געליימט געוואָרן. פּשוט מיר האָבן פאַרלוירן יעדן ווילן און יעדעס באַוואוסטזיין. דעריבער קאָן איך עס בשום אופן נישט דערקלערן ווי אַזוי עס איז געקומען, אַז אַנשטאָט אַליין צו אַנטלויפן האָבן מיר זיך גאָר געוואָרפן אויף די פרעמדע פאַרשוינען. עס איז קיין ספק נישט געווען — עס זענען געווען שאַלקהאַפטיקע גנבים.

וואָס עס איז ווייטער געשען ווייס איך נישט. מיר זענען מן־הסתם אַרויפגעפאַלן אויף די גנבים און אויף זיי פאַרשטיינערט געוואָרן פון שרעק. קוקנדיק אויף אונז, האָבן זיך די גנבים אויך מן־הסתם דערשראָקן. זיי האָבן זיך אפשר געקאָנט אַן עצה געבן מיטן ווידערשטאַנד פון לעבעדיקע

מענטשן. מיר, איך מיט משה מאַנדלען הייסט עס, האָבן העכסט וואַר־שיינלעך אויסגעקוקט ווי גריילעכע געשפּענצטן, ווי מתים וואָס בלאָנקען זיך ביינאַכט אַרום איבער די פּוסטע לאָדזשער גאַסן. גנבים זענען אָבער־גלויבעריש. קוקנדיק אויף אונזער באַוואוסטלאָז אויסזען, האָבן מיר אין די גנבים, ווי עס זעט זיך אויס, אויפגעוועקט אַלע געפילן פון פרומער אימה און זיי האָבן מסתמא געמיינט, אַז זיי זענען געכאַפּט געוואָרן פון עולם־התוהוניקעס.

ווי לאַנג די דאָזיקע סיטואַציע האָט געדויערט ווייס איך נישט. איך ווייס נאָר — ווען מיר זענען ענדלעך אויפגעוואַכט געוואָרן פון דעם דאָזיקן לעטאַרגישן הינער־פּלעט, איז שוין נישט געווען קיין שפּור פון די פרעמדע. די ליפּאָווע גאַס איז ווידער געלעגן אין איר שנייאיקער ביי־נאַכטיקער שטילקייט. איך און משה מאַנדל האָבן יעדער געהאַלטן אין דער האַנט אַן אויסגעריסענעם אַרבל פון אַ מאַנסבילשן בגד.

מיר האָבן זיךביידע אָנגעקוקט דערשראָקענע און שנעל אַרויפּ־געלאָפן אין פּאַלאַצל, ווי ס׳וואָלט אונז עמעצער פון הינטן געיאָגט.

מיר האָבן זיך אַריינגעלייגט אין די בעטן ווי אין באַהעלטענישן און זיך טיף פאַרגראָבן אין די וואַרעמע דעקן. די שרעק האָט זיך נישט גע־וואָלט פון אונז אָפּטאָן.

עס איז פאַרבייגעגאַנגען אַ האַלבע שעה. פון טרעפּן־הויז הערן מיר אַ שווער געגיי פון אַ סך באַשטיוולטע מענטשן. מיר הערן הויכע גויישע קולות. באַלד קלאַפּט מען ביי דער טיר. איך און משה מאַנדל שטעקן אַרויס די קעפּ פון די דעקן. פונדאַסניי שטעלן זיך אונז די האָר קאַ־פּויער.

מען קלינגט שוין גאָר האַסטיק. ס׳איז נישטאָ קיין עצה. מען מוז גיין עפענען.

אויף דער שוועל שטייען פּאָליציאַנטן באַוואָפנטע מיט ביקסן.

עס האָט זיך אַרויסגעוויזן די פאָלגנדיקע מעשה:

אַ פּאַטרול באַוואָפנטע פּאָליציי וואָס היט ביינאַכט דאָס שלאָפנדיקע לאָדזש, האָט פּלוצעם באַמערקט ווי עס לויפן צוויי מענטשן מיט אויס־

גערִיסענע אַרבל. פאַר דער פּאָליציי איז עס קיין ספק נישט געווען — דאָס זענען פאַרדעכטיקע פייגל וואָס אַנטלויפן פון אַ „שטיקל אַרבעט". פּאָליציי האָט זיי נאָכגעיאָגט און פאַרהאַלטן.

שפּעטער האָט זיך אַרויסגעוויזן אַז די פאַרהאַלטענע זענען נישט מער און נישט ווייניקער ווי צוויי פון די געפערלעכסטע לאָדזשער באַנדיטן. די פּאָליציי זוכט זיי אַרום מיט ליכט שוין פון כמה וכמה חדשים און ס'איז נישט מעגלעך געווען זיי צו כאַפּן. מיר נישט, דיר נישט, איז די געזוכטע מציאה אַליין אַריינגעפלויגן צו דער פּאָליציי אין די הענט.

די שמחה אין פּאָליציי־קאָמיסאַריאַט איז אין לשער. די צוויי באַנדיטן זיצן געשמידעט אין קייטן הינטער אייזערנע גראַטעס. מען איז געוואויר געוואָרן ווי אַזוי און ווער עס האָט געטאָן די גרויסע טאַט און געכאַפּט די געפערלעכסטע באַנדיטן פון לאָדזש. הענדום־פּענדום האָט מען פון קאָמיסאַריאַט אַהער געשיקט אַ באַוואָפנטן פּאָליציי־פּאַטרול אונז למען־השם תיכף ומיד אַהין צו ברענגען אין קאָמיסאַריאַט. קודם־כל וויל אונז דער קאָמיסאַר אויסדריקן זיין באַוואונדערונג און אָנערקענונג. צווייטנס, דאַרפן מיר אונטערשרייבן דעם באַשולדיקונגס־פּראָטאָקאָל און זיין די הויפּט־עדות אויפן פּראָצעס מיט וועלכן לאָדזש און פּוילן וועלן קלינגען.

וואָס עס האָט זיך געטאָן אין אונזערע הערצער ווען מיר האָבן געהערט די דאָזיקע לויב־רייד און מיר האָבן זיך דערוואוסט ווער עס האָט געשטעקט אין אונזערע הענט, מיט וועמען מיר האָבן זיך געראַנגלט בייבאַכט און וועמעס אַרבלען זענען ביי אונז פאַרבליבן — נייך, — איך וואָלט עס קיין ייד נישט געוואונטשן צו פילן דעם טעם פון דעם אַנגסטיקן און אומהיימלעכן פּחד וואָס איז אונז באַפאַלן ליגנדיק אין די בעטן.

ביי אַלע זייערע סענטימענטן צו אונז זענען די פּאָליציאַנטן געוואָרן היפּש גראָבלעך ווען זיי האָבן געזען אַז מיר מאַכן נישט די מינדסטע באַוועגונג אויפצושטיין. זיי האָבן אונז צוגעאיילט נישט צו באַלאַמוטשען און מיט זיי מיטצוקומען.

מיט ציטערדיקע הענט און פיס און מיט פאַרביטערטע הערצער זענען מיר, באין ברירה, אויפגעשטאַנען, זיך אָנגעטאָן און אַראָפּגעגאַנגען מיט דער פּאָליציי. אין דרויסן איז נאָך געלעגן די שטילע ווינטערדיקע

נאַכט. פּאָליציי האָט אונז אַרומגערינגלט מיט זייערע ביקסן און מיט אונז אָנגעהויבן צו מאַרשירן אין די שנייען.

אויפן וועג האָט דער פירנדיקער פּאָליציאַנט נאָך אַמאָל אָנגעהויבן זיינע קאָמפּלימענטן און געזאָגט, אַז סיידן צוליב אונזער העלדישן מוט האָבן די באַנדיטן אונז נישט אַוועקגעקוילעט ווי די הינער אין מיטן דער פּוסטער לאַדזשער גאַס. פּאָליציי אַליין וואָלט עס נישט גענומען אַזוי לייכט אָנצוהויבן דעם קאַמף מיט אַזעלכע געפערלעכע באַנדיטן. איר, גאַרנישט. מיט די בלויזע הענט! האָט דער פּאָליציאַנט געזאָגט און אונז אָנגעקוקט ווי ער וואָלט זיך געוואָלט נאָך אַמאָל איבערצייגן, צי זענען מיר עס טאַקע די גרויסע העלדן וועלכע ער האָט דעם כבוד צו פירן איבער די לאַדזשער גאַסן — פון אַזאַ געוואַגטער העלדישקייט האָט ער, דער פירנדיקער פּאָליציאַנט, געהערט דערציילן סיידן פון זיינע זיידעס וואָס האָבן אַמאָל, אין די פּאַרצייטישע יאָרן, מיטגעקעמפט אין דער פּוילישער פּאָווסטאַניע. צווישן די היינטיקע שוואַכערע דורות געפינען זיך פאַרט מענטשן וואָס פאַרמאָגן דעם פּאַרצייטישן מוט און פּאַרצייטישע גבורה, האָט ער צוגעגעבן מיט גרויס פּאַטאָס.

די לויב־ווערטער האָבן אונז געשניטן אין האַרצן ווי קאַלטע שאַרפע מעסערס. מיר האָבן איצטער ערשט באַנומען אין וואָסער סכנה מיר האָבן זיך געפונען און אַז מיר דאַרפן בענטשן גומל. די פיס האָבן אונז קוים געטראָגן מחמת דער גרויסער שרעק ווען מיר האָבן זיך דערמאָנט וואָס מיט אונז האָט זיך אָפּגעטאָן.

אין קאָמיסאַריאַט האָט מען אונז קודם־כל געוויזן די צוויי באַנדיטן וואָס זענען געזעסן מיט קייטן אויף די הענט. די באַנדיטן האָבן אונז אָנגעקוקט און האָבן זיך ערשט געכאַפּט אויף דעם ביטערן טעות וואָס זיי האָבן געמאַכט. אָנשטאָט מיט אַ קליין פינגערל אונז צו מאַכן פּאַר שטילע בר־מינגס, האָבן זיי זיך גאַר דערשראָקן, איבערגעלאָזט זייערע אַרבלען אין אונזערע הענט, און מיט געזונטע קעפּ זיך אַליין אַריינגע־לייגט אין תפיסה. זיי האָבן אויף אונז געטאָן אַ קוק ווי צעיושעטע טיגערס. פון דעם דאָזיקן קוק אַליין — הגם זיי זענען געווען געשמידט אין קייטן — איז פון אונז אַרויסגעפלויגן דאָס רעשטל נשמה וואָס איז נאָך פאַר־

בליבן ביי אונז אין די ביינער. מיר זענען שיעור נישט געפֿאַלן אין חלשות.

ביים קאָמיסאַר אין קאַבינעט האָט זיך נאָך אַמאָל אָנגעהויבן דער גרויסער פּאַראַד פֿון קאָמפּלימענטן אויף אונזער חשבון. דער קאָמיסאַר האָט אונז גערדריקט די הענט מיט פֿיל אָנערקענונג און געזאָגט, אַז זעלטן ווען איז אים אויסגעקומען צו זען אַזעלכע אומדערשראָקענע מוטיקע העלדן. ער האָט אונז נאָך אַמאָל דערציילט וואָסערע געפֿערלעכע באַנדיטן מיר האָבן געכאַפּט. ווען נישט אונזער גוואַלדיקער מוט וואָלטן מיר ביידע שוין געווען אויפֿן עולם־האמת. זיי וואָלטן איך אָוועקגעקוילעט ווי די הינער, — האָט געזאָגט דער קאָמיסאַר און מיט זיין האַנט געמאַכט אַ באַוועגונג איבערן אייגענעם האַלדז ווי ער וואָלט זיך געגאַנגען שעכטן.

מיט ציטערדיקע הענט האָבן מיר אונטערגעשריבן דעם עדות־פּראָטאָקאָל. נידערגעשלאָגענע זענען מיר אַהיימגעגאַנגען.

צומאָרגנס אינדערפֿרי האָט שוין די גאַס געקלונגען מיט די וואונדערלעכע פּאַסירונגען פֿון דער נאַכט. איך און משה מאַנדל זענען מיר געווען די העלדן פֿון טאָג. ביין אַזייגער אינדערפֿרי איז שוין ביי מיר געווען מאַאוריצי פּרוסאַק. זיין פּנים האָט געלויכטן פֿון שטאָלץ און גליק. ער האָט געוואָלט אויף מיר אַרויפֿפֿאַלן און מיך אויסקושן. איצט, האָט ער געזאָגט, באַדאַרף ער מער נישט קיין הינט און קיין באַהאַלטענע גלעקלעך. מיין נאָמען אַליין איז פֿאַר אים די בעסטע גאַראַנטיע, אַז אַלע לאָדזשער גנבים וועלן מיידן זיין פּאַלאַצל ווי די פּעסט. ער האָט מיט מיר, זאָגט ער, אויסגענומען די פֿינף און זיבעציק טויזנט!

ווען איך מיט משה מאַנדלען זענען שפּעטער אַראָפּגעגאַנגען אויף דער גאַס האָבן אַלע געטייטלט אויף אונז מיט די פֿינגער. גויים האָבן אַרונטערגענומען די היטלען. נישט ווייט פֿון פּרוסאַקס הויז זענען געווען יאַטקעס. די קצבים־יינגען האָבן אַלצדינג איבערגעלאָזט און מיט העק אין די הענט אַרויסגעלאָפֿן אויף אונז קוקן און אונז באַוואונדערן.

הינטער מיר האָב איך פֿאַרנומען דאָס פֿאָלגנדיקע געשפּרעך פֿון צוויי לאָדזשער וואוילע יינגען:

— יענער אָ, דער דיקלעכער (זיי ווייזן אויף מיר) איז, אַז מען טוט

נאָר אויף אים אַ קוק באַפאַלט שוין אַן אימה. ממש מען זעט בפירוש אַז ער קאָן צערייסן אייזן ווי שטיקלעך פּאַפּיר. איטלעכן טריט וואָס ער שטעלט, שפּאַלט זיך פשוט אונטער אים די ערד. דער צווייטער, (זיי ווייזן אויף משה מאַנדלען), דוכט זיך, אַ קליין נישט אַנזעעוודיק מענטשעלע — נאָר ווי צו דער באַק וואָס כאַפּט פון דעם דאָזיקן מענטשעלע אַ פּאַטש.

***

אין אַ פּאָר חדשים שפּעטער איז אין אַ לאָדזשער געריכט פאָרגעקומען דער משפט פון די געכאַפּטע באַנדיטן. לאָדזש האָט פונדאָסניי געקלונגען. אין טאָג פון משפט איז דער געריכט־זאַל געווען פול מיט צושויער און מיט פּרעסע־קאָרעספּאָנדענטן. מען איז געקומען זען און באַשרייבן דאָס גרויסע געשעעניש. אין עדות־שטיבל בין איך מיט משה מאַנדלען — די אייגנטלעכע העלדן פון טאָג — געזעסן אין געהאַקטע וואונדן און מיט אָראָפּגעלאָזטע קעפּ.

דער משפט האָט זיך אָנגעהויבן. אויף דער באַשולדיקונגס־באַנק זענען געזעסן די צוויי באַרימטע באַנדיטן אַרומגערינגלט מיט די בלאַנקענדיקע שווערדן פון דער וואַך. דאָס הויכע געריכט איז געזעסן אין שוואַרצע טאָגעס צו הערן און צו משפּטן. דער פּראָקוראָר אין אַ רויטער טאָגע האָט אַרויסגענומען פון זיין טעקע אַ ים מיט פּאַפּירן, — פּאַפּירן וואָס האָבן דערציילט אַלע פריערע און שפּעטערע חטאים פון די באַשולדיקטע. ס'האָט ממש געשמעקט מיט בית־דין־של מעלה.

מען האָט אַריינגעפירט אין געריכט־זאַל די צוויי באַרימטע עדות, י. י. טרונקן און משה מאַנדלען. די באַנדיטן אויף דער באַשולדיקונגס־באַנק האָבן אונז נאָכאַמאָל אָנגעקוקט און געזען זייער ביטערן טעות. ווען זיי וואָלטן נאָר געקאָנט, וואָלטן זיי אויפגעשפּרונגען פון דער באַנק און געמאַכט פון אונז דאָס, וואָס זיי האָבן אייגנטלעך באַדאַרפט צו מאַכן אין יענער פאַטאַלער נאַכט.

דער פּראָקוראָר האָט אָנגעהויבן צו לייענען דעם באַשולדיקונגס־אַקט. ער האָט פון די פּאַפּירן אַרויסגעלייענט אַ צעטל חטאים און פאַר־

ברעכנס, פון וועלכע דאָס בלוט האָט געקאָנט פאַרגליווערט ווערן אין די אָדערן. די באַשולדיקטע באַנדיטן האָט ער געשילדערט ווי די פינצטערע סימבאָלן פון אַלדאָס שלעכטס און בייז אויף דער וועלט. די מענטשהייט וועט נישט קאָנען רואיק שלאָפן אין אירע בעטן כל־זמן די דאָזיקע פאַר־שוינען וועלן נישט באַמבלען אויף דער תליה. שפּעטער האָט ער מיט גרויס פּאַטאָס אַרויסגעפירט די צוויי ליכטיקע פּאַרשוינען אַלס קעגנ־שפּילער צו דער פינצטערניש. מיך און משה מאַנדלען. פּאַרשוינען פול מיט מוט און העלדישקייט. געבענטשט איז די געזעלשאַפט — האָט דער פּראָקוראָר אויסגערופן מיט גרויס געפיל — וואָס פאַרמאָגט אין אירע רייען אַזעלכע ריינע און מוטיקע באַקעמפער פון פאַרברעכן, ווי אָט די צוויי חשובע עדות. און ער האָט מיט אַ סך טעאַטראַלישן זשעסט אויס־געשטרעקט צו אונז זיינע בײדע הענט.

דער פּראָקוראָר האָט יענע פּאַטאָלע נאָכט גענומען שילדערן אין דראַמאַטישע פאַרבן און האָט דערציילט מעשׂיות פון מיר און משה מאַנדלען פון וועלכע מיר אַליין האָבן נישט געהאַט די מינדסטע אָנונג, וואָרעם בעת די מעשׂיות זענען געשען זענען מיר נישט געווען ביי די חושים.

מיר ביידע, די העלדן פון טאָג, זענען געשטאַנען מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ. דאָס פּובליקום אין זאַל האָט עס מן־הסתם אָנגענומען פאַר גרויס באַשיידנקייט.

ווען דער פּראָקוראָר האָט פאַרענדיקט זיין הויך־דראַמאַטישע רעדע האָט מען אונז צוגערופן צום עדות־טישל. מיר האָבן נישט געוואוסט קיין סך צו דערציילן. אויך דאָס וואָס מיר האָבן דערציילט האָבן מיר שטיל גערעדט. אונזער קול האָט געציטערט פון פּחד — אין דער זייט פון אונז זענען געזעסן די באַשולדיקטע באַנדיטן.

מען האָט אונז ענדלעך געהייסן אַהיימגיין. מיר האָבן פרייער אָפּגעאָ־טעמט ווען מיר זענען אַראָפּגעקומען אויף דער גאַס.

— איר ווייסט, משה מאַנדל, — האָב איך מיך אָפּגערופן צו מיין פריינט ווען מיר האָבן זיך דערווייטערט פון געריכט־הויז, — די מענטש־לעכע געשיכטע דערציילט אַ סך וועגן העלדנטאַטן און וועגן העלדן. איך

ווייס נישט וואָסערע צופאַלן עס האָבן געשטעקט הינטער די העלדנטאַטן. וואָס שייך די העלדן — בין איך שטאַרק מסופק צי די געשיכטע איז אַ גוטער פּסיכאָלאָג. איך וועל מיך נעמען, ליבער פּריינט, צו מאַכן אַ רעוויזיע אין דעם גאַנצן פּסיכישן בילד פון אַלעקסאַנדער מוקדון און יוליוס צעזאַר.

מער האָבן מיר נישט גערעדט. די גאַסן האָבן אָנגעהויבן צו ווערן טומלדיקער מיט פאַרהאַוועטע לאָדזשער יידן. אַ קאַשטאַן־בוים, וואָס איז געשטאַנען אַ פאַרבלאָנדזשעטער אין מיטן די לאָדזשער גאַסן, האָט געהאַלטן ביים זיך פאַנאַנדערבליען. ער האָט אונז דערמאָנט אַז אין דרויסן אין דער וועלט איז פרילינג.

קאַפּיטל אַכט און פֿערציק

איך ציִ מיך אַריבער קיין וואַרשע און האָב נייע האָפֿענונגען.

יאָר 1925. אין האַרבסט האָב איך מיך אַריבערגעצויגן קיין וואַרשע להשתקע. דאָרט בין איך שוין פֿאַרבליבן ביז דער שיקזאַל פֿון פּוילישע יידן האָט זיך פֿאַרענדיקט. די שוואַרצע פֿאַרהאַנגען האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט איבער איינעם פֿון די שענסטע אַקטן פֿון דעם קאָסמישן טעאַטער־שפּיל וואָס הייסט: יידן אויף דער בינע פֿון דער וועלט.

אַריבערגעצויגן קיין וואַרשע האָב איך מיך פּשוט, כּדי צו זיין אין מיטן דעם צענטער פֿון דער נייער זיך־אויפֿבויענדיקער תּקופֿה אין דער יידישער ליטעראַטור. נאָך דער מלחמה האָט זיך אויך פֿערזענלעך ביי מיר אָנגעהויבן אַ פּרוכטבאַרערע טעטיקייט אין מיין ליטעראַרישן שאַפֿן. אַחוץ בעלעטריסטיק האָב איך אויך אָנגעהויבן צו אַרבעטן אויפֿן געביט פֿון עסיי און קריטיק. הגם, אין אַ קינסטלער ווערט גאַרנישט געבוירן אויפֿסניי. די אַנטוויקלונג פֿון זיין וועזן איז נייערט די אַנטוויקלונג פֿון די זאָמענס וואָס ליגן אין אים פֿון סאַמע אָנהויב. מן־הסתּם פֿון זיין פֿריסטער קינדהייט. אַלצדינג נייע וואָס קומט פֿאַר אין די געדאַנקען און אין די מעשׂים פֿון אַ מענטש זענען נישט מער ווי נאָך אַן אויפֿגעוויקלט בלאַט פֿון דעם ערשטן זאָמען פֿון אַ לעבעדיקער עקזיסטענץ. אין דער ערשטער טאַט ליגן תּמיד אַלע שפּעטערדיקע טאַטן.

אין וואַרשע האָט מען — גיכער און נאָך בולטער ווי אין לאָדזש — געזען ווי די יידישע תּקופֿות אין פּוילן האָבן זיך צעבראָכן אויף צוויי. איינע זינקט אַראָפּ טיף טיף אין שאָטן. די אַנדערע קעמפֿט מיט אַלע

כוחות אַרויפצוקומען אויף דער ליכטיקייט — און עס קוקט באַשיימפּער־לעך אויס אַז עס גערעאַט איר. נאָך די שווערע מלחמה־יאָרן שיילט זיך ווי אַרויס אַ ליכטיקער מאָרגן־שטערן פֿאַר יידן אויף דער פּוילישער ערד.

דעמאָלט האָט נאָך קיינער ניט געקאָנט אָנען אַז הינטער דעם אויפגייענדיקן מאָרגן־שטערן גייט אויך אויף דער לעצטער און בלוטיקער אומקום פֿון יידן אויף דער פּוילישער ערד.

ניו־יאָרק, סעפּטעמבער, 1949.

פארלאג „אונזער צייט"

י. י. טרונק — פוילן, באַנד 1, 252 זייטן — — — — — — — — $2.00

י. י. טרונק — פוילן, באַנד 2, 318 זייטן — — — — — — — — 2.50

י. י. טרונק — פוילן, באַנד 3, 288 זייטן — — — — — — — — 2.50

י. י. טרונק — פוילן, באַנד 4, 304 זייטן טעקסט, 8 זייטן בילדער — — — — — — — — — — — 3.00

י. י. טרונק — פוילן, באַנד 5, 308 זייטן — — — — — — — — 3.00

י. ש. הערץ — די געשיכטע פון אַ יוגנט, 592 זייטן טעקסט, 48 זייטן בילדער — — — — — — — — — — — 3.50

לייבעטשקע בערמאַן — אין לויף פון יאָרן, 386 זייטן טעקסט, 38 בילדער — — — — — — — — — — — — 2.50

זיגעלבוים-בוך — 408 זייטן טעקסט, 9 זייטן בילדער — — 3.00

בערנאַרד גאָלדשטיין — 5 יאָר אין וואַרשעווער געטאָ, 500 ז' טעקסט, 24 זייטן בילדער — — — — — — — — 3.50

די יידן אין פוילן — (אַ. מענעס, דר. ר. מאַהלער, דר. יעקב שאַצקי, וו. שולמאַן) 920 שפּאַלטן (פון גרויסן פאָרמאַט) — — — — — — — — — — — 5.00

אַרקאַדי — 436 זייטן טעקסט, 11 זייטן בילדער — — — — — — 2.00

וולאַדימיר מעדעם — 367 זייטן טעקסט, 6 זייטן בילדער — 2.00

אין די יאָרן פון יידישן חורבן — (די שטים פון אונטערערדישן בונד), 342 ז' טעקסט, 6 ז' בילדער — 3.00

שלמה מענדעלסאָן — 492 ז' טעקסט, 5 ז' בילדער — — — 3.50

י. ש. הערץ — די יידן אין אוקראַינע — 262 זייטן — — — — 3.00

ערליך-אַלטער בוך — 472 ז' טעקסט, 16 ז' בילדער — — 4.00

מיט באַשטעלונגען זיך ווענדן צו:

Farlag UNSER TSAIT

175 E. Broadway, Rm. 401, New York 2, N. Y., U.S.A.

ווערק פון י. י. טרונק

פון דער נאַטור. נאָוועלן. (פאַרלאַג גיטלין, וואַרשע.)

פייגנביימער און אַנדערע דערציילונגען. (פאַרלאַג „די צייט", וואַרשע.)

מידע. נאָוועלן. (פאַרלאַג פנחס גראַאובאַרד, וואַרשע.)

אידעאַליזם און נאַטוראַליזם אין דער יידישער ליטעראַטור. (פאַרלאַג „קולטור־ליגע", וואַרשע.)

צווישן ווילן און אַנמעכטיקייט (ה. ד. נאָמבערג). (פאַרלאַג „קולטור־ליגע", וואַרשע.)

יאָסעפוס פלאַוויוס פון ירושלים און אַנדערע היסטאָרישע נאָוועלן. (פאַרלאַג „קולטור־ליגע", וואַרשע.)

יידישע קולטור־פראַגן און דער סאָציאַליזם. (פאַרלאַג „קולטור־ליגע", וואַרשע.)

נאָענט און פרעמד. עסייס. (פאַרלאַג „קולטור־ליגע", וואַרשע.)

שלום עליכם (זיין וועזן און זיינע ווערק.) (פאַרלאַג „קולטור־ליגע", וואַרשע.)

וועלט־חשבון (פראָזע און לידער וועגן דער וועלט).

סאָציאַליסטישע אימפּרעסיעס. (פאַרלאַג „קולטור־ליגע", וואַרשע.)

טביה און מנחם־מענדל אין יידישן וועלט־גורל. (פאַרלאַג „ציקאָ", ניו־יאָרק.)

בלעטער אויפן ווינט. לידער. ניו־יאָרק.

פוילן (זכרונות און בילדער) ערשט בוך.

פוילן (זכרונות און בילדער) צווייט בוך (קינדער יאָרן)

פוילן (זכרונות און בילדער) דריט בוך („יוגנט")

פוילן (זכרונות און בילדער) פערט בוך (די פּריוועסעס)

פוילן (זכרונות און בילדער) פינפט בוך (פרץ.)

די יידישע פּראָזע אין פוילן אין דער תקופה צווישןביידע וועלט־מלחמות.
צענטראַל־פאַרבאַנד פון פוילישע יידן אין אַרגענטינע. בוענאָס־
איירעס.

סימכע פלאַכטע פון נאַרקאָווע אָדער דער יידישער דאָן־קיכאָט. צענטראַל־
פאַרבאַנד פון פוילישע יידן אין אַרגענטינע. בוענאָס איירעס.